אָט בין איך אַ קליין קינד אין מיין טייערן און וואַרעמען משפחה־נעסט, כ׳ליג ביי דער מאַמען אין איר בעט, איך טוליע מיך צו איר און נעם איר שטאַרק אַרום. און זי, די מאַמע, גלעט מיך און קושט מיך, דריקט מיך שטאַרק צו איר ברוסט ווי זי וואָלט וועלן מיך צוריק אַריינפּרעסן אין זיך כדי אַזוי אַרום פאַרשפּאָרן איר קינד די צו־קונפטיקע צרות. כ׳צעגיי ממש פון פאַרגניגן, וואַרף מיינע בליקן באַהאַלטענערהייט אַנטקעגן צו דעם צווייטן בעט, אין וועלכן ס׳ליגט מיין פאָטער, און איבעראַשט, זעענדיק אַז ער איז אליין, האָבן זיך אויפגעוועקט מיינע רחמנות־געפילן אויף אים, איך פאַרלאָז שנעל מיין מאַמעס בעט און, כמעט, אויף „אַלע פיר״ אַריבערגעקראָכן צו אים, ווייל אויך ער האָט די זעלבע רעכט אויף מיר, און מיין ווילן איז ניט וויי־ניקער שטאַרק אויך אים צו געבן אַ חלק פון מיינע צערטלונגען.

און אזוי קען איך פאַרבלייבן אָן אַ סוף אין אַ צושטאַנד פון טרוימען אויפן וואָר, זיצן ווי פאַרשיכּרט מיט פאַרמאַכטע אויגן און פילן אויפסניי די צערטלעכע באַרי־רונגען, אָבער — ליידער — די אומגעבונג רייסט מיך ארויס פון זיסן חלום און קערט מיך אום צוריק צו דער ווירקלעכקייט, און אַלץ ווי אַ חלום פאַרגייט.

ליידער, ניט איינמאָל שווימען אַרויס פון די טיפענישן פון די מוח־קעמערלעך אויך

ביטערע דערינערונגען. און גראַדע זיי, די שלעכטע פילן אָן די מוח־קעמערלעך אַזוי געדיכט און אזוי קאָמפּאַקט אַז זיי האַלטן, ממש, ביי פּלאַצן, און ווען זיי פּראַלן זיך אויף, הויבט אָן צו שטראָמען מיט אַ געוואַלטיקן רעש אַ מין מוטנע פליסיקייט, אַ שוואַרצע ממש, און אַזוי שטראָמענדיק שאַפן זיך בלעזלעך, פון וועלכע ס׳קוקן אַרויס מאָנסטערן, פילקעפּיקע, פילפיסיקע, קרומע, פאַרהויקערטע, פאַרקריפּלטע, ווילדע חיות אין מענטשלעכן געשטאַלט, אַלע בלוטדורשטיקע, און פון זייערע אויגן קוקט אַרויס דאָס שלעכטס און די פאַרדאָרבנקייט. כ׳בין דערציטערט פון כעס און פון צער, וואָס די זיסע חלומות מיינע זענען צונישטגעוואָרן. כ׳בין ווי אַ קינד, וועמענס באַליבטע שפּילצייג איז פון זיינע הענט אַרויסגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן אויף קליינע שטיקלעך, אָדער ווי עמיצער וואָלט זיי מיט כח פון זיינע הענט אַרויסגעריסן. ס׳קינד ברעכט אויס מיט אַ געוויין, זיין וועלט איז אים נעבעך חרוב געוואָרן. אַזוי וויין איך כליפּנדיק פון צער און ווייטיק, און זעענדיק די שרעקלעכע בילדער רייסט זיך אַרויס פון מיין מויל אַ ביטערער געשריי: „ווי אַזוי האָט איר געקאָנט פאַרטיליקן מיין משפּחה־נעסט אָן שום געוויסנסביסן, ווי אַזוי האָט איר געקאָנט חרוב מאַכן אַ יידישע שטאָט, אין וועלכער ס׳זענען געווען אַזעלכע הונדערטער משפּחה־נעסטן, און איר זייט ניט פאַרציטערט געוואָרן. ווי אַזוי, געוואַלד, ווי אַזוי?״

ס׳איז געווען אַמאָל אַ שטאָט, ווי פיל אַנדערע שטעט אין פּוילן, אַ שטאָט וואָס האָט זיך געטונקען אין גרינס און פרוכטבוימער. אַרום איר אַ ברייטע, פלאַכלאַנד,



שטאָט־ראַט פּלאַץ אין דוואַרט

פעלדער, לאָנקעס, אַ גרויסער טייך מיט פיל פיש, און אַ פּאַסטאָראַלע אידילישע שטילקייט האָט געהערשט אַרום איר. הונדערטער יאָרן זענען דאָ יידן געבאָרן געוואָרן, געלעבט, געאַרבעט און געשאַפן און געזען אין איר זייער היימאַט. און טראָץ דעם וואָס זיי זענען געווען אַ מינדערהייט, אַ קליין אינזעלע אין אַ ים פון גויים, האָבן זיי פיל בייגעטראָגן צו דער ענטוויקלונג פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, סיי אין קולטורעלן און סיי אין מאַטעריעלן זין.

געאָגראַפיע אויפן שפּיץ מעסער

נאָך פיל זוכעניש קען מען געפינען אויף דער מאַפּע פון פּוילן, אין איר דרום־מערבדיקן טייל, אַ קליין פּינטעלע, גרויס פון אַ שפּילקע־קעפּעלע און לעבן איר אַן אויפשריפט „וואַרטאַ“. דאָס דאָזיקע וואָרט באַווייזט אַז דאָ פליסט אַ טייך מיט דעם נאָמען, און אַז דאָס קליינע פּינטעלע איז די שטאָט, וועלכע טראָגט דעם זעלבן נאָמען ווי דער טייך, וועלכער איז דער צווייטער לויט זיין גרויס אין פּוילן.

דאָס איז די שטאָט, אין וועלכער כ׳בין געבוירן געוואָרן און וועגן וועלכער כ׳וויל דאָ דערציילן. די דאָזיקע שטאָט האָט זיך ניט געקאָנט אריינרעכענען אין די רשימה פון די גאָר גרויסע שטעט אין לאַנד, סך הכל האָט זי געציילט פון פינף ביז זעקס טויזנט איינוווינער, אַ געמישטע באַפעלקערונג, ביי אַ 40% יידן, און די איבעריקע — קריסטן, לויט זייערע אַלע רעליגיעזע שאטירונגען. (בלויז לויטן זכרון).

פון מוניציפּאַלן שטאַנדפּונקט איז זי געווען אַ שטאָט ווי אַלע שטעט, טראָץ דעם וואָס זי איז געווען אָפּהענגיק אַדמיניסטראַטיוו פון שיעראַדז. אַ מאָל האָט זי געהערט צום קאַלישער קרייז, און שפּעטער צום לאָדזשער וואָיעוואָדישן קרייז.

דעם אמת־זאָגנדיק איז ביי מיר פּערזענלעך געווען באַליבט ניט איר אָפיציעלער נאָמען „וואַרטאַ“, נאָר ווי ביי די יידן פון דורות אָנגענומענער נאָמען „דוואַרט“. דער מקור פון דעם דאָזיקן נאָמען איז מיר געווען ניט באַוווסט, אָבער ס׳איז מעגליך זיך משער צו זיין, אַז דער יסוד פון דעם נאָמען געפינט זיך אין דעם נאָמען פון שכנותדיקן טייך. די דאָזיקע סברה באַזירט זיך אויף די פאַרשידענע פאַרגרייזונגען, וועלכע אַלע שפּראַכן און ספּעציעל די יידישע פאַרמאָגן און וועלכע זענען אזוי אָנגענומען געוואָרן ביי די ברייטע פאָלקס־מאַסן. די סיבה פון די דאָזיקע פאַרגרייזונגען שטעקט, וואַרשיינלעך אין דער איבערזעצונג פון איין שפּראַך אין דער אַנדערער, אָדער פילייכט אין איינשלינגען פאַרשיידענע אותיות, אָדער אין פאַרבייטן זיי אין אַנדערע לייכטערע אין אויסדרוק אין טאָגטעגלעכן ריידן. באַקאַנט זענען אין יידיש די ווערטער „בוכשעם“ אנשטאָט „ברוך השם“, „אַ שנאָל מיט גאָלד“ אנשטאָט „אַ שלל מיט גאָלד“, „אַן אַנהאַרע“ אנשטאָט „אַן עין רעה“ א. א. וו. דאָס זעלבע איז, מן הסתם, געשען אויך מיט דעם דאָזיקן פאַל. ביים זאָגן דאָס וואָרט „די וואַרטע“ זענען איינגעשלונגען געוואָרן די אותיות „יוד“ און „הא“ — און אַזוי אַרום האָט זיך אַרויסגעזאָגט לייכט און

פליסיג דאָס איינציקע וואָרט „דוואַרט".

לויט נאָך אַ סברה, אין שייכות מיט די פאַרגרייזונגען אין יידיש, איז די סיבה געווען אַ גאַנץ וויכטיקע — די נויטווענדיקייט אין אַ פאַרשטעלטער שפּראַך אין טאָג־טעגלעכן געברויך מיט ניט־יידן. פּילייכט! (לאָמיר די דאָזיקע סברות איבערלאָזן פאַר די פילאָלאָגן).


אונדזער שטעטל האָט ניט זוכה געווען צו געפינען זיך לעבן אַן אייזנבאַן־ליניע, און ווען אַ דוואַרטער איינוווינער האָט געוואָלט פאָרן מיטן באַן צו קומען נאָך לאַדזש אָדער אין אַן אַנדער שטאָט צוליב זיינע געשעפטן אָדער פּערזענלעכע ענינים, האָט ער פאַר זיך געהאַט נור צוויי מעגלעכקייטן: גיין צו פוס ביי אַן אַכט קילאָמעטער ביז די באַנסטאַנציע סענדזשיצע, אָדער פאָרן מיט אַ „ריסאַרע" (אַ דראָזשקע) צו דער באַנסטאַנציע אין שיעראַדז, ווייל קיין אויטאָבוספאַרקער איז נאָך דאַן אין אונדזער סביבה, אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, ניט געווען.

און טראָץ אַלע מעלות וואָס שיעראַדז האָט פאַרמאָגט אין פאַרגלייך צו דוואַרט מיט איר אייזנבאַן־ליניע און מיט אירע אַדמיניסטראַטיווע־קרייז אינסטיטוציעס און טראָץ דעם מעגלעכן יחוס פון אַנדערע שטעט, האָט דאָך קיין איינע פון זיי ניט געקאָנט זיך פאַרמעסטן מיט דוואַרט לכל הפחות אין איין געביט דהיינו: ווען, חלילה, אַ ייד פון דער אומגעבונג האָט, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, געוואָרפן אַן אום־חן אויף דער אשת־חיל, זיין ווייב, און ער האָט געוואָלט איר אָפּגטן האָט ער געמוזט זיך מטריח זיין און קומען דווקא צו אונדז, און ניט אין קיין אַנדער שטאָט אין דער נאָענטער סביבה, און דאָס אַ דאַנק אונדזער געאָגראַפישער לאַגע, ווייל דוואָרט געפינט זיך ביי אַ טייך, און לויט דעם אַלטן יידישן מנהג איז אַ גט, אין וועלכן ס'איז ניט דערמאָנט דער נאָמען פון שטאָט אין וועלכער דער גט איז געשריבן געוואָרן און דער נאָמען פון טייך לעבן וועלכן ס'ליגט די שטאָט, ניט גילטיק. (צו וואָס פאַר אַ מזל האָט אונדזער שטאָט זוכה געווען!).

דריי הויפּטוועגן האָבן געפירט אין שטאָט אַריין. 1) די שיעראַדזער גאַס, 2) די דאָברער גאַס, 3) און די בריק־וועגס.

די ערשטע צוויי, פאַרשטענדלעך, זענען לויט די נעמען פון די שכנותדיקע שטעט, און דער לעצטער — צוליבן טייך, איבער וועלכן ס'זענען געווען בריקן.

פאַרשטענדלעך אַז ס'זענען געווען נאָך גאַסן, אָבער זיי האָבן, בעיקר, געפירט צו שכנותדיקע דערפער, וועלכע זענען געווען גאַנץ באַלעבט אין ביידע ריכטונגען איבערהויפּט אין די מאַרק און ירידים טעג. אָט אין די טעג זענען די דאָזיקע דאָרפס־וועגן געווען פול מיט לעבן און באַוועגונג. פּויערים זענען געפאָרן אין שטאָט אַריין אויף זייערע וועגענער געפּאַקטע מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן צום פאַרקויפן, אין אַלע אַנדערע טעג האָט מען אויף די דאָזיקע וועגן געקאָנט גאַנץ אָפט באַמערקן יידישע דאָרפסגייער אָדער פאַרשידענע בעלי־מלאכות ווי שניידער, שוסטער, בלעכער


מאַרק (ריינעק)
שול גאַס
די בעקער גאַס
קלויסטער גאַס
קאַנאַל
קאַנאַל
טאַרגאָווישקאַ
שטאָט פּאַרק
פּאַרק
ציום טייך
בריק וועגס

און אַנדערע, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אין דאָרף אַריין צו זוכן זייער חיונה.

די צוויי גאַסן, די שיעראַדזער און די דאָברער, האָבן זיך געצויגן גלייך ווי אַ סטרונע לענג־אויס דער גאַנצער שטאָט, בערך, אַן אַנדערהאַלבן קילאָמעטער. דער שיידע־פונקט צווישן דיביידע גאַסן איז געווען דער מאַרק־פּלאַץ. ביידע גאַסן מיטן מאַרק האָבן געבילדעט מיט זיך אַ קערפּער פון אַ שפּין: דער קערפּער — דער מאַרק־פּלאַץ, דער אונטערשטער טייל — די שיעראַדזער גאַס, דער קאָפּ — דאָברע גאַס, און די פיסלעך — די זייטיקע גאַסן.

די שטאָט מיט אירע גאַסן און פּלעצער

אָ, איר אַנאָנימע לעזער, ביטע שליסט זיך אָן צו מיין אויספלוג אום נעענטער צו באַקענען זיך מיט דער שטאָט. די שיעראַדזער באַן־סטאַנציע וועט זיין אונדזער טרעפּ־פונקט, און פון דאָרט וועלן מיר אַרויספאָרן מיט אַ דראָזשקע („אַ ריסאַרקע”). די פערד זענען שוין איינגעשפּאַנט און זענען שוין גרייט צו לאָזן זיך אין וועג קיין דוואַרט..



דער שטאָט־ראַט אין דווארט

אומגעפער אַכצן קילאָמעטער איז דער מרחק פון די ביידע שטעט. די רייזע וועט אַוודאי געדויערן ביי צוויי שעה, און ביי אַ שפּעטערדיקן שיינעם פרילינגס־וועטער וועלן מיר האָבן אַלע אויסזיכטן אַז דער אויספלוג וועט זיין אַן אַנגענעמער און אַ געלונגענער. מיר האָבן זיך געלאָזן בשלום אין וועג אַריין באַגלייט דורך די ליבע וואַרעמקייט פון דער פרילינגסזון און טיילווייז געגלעט מיט אַ לייכטן פרילינג־ווינ־טעלע. אָט זענען מיר שוין אויפן שאָסיי. ס׳באַגלייטן אונדז די שפּאקן און די שוואַלבן. זיי צוויטשערן, יעדער איינציקער אויף זיין שטייגער און שפּרינגען פון בוים צו בוים, פון איין צווייג אויפן אַנדערן. די בינען זשומען און שוועבן רינגסאום, אַרום די „אייער־בלומען” (זון־רויזן) און מאָן־קעפּ.

דאָ און דאָרט ראָיען זיך פאַרשיידענע לארכן, טויבן און אַנדערע פויגל אין די מיסטן, איבערבלייבענישן פון בהמות און פערד אויפן שאָסיי און קלייבן אַרויס פון דאָרט ניט־פאַרדייטע פאַרבליבענע קערנער. ביים דערנענטערן זיך פון אונדזער בריטשקע הייבן זיי זיך אויף דערשראָקענע און צעפּושעטע און צעפליען זיך אין אַלע זייטן, און מיט אונדזער דערווייטערן זיך פון אָרט קערן זיי זיך צוריק אום אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָרניט געשען.

די פּרוכטבוימער, וועלכע ציען זיך אין אַ ריי לײַנג־אויס דעם שאָסעיי, הויבן שוין אָן צו בליען און באַצויבערן מיט זייער פילפאַרביקייט; ווייס — פון פאַרשפּעטיקטן אויפבלי, רויט — די קאַרשן, גרין — די עפּל, און די באַרן אין זייערע ערשטע שטאַפּלען פון ענטוויקלונג. ווי אַלץ וואָלט אויפגעשטאַנען צו אַ נייעם לעבן. אַלץ בליט, אַלץ זאָגט אַ לויב־געזאַנג דעם בורא־עולם, און עמפּפאַנגט מיט אַ האַרציקער ברכה די פאַרבייגייערס.

די פּויערים פון די דערפער, וועלכע געפינען זיך ביי די זייטן פון דעם וועג, באַשטייען אין מערסטנטייל פון די דאָזיקע גויים, וועלכע זענען, ליידער, ניט שטענדיק געווען פריינדלעך געשטימט לגבי אחינו בני ישראל.

נו, מיר האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון דער נסיעה און מיר דערנענטערן זיך צום ציל. אָט זעט מען שוין דעם דאָרף מאָלקאָוו, וועלכער האָט צוגעצויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט צוליב דעם וועלדל און צוליב דעם פּריצישן שלאָס, וואָס געפינט זיך דאָרט. דער שלאָס איז געווען שטענדיק פאַרמאַכט און גוט געהיט דורך די שומרים און זייערע הינט. קיין פרעמדער זאָל, חס וחלילה, אַהין ניט אַריינדרינגען. פאַר אונדז, דוואָרטער יידן, איז דער דאָזיקער אָרט געווען איינגעהילט אין אַ סודות־פולער הילע, כאָטש איינצעלנע פון אונדז איז דאָך געלונגען צו באַזוכן דעם שלאָס ווי צום ביישפּיל האַנדווערקער און פאַרמיטלער. פאַרשטענדלעך אַז די נייגעריקייט צו וויסן וואָס דאָרט טוט זיך האָט משפּיע געווען אויף אונדזער פאַנטאַזיע; טראָץ דעם, וואָס דער שלאָס איז געווען ביים ערשטן בליק נאָענט, ממש, צו דערלאַנגען מיטן האַנט, איז ער דאָך געווען אומדערגרייכבאַר. כ׳וואָלט די אַלע פּרטים ניט דערמאָנט, ווען ניט די אויפגאַבע וואָס דער דאָזיקער שלאָס האָט געדאַרפט אויספירן אין דער צייט פון נאַצישער אקופּאַציע. און ווי פאַרענדערלעך איז דער גורל! אַריינדרינגען אין שלאָס פון גוטן ווילן — איז געווען פאַרבאָטן, אָבער בעת די נאַצישע אָקופּאַציע האָט מען געדאַרפט דאָרט ברענגען מיט כוח יידן אום זיי אומצוברענגען מיט דער הילף פון דעם איבערדרייענדיקן זיך דיל; ווי נאָר מען איז אַרויפגעטראָטן אויף דעם דאָזיקן דיל, האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אום אויף זיין אַקס און דער מענטש איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן קעלער און לעבעדיקערהייט דאָרט באַגראָבן געוואָרן. אָבער צוליב אומבאַוווסטע אומשטענדן איז דער דאָזיקער פּלאַן ניט אויסגעפירט געוואָרן. וואַרשיינלעך אַז אין אָנבליק פון די נייסטע מעטאָדן פון אומברענגען מענטשן, וועלכע די דייטשן האָבן אויסגעפונען, האָבן

זיי געהאַלטן די מעטאָדע פון מאָלקאָוו אַלס אַ פאַרעלטערטע און ניט געננג עפעקטיווע.

אָנקומענדיק אין שטאָט געפינסטו זיך אויף דער אַריסטאָקראַטישער גאַס, דער שיראַדזער, אין וועלכער ס׳האָבן געוווינט אין מערסטנטייל קריסטן פון מיטעלן שטאַנד און אַ זעלכע וואָס באַזיצן פרייע פראָפעסיעס ווי אַ דאָקטער, אַ הייבאַם, אַן אַפּטייקער, אַ פאָטאָגראַפיסט, די שולע און אַ טייל פון די לערער א. א. וו. ס׳איז געווען אַ שטילע גאַס מיט אַלטע פאַרצווייגטע בוימער, מיט אַ ניט גרויסן שטאָט־פּאַרק. דער דאָזיקער פּאַרק האָט זיך געגרענעצט מיט אַ פּאַראַלעל־גאַס — די קלויסטער גאַס. דער קלויסטער־מויער, וועלכער האָט זיך געזען פון דערווייטנס איז געווען געבויט אין סטיל כאַראַקטעריסטיש פאַר רעליגיעזע פּוילישע אַנשטאַלטן. ניט ווייט פון דאָרט האָט זיך געפונען דער ריזן־שפּיטאָל פאַר גייסטיק קראַנקע. און ווי מערקווירדיק און מאָדנע — טראָץ דעם וואָס דאָס איז אַזאַ אומגליקלעכער אָרט, האָט מען דאָרט אַזוי גערן שפּאַצירט שבתים און ימים־טובים! די דאָזיקע גאַס האָט געטראָגן אַ ספּעציפיש ראָמאַנטישן כאַראַקטער. אַ דאַנק אירע אָריגינעלע פּריוואַטע און שטאָטישע געביידעס, וועלכע האָבן געערוט אין שאָטן פון די אַלטע ריזיקע אַקאַציע בוימער און אַנדערע.

אין אַ חגא, אָדער אַ יום־טוב, להבדיל, און אין אַ פּשוטן אָוונט, נאָך דער אַרבעט, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן שפּאַצירן די יונגוואַרג פון שטאָט, יידן און ניט־יידן, וועלכע האָבן מיט פיל הנאה אויסגעניצט אַלע ראָמאַנטישע ווינקעלעך אין דער דאָזיקער גאַס און האָבן זיך געקאָנט אַמוזירן און פאַרווײַלן אומגעשטערט.

אויך דער שפּיטאָל איז געווען אַן אַטראַקציע־אָרט פאַר שפּאַצירנדע. מ׳האָט אַרויפגעקלעטערט אויפן בערגל, וועלכער איז געווען זייער נאָענט צו דעם שטיינערנעם מויער, וואָס האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן שפּיטאָל. פון דעם דאָזיקן בערגל האָט מען געקאָנט זען וואָס ס׳טוט זיך אינעווייניק צווישן די מויערן. וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן מ׳האָט געקאָנט האָבן פון אָבסערווירן דעם אַרט־־לעבן פון די גייסטיק קראַנקע ווייס איך ניט. יעדנפאַלס אויף מיר, דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות, האָט דער דאָזיקער פּלאַץ געמאַכט אַלע מאָל אַ שווערן איינדרוק, צוקוקנדיק זיך דעם צער און ליידן פון די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאָרט אינעווייניק געפונען.

כ׳געדענק, אַז יידישע קהילות אין פּוילן, וואָס איינצעלנע פון זייערע קהילה־מיטגלידער זענען געווען האָספּיטאַליזירט אין דעם אַנשטאַלט, האָבן פאַרזאָרגט זייערע קראַנקע מיט כשרן עסן און מצות אויף פּסח. איינצלנע יידישע דוואָרטער משפּחות האָבן טיילווייז זיך מיטבאַטייליקט ביים דערפילן די אויבנדערמאָנטע אויפגאַבע; עטלעכע האָבן עס געמאַכט פאַר געצאָלט, און אַנדערע — לשם מצווה.

מיינע עלטערן, עליהם השלום, האָבן באַזאָרגט מיט כשרן עסן צוויי שוועסטער, וועלכע אַ חוץ וואָס זיי זענען געווען גייסטיק קראַנק, זענען זיי אויך געווען פולשטענדיק בלינד אויף ביידע אויגן. צופעליק איז אויסגעפאַלן אַז איך זאָל זיין דער שליח־מצווה פון ברענגען זיי דאָס עסן. נאָך היינט ווער איך דערציטערט און די הויט ווערט ביי מיר

גערינצלט, ווען איך דערמאָן מיך די באַרירונג פון זייערע הענט אויף מיין פנים אומ־צופאַרשאַפן זיך אין זייער פאַנטאַזיע דאָס בילד פון מיין אויסזען. ליידער איז מיין שרייבער־טאַלאַנט צו אָרעם אום צו קענען ריכטיק שילדערן מיין גייסטיקן און פיזישן געפיל ביי דעם דאָזיקן אָנריר.

ווער ווייס וואָס וואָלט געשען מיט זיי ווען ס׳קומט ניט „די לעזונג״ פון דעם דייטשן פאַרניכטונגס־אַפּאַראַט? די נאַציס האָבן דאָס גערופן „גנאַדע־טאָט״, אָבער לויט דער יידישע רעליגיעזע אויפפאַסונג און לויט די מיינונג פון גרויסע הומאַניסטן מיט אַ וועלט־נאָמען איז שטרענג מאָראַליש פאַרבאָטן אַזאַ צוגאַנג און זיי נעגירן קאַטעגאָריש אַזאַ לעזונג. און מ׳קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן.



דער מאַרק — דער צענטער פון שטעטל

דער מאַרק פלאַץ און זיינע פאַרצווייגונגען

די שיעראַדזער גאַס איז געווען אַ קורצע. וועגן איר אָנהויב האָבן מיר שוין אויבן דערציילט, און אין איר ענדע האָט זיך אָנגעהויבן דער „רינעק״. דער מאַרק־פלאַץ איז געווען אין פאָרם פון אַ פירעק, און אַלע פיר זייטן זענען פאַרבויט געווען מיט בנינים פון פאַרשידענעם אַרט, מערסטנטייל זענען דאָס געווען צווייִשטאָקיגע געביידעס. די פאַרטערן און קעלערס האָבן געדינט אַלס געוועלבער און וואַרשטאַטן, און די שטאָקן איבער זיי האָבן געדאַרפט דינען אויסשליסלעך אַלס וווינונגען, און טראָץ דעם האָבן אויך זיי טיילווייז געדינט אַלס וואַרשטאַטן.

שטייענדיק ביים עק פון גאַס מיטן פנים צום „רינעק״ (מאַרק־פלאַץ) איז ביי

דער לינקער האנט געווען דער מאַגיסטראַט. לויט מיינע איינדרוקן פון אמאָליקע יאָרן איז דאָס געווען אַ גראַנדיעזער בניין, וועלכער האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף יעדן איינעם סיי מיט זיין גרויס און סיי מיט זיין געמישטן גאָטישן און באַראָקישן בוי־סטיל.

אין פראָנט פון בניין געווענדעט צום מאַרק־פּלאַץ האָבן זיך בולט געזען גע־וועלבטע אַריינגאַנגען געשטיצט אויף שטיינערנע ריזיקע זיילן און איבער זיי — אַ באַלקאָן מיט אַ געזימס. ברייטע שטיגן האָבן געפירט גלייך אין בניין.

אַלע מוניציפּאַלע אַמטן האָבן זיך געפונען אין דעם דאָזיקן בניין; ווי פּאָליציי־קאָמענדאַנטור, די לאָקאַלע תפיסה (די „קאָזע"), זאַלן פאַר זיצונגען און אַנדערע. דער דאָזיקער פאַרנעמפולער בניין האָט זיך אין זיין ברייט געגרענצט מיט צוויי גאַסן — מיט דער שיעראַדזער פון איין זייט און מיט דער „טומאה גאַס" פון צווייטן.

„די טומאה גאַס" — אין איר אָנפאַנג די קירכע און אין איר המשך די פּאָסט. די קירכע איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ מויער פון רויטע ציגל מיט אַן אייזער־נעם גרויסן טויער. ביי די זייטן זענען געווען נישעס אין אין זיי זענען געווען אויס־געשטעלט סטאַטועס פון קריסטלעכע הייליקע.

אויסערלעך איז די קירכע געווען געבויט אין גאָטישן סטיל. ווי זי האָט אויס־געזען אינעווייניק ווייס איך ניט, ווייל כ'בין דאָרט קיינמאָל ניט געווען. פון דעם האָב איך גראַדע ניט קיין צער, ווייל די זכרונות וועגן דער קירכע זענען גענוג שטאַרק צו דערשיטערן מיך אפילו נאָך ביי היינטיקן טאָג.

יעדן זונטיק האָבן געשטראָמט די מאַסן גלויביקע אין די קירכע און האָבן איר אויסגעפילט ביז צו ענדע, אַזוי אַז די פאַרבליבענע האָבן געמוזט שטיין אינדרויסן. סיי די פון אינעווייניק און סיי די פון דרויסן — אַלע צוזאַמען — די שנאה צו יידן האָט זיך אָפּגעשפיגלט אין זייערע אויגן און געבושעוועט אין זייער בלוט. ווייזט אויס אַז די „דרשות" פון זייערע „הייליקע פאַסטעכער" האָבן אַזוי „גוט" אויף זיי געווירקט. מיטן ענדיקן די „תפילות" האָבן זיך די גויים אַ לאָז געטאָן אין די שענקן. און ווערנדיק „בגילופין" זענען זייערע געשפּרעכן אַריבער אין העכערע אָק־טאַוועס און פאַרוואַנדלט געוואָרן אָפט אין קריגערייען און שלאָגערייען. טיילווייז איז אַזאַ באַגעגעניש מיט זיי געווען פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות.

כאַראַקטעריסטיש; די טעג צווישן פסח און שבועות, די „ספירה טעג" ענדיקן זיך ביי יידן מיט דעם שיינעם יום־טוב „שבועות", און ביי די גויים מיט דעם „גרינעם דאָנערשטיק". און אָט דער „גרינער דאָנערשטיק" איז פאַרבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון צוליב זיין אייגנאַרטיקייט.

דעם טאָג האָבן די גויים געשטראָמט מאַסנווייז אין דער „טומאה" און פון דאָרט האָט זיך אָרגאַניזירט אַ רעליגיעזע פּראָצעסיע. מ'האָט געטראָגן בילדער פון הייליקע

און מ׳האָט געזונגען הייליקע לידער. אין דער פּראָצעסיע האָבן זיך באַטייליקט חוץ די אָרטיקע פּוילישע גייסטיקע אויך העכערע גייסטלעכע ווי צום ביישפּיל אַ ביס־קופּ אָדער אַ קאַרדינאַל. די פּראָצעסיע האָט זיך אָנגעפאַנגען ביי דער קירכע און האָט זיך נאָכער געצויגן לענג אויס דער דאָברער־גאַס און זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין שטאָ־טישן פּאַרק — ענדע שטאָט.

די שטימונג אין שטאָט, אין דער צייט פון דער פּראָצעסיע פון אָנהויב ביז צום סוף איז געווען אַ געשפּאַנטע, אַ פּאָגראָם־שטימונג. אין דעם טאָג זענען יידן געזעסן פאַרמאַכט אין זייערע הייזער אונטער שלאָס און ריגל און ביי אַלעמען איז געווען נאָר איין געבעט צום אויבערשטן „דערלאַנג אונדז דיין הילף אין פאַל פון אַ סכנה!״...

פון שטענדיק אָן האָט דאָס יידיש פאָלק געזען אין דער קירכע דעם מקור פון שנאה און פּאָגראָמען. אין צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט מען אַריינגע־טריבן אין דער קירכע הונדערטער יידן; פרויען, מענער, אַלטע, קינדער און קראַנקע — מענטשן פאַרמשפּטע אויפן טויט, און פון דאָרטן זענען זיי אָנגעלאָדן געוואָרן אויף פאַרשידענע וועגענער און אַוועקגעפירט אין די געטאָס פון די גרעסערע שטעט אָדער אין די פאַרניכטונגסלאַגערן.

טראָץ דעם פּאַראַלעל צווישן די „אויבענדערמאָנטע טעג״ אונדזערע און זייערע, להב־דיל, זענען די קעגנזאַצן דאָך אַזוי גרויס. אונדזערע „ספירה־טעג״ פאַרענדיקן זיך מיטן יום־טוב פון מתן־תורה לויט וועלכן מיר זענען געבאָטן אויפן „לא תרצח!״ און אויף „ואהבת!״ — זאָלסט ליב האָבן — און דאַקעגן זייערע „טעג״ האָבן זיך גאַנץ אָפט דווקא געענדיקט מיטן „תרצח!״ און מיט שנאת אחים און שנאת־חינם. ס׳איז דעריבער ניט קיין וווּנדער, וואָס איך, אַ זון פון שטאַרק רעליגיעז יידישער משפּחה האָב געוווּסט אַז פאַרבייגייענדיק אַ קירכע דאַרף איך שטענדיק זאָגן „שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הוא״ (דברים ז׳ 26).

די זכרונות וועגן דער קאַטוילישער קירכע אין פאַרשידענע לענדער און אין פאַרשידענע צייטן זענען פאַרבונדן מיט פיל ליידן, פּיין און צרות, וועלכע יידן האָבן געליטן, און דעריבער איז דאָס אַלץ וואָס ס׳איז דערציילט געוואָרן, אָן שום ספק פון רעטראָספּעקטיוון בליק, גענוג פיינלעך און אָנגעווייטיקט. לאָמיר, אויב אַזוי, ווייטער ממשיך זיין מיט אונדזער שפּאַציר.

זייט אַזוי גוט, ליבער לעזער, און פאַרקער זיך ניינציק גראַד צו לינקס. וועסטו זיך גע־פינען ביי אַ צווייסטאָקיקער געביידע מיט אַ הויכן פראָנט, מיט ברייטע טרעפּ — אָן אַריינגאַנג אין דער רעזורע פון יעקב פעלדשער און זיין ווייב ברכה די הייבאַם. ווייטער גייען מיר פאַרביי פאַרשידענע געוועלבער. פאַר מיינע אויגן שטייען ווי לעבעדיק די סוח־רים, די בעלי־הבתים פון די דאָזיקע געוועלבער, און ס׳וואָלט זיין זייער יושרדיק אַלע צו דערמאָנען, אָבער צוליב מאַנגל פון פיזישער מעגלעכקייט וועל איך זיך באַגניגענען בלויז מיטן דערמאָנען איינצעלנע געשטאַלטן, וועלכע זענען פאַרבונדן

מיט אַ געוויסער געשעעניש, און אויך דאָס ערשט אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל „געשטאַלטן".

אין עק פון טראָטואַר, ווענדנדיק זיך לינקס געפינסט דו זיך ביי אַ פאַרצווייגונג פון צוויי גאסן — די „שול־גאַס" און די „גאַס פון קאַלך־ייד", און רעכטס — דער קורצער טייל פון פירעקיקן פלאַץ („רינעק") און ביים ענדע פון דעם דאָזיקן טייל איז די דאָברע־גאַס, און איבערן דורכגאַנג — דער צווייטער קורצער טייל.

וועגן דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון דער דאָברער־גאַס וועלן מיר דערציילן אין המשך.

אין עק פון דעם צווייטן קורצן טייל האָבן זיך געצווייגט ווידער צוויי זייטיקע גאַסן: „די מקווה־גאַס" און „די שטיבל־גאַס".

און אָט זענען מיר אַריבער די פאַרצווייגונג פון די צוויי גאַסן און האָבן זיך פאַרקערעוועט ווידער 90 גראַד און מיר געפינען זיך אויפן טראָטואַר פון דעם צווייטן לאַנגן טייל פון מאַרק. ביים ענדע פון דעם טייל האָבן זיך ווידער אָפּגעצווייגט צוויי אנדערע זייטיקע וועגן; אויף לינקס צו בערל פישער און גלייך — צום קלויסטער. און איצט די לעצטע ווענדונג אום 90 גראַד, און פאַר אונדז איז דער טראָטואַר פון פערטן קורצן טייל פון מאַרק־פּלאַץ — און מיר געפינען זיך ווידער ביים מאַגיסטראַט.

פון רינעק האָבן זיך צעשפּרייט 10 גאַסן, יעדע גאַס אַן און פאַרזיך מיט אירע מערקווירדיקייטן. כ'וועל דאָ נאָר דערציילן וועגן די גאַסן וועלכע האָבן אַ געוויסן יידישן אינהאַלט. דעם צפון־מזרח'דיקן טייל האָב איך שוין דערמאָנט.

לאָמיר אָנהויבן פון מזרח־דרום'דיקן ווינקל פון „שול גאס". אין מיין זכרון רעסטאורירט זיך די דאָזיקע גאס אַלס אַ געדיכט באַוווינטע, פיל מער ווי זי האָט געקאָנט ארייננעמען. די מערהייט הייזער זענען געוועזן איינשטאָקיקע, טיילווייז גאנץ אַלטע, אָבער פול מיט יידישע פליייסיקייט און טעטיקייט. פון בעגינען ביז שפּעט ביינאַכט האָט זיך געהערט דאָס קלאָפּעריי פון ניי־מאַשינען ביי די קאָנפעקציע שניידער, דער גערויש פון טייג־קנעטן פון בעקער, און די ריטמישע קלעפּ פון האַמער פון מצבה־קריצער.

דאָס מערקווירדיקע פון דער גאס און אומגעבונג איז: די שול, דער בית־המדרש און דער אַלטער „בית־עלמין", וועלכער איז שוין לאַנג ניט באַנוצט, און דאָס ניט צוליב דעם וואָס יידן האָבן אויפגעהערט צו שטאַרבן, נאָר צוליב מאַנגל פון פלאַץ. ס'איז אויך אַ גרויסער ספק צי דאַן, אין דער צייט פון וועלכער ס'ווערט דאָ דערציילט, האָט זיך נאָך געפונען ביים לעבן עמעצער וואָס האָט נאָך געדענקט אז מ'האָט זיך באַנוצט מיט דעם דאָזיקן בית־עלמין. דער פלאַץ איז געוועזן אין גאנצן באַוואָקסן מיט הויכע געדיכטע גראָזן, און נאָר דאָ און דאָרט זעען זיך אַרויס די פאַרקרומטע און איינגעבויגענע, ווי מידע פון טיפן אַלטקייט, מצבות.

דער גרעסטער טייל פון יידישקייט מיט זיין שמחה און טרויער האָט זיך

קאָנצענטרירט אין דער דאָזיקער סביבה.

ס'איז געווען אַ מנהג אַדורכגיין מיט דער „מיטה" פון נפטר לעבן דער שול, און אין פאַל ווען דער נפטר איז געווען אַ חשובער בעל־הבית, האָט מען אים אויך דאָ מספּיד געווען. דעריבער האָט „די שול־גאַס" אַריינגעזאַפּט אין זיך אַזויפיל זיפצן, געוויין און קרעכצן פון די קרובים פון מת און זיינע באַגלייטער.

דער דורכגאַנג צווישן שול און בית־המדרש איז געווען זייער אַ שמאָלער און דעריבער האָט זיך געשאַפן אַ שטאַרקע ענגשאַפט ביי אַ לוויה.

ס'איז געווען אַ מנהג, וועלכער האָט פאַרבאָטן פרויען צו באַגלייטן זייערע נפטרים ביזן בית־עלמין, און דעריבער ניט ווייט פון דעם אָרט זענען די פרויען איבער־געבליבן שטיין מיט זייער געוויין און יאָמער־געשריי אַזוי לאַנג ביז די לוויה איז נעלם געוואָרן פון זייערע אויגן.

די גרעסטע פאַרגיטיקונג פאַר די איינוווינער פון דער סביבה פאַר דעם איינגע־זאַפּטן טרויער האָבן געדינט די קהילה'שע בנינים — דער בית־המדרש און די שול.

די שול איז געווען געבויט ווי אַ ווינקל־בנין מיט צווי הויפּט־אַריינגענג פון צוויי גאַסן; איינער פאַר מענער און דער אנדערער פאַר פרויען. לויט די באַגריפן פון דאַמאָלס — די גרויס און דער סטיל — האָט די שול געמאַכט אויף יעדן אַ שטאַרקן איינדרוק. ס'איז געווען אַ פונדאַמענטאַלע געביידע מיט ברייטע טרעפּ, שווערע דעמבענע טירן, באַפּוצט מיט פאַרשידענע אויסשניצונגען — קינסטלער אַרבעט. די פענצטער זענען געווען לאַנגע און הויכע פאַרגלאָזט מיט פאַרביקע גלאָז ווי וויטראַזשן.

פון מערב זייט, אַרויפגייענדיק אויף די טרעפּ, ביסטו אַריין צוערשט אין „פאָליש", און פון לינקס דער קופּערנער כיור (האַנט־פאַס) און אין מיטן פון זיין אונ־טערשטן דעק האָט אַרויסגעשטאַרטשעט אַ קליינער אַקס פון אַ צילינדער וואָס האָט זיך געלאָזט לייכט אַ שטופּ טאָן אַרויף, און דאַן האָט דאָס וואַסער פאַר „נטילת־ידים" אָנגעהויבן צו פליסן. און ווען דו האָסט דעם דאָזיקן אַקס אָפּגעלאָזן, האָט ער זיך אומגעקערט אויף זיין פּלאַץ, און דאַן האָט זיך פאַרמאַכט דאָס צילינדערל און דאָס פליסן פון דאָס וואַסער האָט מאָמענטאַל אויפגעהערט. אונטער דעם „כיור" האָט זיך געפונען אַ קופּערנע שיסל און צו איר איז געווען צוגעלייגט אַ רער דורך וועלכער דאָס וואַסער האָט אָפּגעפלאָסן.

אין דעם צפונדיקן זייט פון „„פאָליש" איז געווען אַ טיר וואָס האָט געפירט צו אַ צימער, אַ מין „כל־בו", און אין דרומדיקער זייט — אַ טיר — אַן אַריינגאַנג אין אַ קאָרידאָר, וועלכער האָט פאַרבונדן דעם הויפּטאַריינגאַנג מיט די שטיגן פאַר דער עזרת־נשים.

אין מיטן דעם „פאָליש" איז אַראָפּגעהאָנגען פון סופיט אַ בראָנזענער הענגלייכטער מיט פאַרשידענע וואונדער־שיינע, קינסטלעכע צייכנונגען און בלומען — „כפתור

ופרח". אין דער מזרח־וואַנט פון „פּאַליש", איבער דער אַריינגאַנגס־טיר אין שול האָט געהאָנגען אויף אַ מעשענער קייט אַן אייל לאָמפּ מיט אַ קנויט — אַ „נר תמיד".

אַריבערגייענדיק דעם שוועל האָסטו געמוזט אַראָפּגיין עטלעכע טרעפּ כדי מקיים צו זיין דעם פּסוק פון „תהלים" „פון די טיפענישן רוף איך צו דיר אַ גאָט!" (ממעמ־קים קראתיך ה׳).

פון ביידע זייטן אַריינגאַנג זענען געשטאַנען צוויי הילצערנע צדקה־קאַסעס און אויף זייערע דעקן האָבן גערוט אויסגעשניטענע פון האָלץ לייבן מיט ברייט אָפענע מיילער — אַן עפענונג אַריינצוּוואַרפן אין זיי צדקה־מטבעות.

איצט געפינען מיר זיך שוין אין שול. אַלע זייטן זענען אויסגעשטעלט מיט „שטעט" (זיצפּלעצער), בענק. דער אויבערדעק פון דעם שטענדער איז געווען אָפּגע־שיפּט, מיט די שטענדערס געבונדן צוזאַמען, געווענדעט צום דאַוונער פּאַר זיין באַקוועמ־לעכקייט אָנועקצולייגן אויף אים דעם סידור אָדער דעם מחזור. דער משופּעדיקער דעק איז באַשטאַנען פון צוויי חלקים געבונדן מיט זאַוויאַסן צו פאַרברייטערן ביים זיצן און פאַרשמעלערן ביים שטיין.

אין מיטן שול — אַן אויפגעהויבענע פון דיל בימה מיט אַ הילצערנער באַריערע מיט טרעפּ פון זיין צפון און דרום זייט. אויף דער בימה איז געשטאַנען אַ טיש באַקאַנט מיטן פּאַלקסטימלעכן נאָמען „באַלעמער". פון באַלעמער האָט מען געלייענט פון ספר־תורה, דער חזן האָט מזכיר נשמות געווען, פּורים האָט מען געלייענט די מגילה, און פון צייט צו צייט האָבן אויך מגידים געדרש׳נט זייערע דרשות.

אַ צענטראַלער ריזיקער הענגלאָמפּ אויף מעשענע קייטן, קינסטלעריש אויסגעאַרבעט איז אַראָפּגעהאָנגען פון סופיט איבערן באַלעמער.

אין צענטער פון דער מזרח־וואַנט איז געשטאַנען דער ארון־קודש, וועלכער האָט דאָמינירט מיט זיין מאַיעסטעטישער פּראַכט. טרעפּ האָבן געפירט צו אים פון ביידע זייטן.

די פּרוכת׳ן זענען געווען צוגעפּאַסט צו די שבתים, ימים־טובים און געוויינלעכע טעג. אויבן, ביים אַרויפגאַנג צום אַרון־קודש, איז געשטאַנען אַ שטענדער ביי וועלכן נור דער רב פון שטאָט האָט געהאַלטן זיינע דרשות אין „שבת שובה" און אין „שבת הגדול" אָדער ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. פון ביידע זייטן פון ארון־קודש זענען געווען אויסגעמאָלט מוזיק־אינסטרומענטן, וואָס לויט דער טראַדיציע האָבן זיך מיט אַ זעלכע באַנוצט די לוויים אין בית־המקדש ווי ס׳ווערט דערמאָנט אין תהלים ק״נ.

קוקנדיק אַרויף פון דריי ריכטונגען — צפון, דרום און מערב — זעט מען די עזרת־נשים. אַ באַלקאָן, וועלכער האָט אַרומגענומען די אויבן דערמאָנטע דריי זייטן. דער אויסנווייניקסטער אויסזען פון דעם באַלקאָן, דאָס הייסט דער טייל וואָס האָט זיך געזען אין דער שול אינעווייניק איז געווען אויסגעמאָלן מיט צוועלף מזלות — סימבאָלן פון די צוועלף חדשים פון יאָר. איבער די געמעלן האָט זיך געזען פּאַר־

צוימונג פון מעטאַל, קינסטלעריש באַאַרבעט.

נאָך ביז היינט לעב איך מיטן געפיל אַז פון אינעווייניק האָט די שול געמאַכט אויף יעדן אַ געוואַלדיק גוטן איינדרוק.

וועגן די וויכטיקע ראָל פון אַ פּלאַץ אין שול פאַר אַ יידן קען מען זען אין דעם וואָרטשפּיל „שטאָט" און „שטעטל". אַ פּלאַץ אין שול האָט געהייסן אַ שטאָט, און אַן אָרטשאַפט באַוווינט פון עטלעכע טויזנט מענטשן הייסט אַ שטעטעלע. אַ שטאָט — אַן אָרט אין שול איז אַריבער געגאַנגען פון דור צו דור אַלס אַ ווערטפולער קנין, וואָס נאָר זייער זעלטן האָט מען אויף אים פאַרציכטעט. פאַר אַ ייד איז געווען פיל לייכטער מוותר צו זיין אויף זיין וווינשטעטעלע ווי אויף זיין „שטאָט" — אָרט אין שול. די שול איז געווען פאַר יעדן יידן אַ מין מיניאַטור־בית־המקדש („מקדש־מעט"). און די אַלע וואָס יחוסן זיך מיט דער שול זענען געבליבן אין מיינע אויגן ווי גרויסע מיוחסים.

און ווי שרעקלעך און גרויזאַם איז דער גורל! קיין שום צאַרן־נביא איז ניט געווען מסוגל צו פאָרויסזען דעם שרעקלעכן חורבן, וועלכער איז געקומען אויפן יידישן פאָלק. דער אָרט, אַ וווּ דריי מאָל אין טאָג האָט מען געהערט „מכלכל חיים בחסד" — שפּייזט זיינע לעבעדיקע מיט פיל גנאָד — איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויזאַמען עקזעקוציע־פּלאַץ מיט אַ ריזיקער תלייה, אויף וועלכער מיט אייז מאָל זענען אויפגעהאַנגען געוואָרן צען יידן, פון די חשוב׳סטע בעלי־הבתים אין קהילה מיטן רב לאָסקאָווסקי בראש. די הענט פון די צוררים האָבן זיך אויפגעהויבן אַן שיס ציטער און שוידער צו פאַרטיליקן אַ יידישע קהילה און פאַרניכטן אירע פּראַכט־בניינים מיט וועלכע די קהילה האָט אַזוי שטאָלצירט. צום גרעסטן באַדויערן און ווייטיק איז מקויים געוואָרן די נבואה פון יחזקאל הנביא (יחזקאל ז׳ 22) „ונתתיו ביד הזרים לבז ולרשעי הארץ לשלל וחללוה" (און כ׳וועל איר איבערגעבן אין די הענט פון פרעמדע צום רויב און צו די רשעים פון דער וועלט צום רויב און זיי וועלן זי פאַרשווועכן").

ווי געזאָגט איז דער בית־המדרש געשטאַנען אַנטקעגן דעם הויפּט־אַריינגאַנג פון דער שול. דאָס איז געווען אַן איינשטאָקיקער, פּשוטער פאָלקס־בניין, אָן אַן אויסערלעכן גלאַנץ, אָבער רייך אין אינהאַלט. פון סאַמע באַגינען אָן פלעגט מען שוין קומען אַ הין דאַווענען. נאָכן לעצטן מנין פלעגן זיך צונויפקומען די בחורים וואָס זענען ניט אַוועקגעפאָרן אין די ישיבות למרחקים און דאָס צוליב פאַרשידענע סיבות, מערסטנ־טייל מאַטעריעלע. די בחורים האָבן געלערנט אין קליינע גרופּעס. אַן עלטערער בחור האָט געגעבן אַ שיעור פאַר צוויי אָדער דריי יינגערע, וועלכע זענען נאָר וואָס אַרויס פון „חדר". אַן אַלגעמיינעם שיעור פאַר די עלטערע האָט געזאָגט אַ למדן פון שטאָט, און אין דערזעלבער צייט האָבן די יינגערע תלמידים איינגעחזר׳ט זייער שיעור ביי באַזונדערע טישן אין אַן אַנדערן ווינקל.

און אָט אַזוי האָט זיך געהערט אין פאַרלויף פון מעת־לעת דער דאַווענען, דער גמרא־ניגון, אַ דרשה פון אַ מגיד צווישן מנחה און מעריב. זעלבסט פאַרשטענדלעך אַז

עס זענען אויך געווען איבעררייסן פון דאַווענען און לערנען; ווער ס'האָט פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס און ווער ס'האָט גערוט און אויסגעצויגן די ביינער כדי זיך צו צערשטרייען און צוגרייטן זיך צום ווייטערדיקן לערנען. פון צייט צו צייט פלעגט קומען אַ מוכר־ספרים'ניק און צעלייגן אויף איינעם פון די טישן זיין סחורה. אגב אורחא פלעגט ער דערציילן די נייעס פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך אין דער צייט ווען זיינע קונים פלעגן אַריינקוקן אין אַ פּיטשינקן סידור'ל, אַ טאַפּ טאָן אַ פּאָר תפילין אין אַ מיניאַטורפאָרם, אָדער אויפעסן מיט די אויגן אַ בענטשערל, קמיעות, אַ תהילים'ל, אַ „שיר־המעלות'ל" פאַר קימפעטאָרנס און אַנדערע דאָס גלייכן.

אין די ווינטער מאָנאַטן איז געווען אַ צוגאָבלעכע אַרבעט — שאַפן האָלץ צו באַהייצן דעם אויוון.

ס'האָט זיך אויך געטראָפן אַז פלוצים איז אַריינגעפאַלן מיט גרויסן אימפּעט אַ פרוי אין בית־המדרש ווי אַ שטורעם־ווינט און געלאָזן זיך גלייך צום ארון־הקודש, איינגעגראָבן דעם פנים אין פרוכת, אָדער אויפגעפראַלט די טיר פון ארון־קודש מיט אַ יאָמערדיקן געשריי, געוויין און געבעט צו גאָט פאַר אַ געווינערין וואָס איז שווער געגאַנגען צו קינד, זי זאָל וואָס גיכער געהאָלפן ווערן, אָדער פאַר אַ חולה מסוכן, ער זאָל וואָס גיכער באַקומען אַ רפואה שלמה.

צייטנווייז פלעגן די פאַרצווייפלטע ווייבער איבערלאָזן עטלעכע מטבעות אַלס „פדיון" פאַרן זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים — אַ סגולה, זייערע תפילות זאָלן שנעלער אָנגענומען ווערן. אין אַ זעלכע פאַלן פלעגט יעדער פון די בחורים צולייגן אַ ביסל קליינגעלט צו קויפן אַ „פּערטל" משקה צו טרינקען „לחיים" פאַרן לעבן און געזונט פונעם קראַנקן.

ניט איינמאָל האָבן מיר זיך צונויפגעלייגט פון אייגענע געלט אום צו קענען פראַווען אַ מסיבת־מצווה לכבוד דעם סיום פון אַ מסכת גמרא.

דאָס לעבן איז געווען שפרודלדיק און אינהאַלטספול. אָט דאָס איז געווען „די שול־גאַס"! מיר האָבן זיך מיט איר באַקאָנט, אָבער דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן „געזען" איז ווי אַ טראָפּן אין ים. מ'קען וועגן איר דערציילן נאָך פיל מער, אָבער כ'וועל מיך באַגעניגענען מיטן אָפּשטעלן זיך נאָך אויף איין פּאַקט. טראָץ דעם וואָס אין דער גאַס, ווי מיר האָבן געזען, האָבן ניט אויסגעפעלט קיין ערטער פון תורה און תפילה, דאָך איז געבליבן נאָך אַן אָרט פאַר אַ חברה „עין־יעקב". די „עין־יעקב" חברה האָט זיך געפונען אין אַ פּריוואַטער דירה, וועלכע האָט געהערט צו אַ באַשיידענעם טייערן מענטש, אַן „עמך"־ייד ר' אברהם קלינאָווסקי ז"ל. אַ גאַנצע וואָך האָט ער זיך באַשעפטיקט אין זיין הויז מיט מילך־פּראָדוקציע ווי צום ביישפּיל: קעז, פּוטער, סמעטענע א.א.וו. אָבער דאַקעגן שבת און יום־טוב איז דער פראָנט־צימער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרט פון תורה און תפילה. מיין פעטער ר' שמעון הערשבערג ז"ל, אַ ייד אַ ירא־

שמים און אַ גדול בתורה איז געקומען אַהין יעדן שבת אינדערפרי. ער האָט זיך מצטרף געווען צום אָרטיקן מניין און געזאָגט אַ שיעור אין „עין־יעקב".

יאָ, געווען אַ מאָל...!


די דאָברע גאַס

און איצט לאָמיר אַריבערגיין צו דער דאָברע־גאַס!

פון אירע ביידע זייטן, לינקס און רעכטס זענען געווען געוועלבער. איין געוועלב האָט אָנגערירט די אַנדערע. די הייזער, מערסטנטיילס צוויי־שטאָקיקע, און די איינ־וווינער האָבן איינער דעם אַנדערן גוט געקאָנט.

די גאַס איז געווען משופּעדיק פון צוויי ריכטונגען, און אין דעם נידעריקסטן פּונקט איז געווען אַ „קאַנאַל", וואָס אַ גאַנץ יאָר איז ער געווען כמעט טרוקן, אָבער אין פרילינג מיטן צוטייען זיך פונעם שניי, און זומער ביי אַ וואָלקן־ברוך, האָט זיך אָנגעפילט דער דאָזיקער „קאַנאַל", און די וואַסערן זענען אַריבער די ברעגעס און דערגאַנגען ביז צו די קעלער־פענצטער פון די הייזער, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיטן „קאַנאַל". טיילמאָל זענען די קעלערס אַפילו פאַרגאָסן געוואָרן. אָפטמאָל, האָט מען דאַן געהערט הילף־רופן „געוואַלד, ראַטעוועט, מ'ווערט פאַרפלייצט!" אין אַזאַ פאַל האָבן זיך צוזאַמענ־געקליבן די שכנים מיט פאַרשידענע כלים אויסצושעפּן דאָס וואַסער.

פאַר די קינדער איז דאָס בכלל געווען אַ גרויסע שמחה, און ספּעציעל ווען



דער וואָגן פון די פייערלעשער

ס׳זענען אָנגעקומען די פייערלעשער מיט זייער וואַסער פּאָמפּע אויסצושעפּן דאָס וואַסער.

אַ גרויסער מעשענער גלאָק, אָנגעהאָנגען אויפן וואָגן, האָט מיט זיין קלינגען שוין פון דערווייטנס אָנגעזאָגט די „גוטע בשורה״: „אָט קומען זיי די פייערלעשער!״

באַצירט מיט די בלאַנקענדע מעשענע קאַסקעס, מיט די רימענס אונטער די גאָמבעס, מיט לעדער קלאַפּעס צו באַשיצן דעם נאַקן, אָנגעטאָענע אין די טונקל־בלויע אוניפאָרמען מיט רויטע לאַמפּאַסן, גאַליפּע הויזן אַריינגעלאָזן אין די שפּיגל־אויסגעפּוצטע שטיוול מיט הויכע כאָליעוועס, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברייטן לעדער־גאַרטל פון וועלכן ס׳האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון אַלע זייטן פאַרשידענע מכשירים ווי אַ העקל, אַ האַקן, אַ קירקע און אַנדערע, און אַלץ אויסגעפּוצט און אויסגעבלאַנקט, דער וואָגן איינגעשפּאַנט אין צוויי „לייבן־פערד״ — און אָט אַזוי זענען זיי אָנגעפאָרן מיט זייער גאַנצער פּראַכט.

דער „עולם״ האָט זיך צעשפּאָלטן אין צוויי רייען אום דורכצולאָזן די פרייוויליקע רעטערס.

מיר קינדער זענען געשטאַנען מיט אויסגעגלאָצטע אויגן צוקוקנדיק זיך מיט קנאה און וואַרשיינלעך האָט יעדער איינער פון אונדז געטראַכט ביי זיך: „אָ ווי קען מען ווערן אַזעלכע ווי זיי?״.

און די רעטונגס־אַקציע — דאָס אויסשעפּן דאָס וואַסער האָט זיך אָנגעהויבן.

די עלטערע האָבן זיך געשטעלט פרייוויליק צום שעפּן, און, מיר, קינדער, האָבן זיך אַרומגעפּלאָנטערט צווישן די פיס, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שיך, אויסגעטאָן דעם כאַלאַט און געטאָפּטשעט זיך אינעם וואַסער און אין דער בלאָטע. מאַנכעס מאָל האָט אונדז „אָפּגעגליקט״, ווען די דערוואַקסענע זענען מיד געוואָרן, האָבן דאַן מיר אויס־געפירט זייער אַרבעט. מ׳דאַרף ניט פאַרגעסן אַז דאָס וואַסער איז געשעפּט געוואָרן מיט אַ האַנטפּאָמפּע, וועלכע האָט געברויכט לכל הפחות פיר פּערזאָנען צו צוויי פון יעדן זייט. די פּאָמפּע איז באַשטאַנען פון אַ צילינדער און אַן אַקס, צו וועלכן ס׳איז געווען אָנגעשלאָסן די פּלומפּ־שטאַנג.

אַזאַ פאַל האָט געהאַט אין זיך גענוג שפּאַנונג צו צעפלאַמען די פאַנטאַזיע פון די קינדער אין דער גאַנצער סביבה. (אַזוי ווי „די שריפות אין כתריאליווקע״ ביי שלום עליכם).

אַרום איין טייל פון „קאַנאַל״ זענען געשטאַנען די הייזער פון הערצקע סאַמסאָן, און שוואַרצמאַן און אַרום דעם אַנדערן טייל, די הייזער פון אָקלאַדעק און אייזיק סענ־דער געלבאַרד, נחמיה געלבאַרד׳ס פאָטער ז״ל.

אין אייזיק סענדער געלבאַרד׳ס הויז (דער בלעכער) האָט זיך געפונען וואָווע פּרוינד׳ס געוועלב.

אין יענע צייטן זענען געווען געציילטע מענטשן, וועלכע האָבן אַבאָנירט אַ טאָג־צייטונג. די משכילים פון דער סביבה האָבן זיך צוזאַמענגעקומען ביי יעדער געלע־גנהייט אין וואָווע פּרוינד׳ס געוועלב און געלעזן צוזאַמען די צייטונג. זיי האָבן דיס־

קוטירט איבער פאַרשידענע טעמעס, וועלכע זענען דאַן געווען אַקטועל מיט אַזאַ ברען, ווי ס׳וואָלט געלעגן אין זייערע הענט די מעגלעכקייט צו ענדערן די וועלט.

די דאָברע־גאַס האָט זיך פאַרענדיקט; פון לינקס די טאַרגאָווישקאַ און פון רעכטס די בריקוועגס. אין המשך — עטלעכע צענדליק מעטער, געפינט זיך לינקס דער שטאָ־טישער פאַרק, און אין זיין ענדע אַ שמאָל שטעגל, וועלכע האָט אים אָפּגעטיילט פון דעם יידישן בית־עלמין. רעכטס, אַנטקעגן דעם שטעגל האָט זיך געפונען אַ מיל, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט די „וואַניעס״. אַ מאָל האָט דאָרט געוווינט אברהם לייזער שאָטאַן מיט זיין משפחה, און פונעם מאָמענט ווען די דאָזיקע יידישע משפחה איז אַריבער וווינען פון דאָרט אין שטאָט גופא האָט זיך גערעכנט דער דאָזיקער געגנט אַלס אַ טיפּיש קריסטלעכער, און איז געווען אַ בולט׳ער סימן אַז מ׳איז דערגאַנגען צום עק שטאָט.

מקווה־גאַס

לאָמיר איצט אין המשך פון אונדזער שפּאַציר באַזוכן די „מקווה־גאַס״.

די גאַס פאַרדינט דערמאָנט צו ווערן צוליב דעם „מקווה־הויף״. דער דאָזיקער הויף מיט זיינע בנינים אין אים האָבן געשאַפן אַ מין פאַרשידנפאַרביקן קהילה־צענטער. אין פראַנט פון הויף — דאָס הויז פון רב לאַסקאָווסקי ז״ל. טיפער אין הויף איז געווען דאָס „גערער שטיבל״, נאָך טיפער — די מקווה.. ביי דער מקווה — די דירה פון שול־שמש ר׳ אהרון יואל, וואָס איז געווען אויך אַ סופר סת״ם, און אויך די דירה פון יענקעלע מלמד מיט זיין „חדר״...

די אַלע בנינים זענען געווען איינשטאָקיקע און האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט מיט עפּעס באַזונדערס. און דאָך האָבן געמוזט די מערהייט יידישע איינוווינער פונעם גאַנצן שטעטל אָנקומען צו דעם דאָזיקן צענטער סיי אינדערפרי און סיי אין אָוונט, און איבערהויפּט אין די שבתים און ימים־טובים. דאָ האָט זיך שטענדיק געטומלט פון יידן. ווער ס׳איז געגאַנגען אין מקווה אַריין, ווער אין שטיבל און ווער צום רב פרעגן אַ שאלה. דערצו נאָך „חדר־יינגלעך״ וואָס זענען געגאַנגען לערנען אין „חדר״.

אין איינגאַנג פון דער מקווה ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ טישל, ביי וועלכן ס׳איז געזעסן דער מקווה׳ניק און האָט אויפגעמאָנט מקווה־געלט. דער מקווה׳ניק איז אַרומגעלאָפן הין און צוריק צווישן דעם מקווה־זאַל און צווישן דעם קעסל־צימער אָן אויפהער.

און טראָץ דעם אַרומשמייען פון דעם מקווה׳ניק וואָלט ער זיכער ניט געקאָנט מפרנס זיין זיין משפחה ווען ער וואָלט ניט צוגעאַרבעט אין פרייע טעג ביי זיין האַנט־וועבשטול, וועבנדיק פראָסטע לייוונט פאַר די פויערים.

זלמן בומס (דער מקווה׳ניק) פון זייט כ׳האָב אים געקאָנט, נאָך פון די יונגע יאָרן, האָט שוין געהאַט גרויע האָר. ווייזט אויס, אַז נאָך בעפאָר זיין געבוירן האָט דער מלאך

וואָס איז ממונה איבערן מזל, אים געשעפּטשעט אין אויער וואָס אים דערוואַרטעט אין לעבן, און וואַרשיינלעך איז דער „שנעל״ איבער זיין אויבערשטער ליפּ געוועזן אַ צו שוואַ־כער און דעריבער האָט ער ניט פאַרגעסן, שטאַרק זיך איבערגענומען און פון גרויס צער אויף זיין ביטערן גורל איז ער גרוי געוואָרן יונגערהייט און דער אומעט איז אַלע מאָל געווען אויסגעגאָסן אויף זיין געזיכט. כ׳קען מיך ניט דערמאָנען בשום אופן אַז כ׳האָב אים געזען אַמאָל אַ לאַכעדיקן אָדער אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן. געוווינט האָט ער בשכנות מיטן סאַכאַטשעווער שטיבל.

אַלס קינדער אין שטיבל, און אַ זעלכע זענען געווען ניט ווייניק, האָבן מיר געפלעגט אין צייט פון דאַווענען, צענדליקער מאָל אַריינגיין צו דעם מקווה׳ניק, אין זיין דירה, און שטענדיק מיט אַן אַנדער בקשה — דאָ אַ ביסל וואַסער צום טרינקן, דאָ „ווי שפּעט ס׳איז?״, און נאָך און נאָך פאַרשידענע אַנדערע אויסריידן. כ׳דאַרף זיי נאָכזאָגן זייער שבח, אַז ניט דער מקווה׳ניק און ניט זיין ווייב די בעדערין, האָבן קיינמאָל אויף אונדז זיך ניט געבייזערט און קיינמאָל גאָרניט אָנטזאָגט. זיי האָבן אַלץ אָנגענומען באהבה, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ גזירה מן השמים און מ׳טאָר איבער דעם ניט נאָכטראַכטן. פאַרשטענדלעך אַז אום צו דערפילן אַלע אונדזערע בקשות האָבן זיי געדאַרפט זיין באַשאַנקען מיט אַ סך געדולד און אויסדויער. און ס׳וואָלט אַוודאַי כדאי געווען צו בעטן ביי זיי סליחה און מחילה פאַר די אַלע באַלעסטיקונגען, אָבער ליידער זענען זיי מער ניטאָ. געבענטשט זייער אָנדענק!

די דערינערונגען וועגן דער מקווה אַליין געהערן ניט צו די פרייליכסטע, אָבער ס׳איז דאָך אוממעגלעך צו שילדערן אַ יידיש שטעטל און אַריבערהיפּן איבער אַזאַ וויכטיקן אַנשטאַלט. דאָס עצם טובל זיין זיך ערב שבת איז שוין אַן און פאַר זיך געווען אַ שטיק פאַרגניגן און נאָך דערצו קומענדיק אַהיים נאָך דער מקווה — איינער פאַרזוכט פון שבת׳דיקן צימעס, אַן אַנדערער דערכאַפּט זיך דאָס האַרץ מיט אַ ביסל לאָקשן מיט הינער־יויך, אַן אַנדערער אַ גלאָז טיי מיט אַ אייערקיכל צום פאַרבייסן, בענטשט „על המחיה״, מ׳נעמט אַראָפּ פון זיך די וואָכעדיקע בגדים, מ׳קריכט אַריין אין די שבת׳דיקע, אין דער זעלבער צייט שמירט מען אויס די שטיוול מיט טראַן, מער גידישע יידן עפּענען אויף די שענק און נעמען אַרויס די שוואַרצע זיידענע זשופּעצעס, געמזענע שטיוולעטן אָדער שטיוול, די סאַמעטענע היטלען אָדער שטריימלעך און מ׳איז זיך דאַביי מכוון צו די אינטימע כוונות פון סודותדיקע סודות אין וועלכע דער הייליקער שבת איז איינגעהילט.

אָט דער דאָזיקער פאַרגעניגן איז ניט צו באַשרייבן און נאָר דער וואָס האָט דאָס אַליין מיטגעמאַכט קען עס פאַרשטיין און פילן. און אָט איז געקומען די מינוט; די מאַמעס בענטשן איבער די שבת־ליכט, די טאַטעס נעמען צונויף די קינדער און גייען צוזאַמען צו קבלת־שבת ווער אין שול און ווער אין שטיבל.

ס׳גערער שטיבל רוישט ווי אַ בינשטאָק פון גרויסן עולם מתפללים. די גערער

,דינאַסטיע׳ האָט אַרום זיך קאָנצענטרירט אַ גרויסן צאָל יידן אין גאַנץ פוילן, און איבערהויפּט אין צענטראַלן פוילן. אין יעדער שטאָט און שטעטל האָבן זיך געפונען שטיבלעך מיט די נעמען פון די רבייאישע ,דינאַסטיעס׳ צו וועלכע זיי האָבן צוגעהערט ווי צום ביישפּיל; סאָכאַטשעווער, אַלעכסאַנדער, גערער און אַנדערע. אָבער די גרעסטע צאָל חסידים האָבן געדאַווענט אין די גערער שטיבלעך. פאַרשטייט זיך אַז אויך ביי אונדז אין דוואָרט איז אויך ניט אַנדערש געווען.

דער בנין פון גערער שטיבל איז ניט געווען קיין פּראַכטפולער. פון אויסערלעכן אויסזען האָט ער זיך מיט גאָרניט אויסגעצייכנט. אָבער ווי ס׳ווערט געזאָגט „ניט דער מדרש איז דער עיקר, נאָר די מעשים״. און די מעשים האָבן ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו פאַרשעמען. אין די פיר ווענט פון שטיבל האָבן זיך ביי יעדן דאַווענען געפונען חסידים און אנשי־מעשה, אַ סך יונגע לייט צווישן זקנים מופלגים, גדולי תורה און יראי־שמים. אין יענער צייט, וועגן וועלכער איך דערצייל אייך דאָ זענען נאָך געווען ביים לעבן די תלמידים פון דעם „חידושי הרי״ם״ און פון דעם „שפתי־אמת״. (די רביים האָבן זיך אָנגערופן לויט זייערע ספרים, וועלכע זיי האָבן מחבר געווען). וועט דעריבער ניט זיין קיין ווונדער, אַז צווישן דעם גרויסן קהל האָבן זיך קאָנצענטרירט די פירנדע פערזענלעכקייטן און פאָרשטייער אין די שטאָט־און־קהילה־אַנשטאַלטן, ווי ראַטמענער, לאַווניקעס, דאָזערס און אַנדערע.

און אַזוי ווי איך באַמי מיך צו זיין טריי דער אויפגאַבע ניט אָפּצולענקן פון די טעמעס, וועלכע כ׳האָב באַשלאָסן צו באַשרייבן, וועל איך פאָרלויפיק איבערהיפּן איבער די מענטשן און אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דעם הויף. וועגן דעם אַלעם וועל איך זיך, ווי ווייט מעגלעך, באַמיען צו דערציילן אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל.

לאָמיר איצט איבערגיין צו די „בריק־וועגס״!

ב ר י ק ־ ו ו ע ג ס

אין דער אמת׳ן איז שווער איינצוטיילן דעם קוואַרטאַל אין גאַסן. און די סיבה איז אַ גאַנץ פּשוטע און קלאָרע. דער באַגריף „גאַס״ באַדייט מערסטנטייל אַ וועג פאַר־בויט געדיכט פוןביידע זייטן מיט הייזער, און די ענגשאַפט און די אָנגעשטאָפּטקייט פון צווישן די מויערן פון די הייזער פון ביידע זייטן שטערן, ממש, דעם מענטשן פריי אָפּאָטמען, אָבער גאַנץ אַנדערש איז געווען דאָ. ווי נאָר דו ביסט אָנגעקומען אַהער האָסטו זיך באַפרייט פון דעם דרוק פון די מויערן. אַ הויז דאָ, אַ הויז דאָרטן, פיל פרייע־פּלעצער און פּלעצער מיט בוי־האָלץ צום פאַרקויפן. אַן אייגנאַרטיקע אַטמאָספער, אַן אַטמאָספער פון פעלדער, טייך און לאָנקעס. אין פלוג גענומען עפּעס ניט קיין יידישע אַטמאָספער, מער אַ גוישע, און דאָך האָבן דאָ געוווינט אייניקע יידישע משפחות ווי די ברידער לייזער און יעקב מיכאל מונטער, פאַמיליע לאַסקאָווסקי, פאַמיליע קאָזשאָל און

אַנדערע. זיי אַלע זענען געווען פאַרבונדן אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס מיט לאַנדווירטשאַפט. אייניקע פון זיי האָבן באַאַרבעט זייערע אייגענע פעלדער און אַנדערע האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן קויפן און פאַרקויפן לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. טראָץ די אייגנאַרטיקע באַשעפטיקונג פון די דערמאָנטע איז דאָך געווען אַ אונטערשיד צווישן זיי לכל הפחות אין מאַטעריעלן זין. לייזער מונטער האָט זיך אין זיינער צייט גערעכנט אַלס דער „גביר" פון שטעטל. זיין ווירטשאַפט איז געווען די גרעסטע פון אַלע יידישע לאַנדווירטן. די היטלערישע רוצחים האָבן ניט געמאַכט קיין שום אונטער־שיד צווישן סוחר און ערדבאַזיצער און זיך באַצויגן צו אַלע יידן ענלעך און באַשטימט פאַר זיי דעם זעלבן גורל.

דער דאָזיקער קוואַרטאַל האָט זיך מיט זיין אויסערלעכן אויסזען צוגעפּאַסט צו די יאָר־סעזאָנען; ווינטער, ווען דער טייך איז געווען פאַרפראָרן און פאַרדעקט מיט אַ דיקער שיכט פון אייז, האָבן די פּראָדוצענטן פון לייכטע געטראַנקען געדונגען אַר־בעטער זיי זאָלן אויסהאַקן ס'אייז ס'זאָל קלעקן צום קילן זייער „סחורה" אין די זומער־מאָנאַטן. און וואָס דער ווינטער איז געווען שווערער אַלץ גרעבער איז געווען דער אייזשיכט. די געדונגענע אַרבעטער זענען אַרויס צום טייך מיט העק, גראָב־אייזנס און פאַרשידענע אַנדערע כלים צו צעברעכן דאָס אייז. די אַרומשווימנדע אייזקריעס האָט מען אַרויסגעשלעפּט פונעם טייך, אָנגעלאָדן אויף שליטנס און געבראַכט אין די הויפן אָדער אין די קעלערס איינצולאָגערן.

און דאָס איז דער אופן פון איינלאָגערן: אַ שיכט זעגעכץ און אַ שיכט אייז און אַזוי ווייטער. אין די קעלערס האָט מען דאָס אייז געלייגט אין אַ פלאַכער פאָרם, דאַקעגן אין די הויפן האָט מען געלייגט אין פאָרם פון אַ פּיראַמידע. (פאַרשטייט זיך אַז ס'איז אומנייטיק צו אונטערשטרייכן אַז אין יענע צייטן האָט מען נאָך ניט געוווּסט פון עלעקטרישע אייז־קאַסטנס און פון קינסטלערישער אייזפאַבריקאַציע).

ווי ס'זאָל ניט זיין איז דאָס אַלץ געווען אַ גרויסע אַטראַקציע פאַר די קינדער, וועלכע זענען געשטאַנען און צוגעקוקט זיך צו דעם אַלעם און שטאַרק זיך באַאיינדרוקט פון די גיגאַנטישע אונטערנעמונג פון איינברעכן דאָס אייז און דאָס אָנלאָדן און אויס־לאָדן די ריזיקע אייזקריעס און זייער איינלאָגערונג.

שפּעטער מיטן אָנקומען פון פרילינג, ווען דער פאַרפראָרענער טייך האָט אָנגעהויבן אָפּגיין, זענען די וואַסערן אַרויס פון די ברעגעס און פאַרפלייצט שטחים און דער־גאַנגען זאָגאַר צו די ערשטע הייזער אין דער דאָזיקער געגנט.

און ווער איז געטראָפן געוואָרן פון דער דאָזיקער פאַרפלייצונג אויב ניט די יידישע הייזער? (אָט, מזל פון יידן?!).

מילא, די וואַסערן האָבן שוין דאָס זייערע אָפּגעטאָן, איצט מעגן זיי שוין פליסן אין זייערע ברעגעס.

וואָס פאַר איינעם אַ פאַרלוסט, איז פאַר אַן אַנדערן אַ ריינער רווח. די גוט באַוואָ־

סערטע לאַנקעס, פעלדער און סעדער זענען זיך פאַרצויגן געוואָרן מיט גרינס, מיט בליאונג, און שפּעטער צו זומער האָבן זיך געזען אויף די זעלבע פעלדער און לאַנקעס אַרבעטער, וועלכע האָבן געשניטן דאָס היי אָדער די תבואה, איינגעבונדן די געשניטענע זאַנגען אין בינטלעך, און נאָכן איבערטריקענען האָט מען זיי אַנגעלאָדן אויף די וועגענער און אַוועקגעפירט אין די שייערס. נאָך שפּעטער האָט מען אויך געקאָנט הנאה האָבן פון די פאַרשידענע פרוכטן פון די סעדער אין דער דאָזיקער געגנט.

ל״ג בעומר

דער אָנגענעמסטער אָנדענק, וואָס האָט זיך שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון און איז פארבונדן מיט דער דאָזיקער געגנט — איז ל״ג בעומר, דער סימבאָל פון דער יידישער גבורה.

אין דעם טאָג האָבן די מלמדים זיך דערלויבט עובר צו זיין אויף דער עבירה פון „ביטול־תורה״, און האָבן פארבראכט צוזאמען מיט זייערע תלמידים אויפן שויס פון דער נאטור און אַ ביסל הנאה געהאט פון „עולם הזה״.

איייניקע טעג פאַר ל״ג בעומר האָבן די „חדר״־יינגלעך צוגעגרייט פיילנבויגנס צום אָנדענקונג פון די יידישע העלדישע קעמפער אין די צייטן פון בר־כוכבא. מיר זענען געווען פול מיט התלהבות און געגרויסט זיך מיט זייער גבורה. און דאָס אלץ וואָס מיר האָבן געוווסט וועגן ל״ג בעומר איז דאָך געווען אַ דאנק די מלמדים, וועלכע האָבן ניט געזשאלעוועט קיין צייט און קיין מי צו דערציילן אונדז אין דער צייט פון ל״ג בעומר־אויספלוג אַלע לעגענדעס און דערציילונגען וועגן דעם אָ טאָג. אין דער רחבות פון די פעלדער, באפרייט פון דער אייגנשאַפט פון די קליינע דירות אין די שמאָלע געסלעך האָבן מיר אָפּגעאָטעמט פריי און אַריינגעשעפּט אין זיך די פרישע זויבערע לופט.

ל״ג בעומר אין דער פרי האָבן מיר זיך אַלע פאַרזאַמלט אין „חדר״. יעדעס קינד האָט געבראכט מיט זיך עסן; הארטע אייער און געבעקס, וועלכע מ׳מעג עסן אָן „נטילת ידים״.

מיר זענען אַרויס אין אַ מיליטערישן סדר, צו דריי אין אַ שורה, און אָט אַזוי אין אַ מוסטער האַפטער אָרדנונג האָבן מיר אָנגעהויבן אונדזער מאַרש. אָבער ניט לאַנג האָט אָנגעהאַלטן די מיליטערישע דיסציפּלין. לאַנגזאַם האָט זיך אָנגעפאַנגען א שפּארעניש אין דער פאָרם פון אַ פאַרמעסטונג צווישן די קינדער: וועמען׳ס בויגן איז מער אָנגעצויגן, וועמען׳ס פייל איז שארפער און שפּיציקער און ווער וועט זיין אַ בעסערער שיסער? אַזוי אַרום האָבן זיך צעמישט די שורות. מיר זענען געווען אַזוי איבעראַשט און אַזוי צוקאָכט, אַז מיר האָבן גאָרנישט געפילט אַז מ׳איז שוין דערגאַנגען צום ציל.

דער „רבי״ האָט אויסגעזוכט אַ פאסיקן אָרט צו רוען. מ׳האָט ארויסגענומען דעם עסן פון די רענצלעך און קאָנצענטרירט אין איין אָרט כדי מקיים צו זיין א בשותפות׳־דיקע סעודה אין פולן זין פון וואָרט, ווייל דאָס האָט ווארשיינלעך געדארפט סימבאָ־

ליזירן די שרעקלעכע טעג פון דער באלאגערונג פון ביתר און אנדערע שטעט אין וועלכע די יידישע קעמפער, זייענדיק אין אַ זייער שווערער לאַגע, האָבן געמוזט טיילן זיך מיט יעדן ביסן און מיט יעדן טראָפּן וואַסער. (דאָס איז על כל פנים מיין סברה).

דער „פיקניק" האָט זיך אָנגעהויבן. דער רעש איז געווען גרויס; אָפּגעגעסן אַריינגעכאַפּט דעם „על המחיה" און שנעל זיך צוזעצט לויטן באַפעל פון רבין אין א האַלבן קרייז, אנטקעגן אונדז דער „רבי" און ער האָט אונדז דערציילט וועגן ל"ג בעומר. אַזוי האָבן מיר פארבראכט ביז האַלבן טאָג. און דאן האָבן מיר זיך פאַנאַנדער־געגאנגען און אַ האַלבער טאָג שטייט נאָך צו אונדזער פארפיגונג, פריי פון לימודים. אַ טייל פון די פרייע צייט האָבן מיר אויסגעניצט אויף פאַרשידענע שפּילערייען; קעגנזייטיקע מלחמות צווישן גרופּעס און יחידים און געענדיקט מיט דעם שפּיל פון „בלינדז" (באהאלטעניש).

דער פּרעקטיקער ל"ג בעומר איז פארביי און נאָך אים קומען אָן שווערע פאַר־מאטערנדיקע הייסע זומער־טעג אָן אַ שום מעגלעכקייט זיך אָפּצוקילן אין די דער־פרישנדע קילע וואַסער פון דער וואַרטע, ווייל אין די „ספירה־טעג" פירט מען זיך ווי אין טרויער־טעג — דאָס באָדן זיך איז דאָך א תענוג — און ווי קען מען אין טרויער־טעג זיך פאַרווײַלן און האָבן הנאה פון לעבן? מיטן אנקומען פון „שבועות", דער יום־טוב פון מתן־תורה האָבן מיר אַ ביסל אָפּגעלעבט.

ש ב ו ע ו ת

ערב יום־טוב זענען די יידישע הייזער און בתי־תפילה באַפּוצט געוואָרן מיט פיל גרינס. די ריחות פון פעלדער און לאָנקעס זענען אַריינגעבראַכט געוואָרן אין די שטיבער ממש און האָבן געבראכט מיט זיך אַן אויפלעבונג און אַ דערפרישונג.

„דאָס גרינס אויף שבועות" האָט געדינט אַלס אַ סימבאָלישער אויסדרוק צו דעם וואָס ווערט דערציילט אין „מגילת רות", וועלכע מיר האָבן אַזוי פיל איינגעחזר'ט אין „חדר" פאַר יום־טוב. די דערציילונג הויבט זיך אָן מיט הונגער און טויט, און אין איר המשך הערן מיר רות'ס אויפקלערונג פאר נעמי; „דיין פאָלק — איז מיין פאָלק, דיין גאָט איז מיין גאָט!" און ענדיקט זיך מיט רות'ס גיין אויפקלויבן זאנגען אויף די פעלדער, ווייל דאן איז געווען די צייט פון גערסטן־שניט.

די דאָזיקע מגילה בלויז אַלס דערציילונג, אפילו ניט נעמענדיק אין אכט די באהאלטענע סודות'פולע כוונות וועלכע זענען אין איר פארבאָרגן, האָט אונדז שטארק געריירט און געווען זייער נאָענט צום הארצן. ניט איינער האָט אפילו געלאָזן אַ טרער, און מיר האָבן אָפּגעזיפצט מיט א דערלייכטערונג פון דעם „גוטן סוף" פון דער דערציילונג און פון דעם אַז ס'ווערט באַצאָלט פאַרן ליידן, און אַז פאַרן יידישן פאָלק וואקסט אַ דערלייזער אין געשטאלט פון משיח בן דוד.

אין מיין זכרון פאַרנעמט אויך אַ בכבודיקן פּלאַץ דער גשמיותדיקער טייל פון דעם יום־טוב, כלומר, די שבועות־מטעמים, די געבאַקענע, געבראָטענע און געפּרעגלטע

מילכיקע מאכלים. אין די „מילכווארג" איז פארבאהאלטן אַ גרויסער אוצר פון מעג־לעכקייטן. ווער איז דען פעאיק אויסצורעכענען און איבערציילן אַלע זייערע נעמען און צונעמען פון די שבועות־מאכלים?! כ׳בין זיך מודה און מתוודה אז כ׳האָב זיי שטאַרק ליב געהאט. און לאָמיר זאָגן, אז כ׳האָב זיי ליב געהאַט ניט נאָר בלויז מקיים צו זיין אַ מצווה, נאָר פשוט צוליב די טויזנט טעמים וועלכע האָבן זיך געפונען אין זיי, ווי צוםביישפיל; אַ קרעפּל אָנגעפּילט מיט קעז צוגעגעבן דערצו אַ ביסעלע צימרינג, אַ ביסעלע ראָזשינקעס געפּרעגלט אויף פוטער, דערלאַנגט צום טיש מיט אמת׳ע סמעטענע, אָדער אַ גוטער קעז־קיכל, פארטרונקען מיט אַ גלאָז מילך א.א.וו. נו, צי האָט שוין „אַ שטיקל" הנאה פון „עולם־הזה" גאָר קיין ווערט ניט?!

„עולם־הזה" איז טאַקע ניט קיין שה״י פה״י, אָבער מיר מוזן ממשיך זיין מיט אונדזער טעמע „שבועות".

אַ הייליקער און זייער בכבודיקער סימבאָל, וועלכער איז פאַר זיך אַליין זייער וויכטיק, שטעקט אינעם נאָמען „מתן תורה". ס׳ווערט דערציילט אין מדרש און אין אַנדערע מקורות, אַז ווען הקב״ה האָט באַשלאָסן צו באַשענקען די מענטשהייט מיט דער הייליקער תורה, האָט ער זיך געוואָנדן צו אַלע זיבעציק פעלקער אום זיי באאיינפלוסן צו נעמען אויף זיך דעם עול פון דער תורה, האָבן זיי געפרעגט דעם „כביכול" „וואָס פאַרפליכטעט אונדז די תורה?", האָט דער רבונו של עולם געענטפערט — קודם כל די עשרת הדברות מיט אַלע לאַוון -- האָבן זיי אים שוין ניט געלאָזט ווייטער ממשיך זיין און האָבן גלייך אויסגעשריען: „מיר וועלן ניט קענען ביישטיין דעם דאָזיקן נסיון, די תורה איז ניט פאַר אונדז!" אָדער אַ צווייטע אגדה: דער שטרייט פון די בערג, ווער פון זיי וועט זוכה זיין אויף אים זאָל געגעבן ווערן די תורה. יעדער בערג אן און פאר זיך האָט זיך געזען ראוי צו דער דאָזיקער זכיה, יעדער האָט זיך באַרימט מיט זיין „יחוס" — „איך בין דער העכסטער, איך בין דער גרעסטער, איך בין דער גיגאַנטישסטער א.א.וו.". און צו ענדע האָט אָנגענומען די תורה דאָס פאַרוואָגלסטע, קלענסטע און שוואַכסטע פאָלק און דווקא אויף דעם נידריקן, שפלדיקן נאַקעטן באַרג.

און ווייטער דער פּאָעטיש טיפזיקער און סודותפולער לויבגעזאַנג „אקדמות". אין ערשטן טייל פון דעם גרויסן געזאנג לויבט דער מחבר און פארערט מיט אנער־קענונג די גרויסקייט און רומפולקייט פון השם יתברך, און ענדיקט די „אקדמות" מיט דעם שכר פון די צדיקים — זייער חלק אין דער סעודה פון „אחרית הימים". אין דער קינדערישער פאַנטאַזיע האָט זיך אַלץ אַזוי צעשפּילט אַז ס׳האָט אָנגענומען אַ פאָרם ווי דאָס וואָלט געשען אין דער ווירקלעכקייט. כ׳האָב געזען כמעט באַשיימפערלעך דעם גיגאַנטישן קאַמף צווישן די מעכטיקע באַשעפענישן: דער שור הבר מיטן לוויתן אויף די רעכט צו זיין ז׳ער הויפּטייל פון דער סעודה. די ברומעריי און דער רעש וואָס האָט זיך געשאַפן בעת דעם צוזאמענשטויס האָט אויפגעציטערט די פונדאמענטן פון מיין קליין וועלטעלע. און איבער אלעם — די לאנג־געדעקטע טישן מיט די גן־עדן טעמים; דער יין המשומר, די פאַרבייסונג, און אַרום זיי די טייכן פון אפרסמון,

וואָס פאַרשפּרייטן דעם אָנגענעמען פרעכטיקן דופט. און די מלאכים אין פאַרשיידענע געשטאַלטן׳ וועלכע שוועבן צווישן די טישן און באַדינען די האָכגעשעצטע געסט.

אין אָט די אַלע דערציילונגען איז געווען גענוג שפּאַנענדער מאַטעריאַל אויפֿ־צורייצן מיין פֿאַנטאַזיע אַז איך פון זיך זעלבסט זאָל קענען זיי נאָך מער באַפּוצן און באַרייכערן. און באמת, אין יענע צייטן, האָב איך געשוועבט אויף די פליגלען פון מיין דמיון אין די עולמות עליונים.

די יום־טוב טעג זענען פאַרביי און מיט זיי די אַלע אָנגענעמע איבערלעבונגען. אין חודש סיון, איז בדרך כלל, גענוג וואַרעם און מ׳דאַרף זיך שוין פאָרבאַרייטן צום באָדן זיך אין טייך. אין דעם דאָזיקן סעזאָן האָבן די דערוואַקסענע בחורים זיך נוהג געווען יעדן פאַרנאַכט גיין צום טייך זיך באָדן. מיר, די יינגערע, האָבן זיך נאָך זיי נאָכגעשלעפּט.

די גוטע שווימער האָבן זיך פאַרמאָסטן צווישן זיך ווער פון זיי וועט מער אַדורכשווימען און צום סוף דערגיין צו די „פּאָליס״ (פילייכט אַ פּלאַץ פון וואַשן וועש) אויפן צווייטן זייט בריק. דאָס איז געווען דער טיפסטער אָרט אין טייך און דער געפערלעכסטער צוליב דעם פלאָנטער פון פאַרשידענע בעלקעס אין טייך, אויף וועלכע ס׳האָט זיך געשטיצט דער בריק. ס׳זענען געווען אויך פאַלן, וואָס שקצים האָבן זיך גערייצט מיט די יידישע בחורים. דאַן איז ענטשטאַנען אַ גרויסע בהלה און מיר זענען אַנטלאָפן, יעדער אין אַן אַנדער ריכטונג. ס׳האָט אָבער אויך געטראָפן



איין שפּיעלער פעלט, צוליב זיין קראַנקייט (1926).

אַז מ׳האָט זיך קעגנשטעלט, און דער אויסגאַנג פון קאַמף איז געווען אָפּהענגיק פון די כוחות־פאַרמעסטונג.

אין דער דאָזיקער געגנט איז יעדן זונטיק פאַרגעקומען אויך אַ פוסבאָל־פאַרמעסט צווישן פאַרשידענע מאַנשאַפטן. דוכט זיך מיר אַז אויך אַ יידישע האָט גענומען אַן אָנטייל אין די פאַרמעסטונגען — יאָ, אָבער ווי קומט אַ ישיבה־בחור צו אַ פוסבאָל?!

יעדנפאַלס איז די „בריקוועגס" געווען אַן אָפּפרישנדיקע סביבה און האָט געווירקט גוט אויף אַלע אירע באַזוכער.

פון דעם אלעם וואָס כ׳האָב דערציילט, האָבן מיר באַוויזן, ווי געזאָגט, דערקענען דוואַרט, מיט אירע גאַסן און פּלעצער. וואָס אַן אמת אין אַ באַגרענצטער מאָס, ממש אויפן שפּיץ מעסער. איבעראַל האָט זיך געפילט ס׳ברויזנדע לעבן און די לעבהאַפטע טעטיקייט פון די איינוווינער ווי ס׳איז געווען דער שטייגער אין אַ שטעטל פון אַ געמישטע באַפעלקערונג אַזוי ווי דוואַרט. ליידער וועלן מיר ניט אריינגיין אין פּרטים וועגן דעם, ווייל אונדזער ציל איז דערציילן וועגן די יידן פון שטעטל און ניט שרייבן סתם געשיכטע. מיר וועלן זיך, אויב אַזוי, באַגניגענען מיט דעם וואָס מ׳ר האָבן דערציילט און לאָמיר איבערגיין צום נעכסטן קאַפּיטל.

יידישע פּרנסות אין דוואַרט

אויסער ספּעציעלע פּראָפעסיעס, וועלכע זענען אויסשליסלעך געלעגן אין די פּוי־לישע הענט ווי צום ביישפּל סטאָלעריי, בוי־אַרבעט, שמידעריי, ברוקירן־שאָסייען און פרייע פּראָפעסיעס ווי מלוכה אָנגעשטעלטע, זענען די איבעריקע געלעגן מערסטנטייל אין יידישע הענט. יעדנפאַלס זענען די יידישע פּרנסות געווען באַזירט אויפן פּרינציפּ פון קליין־האַנדל און צו די טיפּישע יידישע מלאכות האָבן געהערט שניידעריי (קאָנ־פעקציע אָדער אויף אינדיווידועלע באַשטעלונג), שוסטעריי, היטלמאַכעריי, זייגער־מאַכעריי, פּראָפּן־מאַכער, בלעכערס, שטעפּערס, בעקערס (געמישט — אויך פּוילן), קצבים און אַנדערע. (און ווי זאָגט אַ פאָלקסווערטל „און פון די אַלע מאַכערייען איז פּרנסה דאָך געווען שווער צו מאַכן").

דער מסחר איז באַשטאַנען פון שפּייז, מאַנופאַקטור, לעדער, אייזנוואַרג, גאַלאַנ־טעריי און אַנדערע. די סיבה פון דער דאָזיקער פאַרטיילונג איז מיר ניט באַקאַנט, אָבער מ׳קען זיך פאָרשטעלן אַז אַזאַ באַשעפטיקונגס־גרופּירונג איז געווען אַ ירושה פון די אַמאָליקע מיטלאַלטערישע צעכן (פאַרבאַנדן פון פאַרשידענע בעלי־מלאכות). ווי ס׳זאָל ניט זיין, פאַר אונדז זענען וויכטיק די רעאַלע פאַקטן, און וועגן זיי וועל איך מיך באַמיען צו דערציילן.

דער מסחר, אין אַלגעמיינעם זין פון וואָרט, באַזירט זיך אויף „אויפקויפערס" און „פאַרקויפערס". אויך זיי קען מען פאַרטיילן אין סובגרופּן ווי צום ביישפּיל מאַרק־הענדלער, דאָרפגייער און קרעמער. אין ערשטן אויגנבליק זענען זיי אַלע געווען

אומאָפּהענגיקע איינער פון אַנדערן און זעלבסטשטענדיקע און זאָגאַר קאָנקורענטן, אָבער אין דער אמת׳ן זענען זיי געווען, אין רעזולטאַט פון דער רעאַלער נויטווענדיקייט, אָפּהענגיק איינער פון אַנדערן.

זונטיק, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען דער אָפיציעלער רו־טאָג, און אין פאַל פון פאַרשוועכן די רו איז מען שטרענג באַשטראָפט געוואָרן, איז געווען אין דער ווירקלעכקייט אַ טאָג פון פיבערהאַפטער פאָרבאַרייטונג צו דער נייער קומענדיקער וואָך, און באַלד פון מוצאי־שבת אָן האָבן זיך אָנגעפאַנגען די זאָרגן פון פרנסה. דער קרעמער האָט זיך צוגעגרייט צו זיין רייזע נאָך לאָדזש צו פאַרזאָרגן זיך מיט סחורה, פון וועלכער ער וועט דאַרפן ציען זיין חיונה די גאַנצע וואָך. די „אויפקויפערס״ האָבן אָנגעהויבן פאַרפאַקן זייערע סחורות — לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן ווי צום ביישפּיל: אייער, עופות א.א.וו., וועלכע זיי האָבן געקויפט אין מאַרקטאָג כדי צו פירן דאָס קיין לאָדזש צו פאַרקויפן און באַשפּייזן די באַפעלקערונג פון דער גרויסער שטאָט. סיי די און סיי די האָבן געהאַט די בשותפותדיקע דאגה — געלט. די ערשטע — פון וואַנען נעמט מען געלט אויף איינצוקויפן דאָס ביסל סחורה, און די אַנדערע — צי וועלן זיי מצליח זיין צו פאַרקויפן זייער סחורה פאַר אַ גוטן פּרייז.

אַלזאָ פאַרשטענדלעכע דאגות! וואָס אַן אמת אין ערגסטן פאַל, איז נאָך אויך געווען אַן אויסוועג, כאַפּן אַ גמילות־חסד׳ל, אָבער בעסער ניט שטיצן זיך אויף „נסים״!

אַ וויכטיקער מקור פאַר פרנסה זענען געווען די „יאַרידים״ אין די שכנותדיקע שטעט. באַלד מיטן אָנפאַנג פון וואָך זענען געמאַכט געוואָרן די נויטווענדיקע צוגרייטונגען צום פאָרן אויפן יאַריד. על פי רוב איז מען געפאָרן מיט אַ גויישן בעל־עגלה, אַ פויער פון דער סביבה. אָבער ניט יעדער האָט גענדאַרפט האָבן פאַר זיך אַ גאַנצן וואָגן. סיי צוליב די גרויסע שפּעזן סיי צוליב דעם ווייל ער האָט געהאַט ניט גענוג סחורה צו אָנפילן אַ גאַנצע פורמאַנקע און דעריבער האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט עטלעכע סוחרים אום צו דינגען אַ בשותפותדיקן וואָגן. דער איניציאַטאָר האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט דעם פוילישן בעל־עגלה און באַשטימט דעם פּרייז פון דער רייזע. אין הינזיכט פון צייט האָט מען געקאָנט וואָס אַן אמת אַרויספאָרן פאַרטאָג אַרום 5־6 אַ זייגער. אָבער אַרויספאָרן אַזוי שפּעט איז געווען צופיל ריזיקאַליש. ווי צום ביישפּיל: אַן אויסגעמאַטערט שוואַך און לאַנגזאַם פערדל, דאָס פאַרנאַנדערפאַלן זיך פון אַ ראָד ביים וואָגן, אָדער סתם עפּעס אַ שווערער וועג צוליב בלאָטעס אין טיפע שנייען און איבער אַלעם — דאָס געפינען אַ גוטן אָרט אויפן מאַרקפּלאַץ.

די פלייסיקע זענען גערן אַרויסגעפאָרן אַרום האַלבע נאַכט, געקומען צום יאַריד אַרום פיר פאַרטאָג, האָבן גיך פאַרכאַפּט אַ „גוטן אָרט״ אויפן יאַריד־פּלאַץ, אין דער פאַסנדער שורה פאַר זייער סחורה. און כדי מ׳זאָל ניט צוכאַפּן אים האָט מען אָנגעוועדעט פאַרשידענע מיטלען; געלאָזן אַ סימן — אַוועקגעלייגט אַ ברעט, עטלעכע אָרטיקע שטיינער, אָבער אַם זיכערסטן איז געווען איבערלאָזן אַ מענטשן אַלס אַ שומר,

אַלס דעם בעסטן באַווייז אַז דער פלאַץ איז פאַרנומען און געהערט צו וועמען. די היטערס האָבן זיך געביטן, און די פרייע פון שמירה האָבן פאַרבראַכט די צייט ביזן אָנפאַנג פון יאַריד — זומערצייט — אין אַ לייכטן דרעמל, און ווינטערצייט — אין אַ יידישע בעקעריי אָנצוואַרעמען די פאַרפראָרענע גלידער, און ווען מעגלעך האָט מען זיך אויך דערלויבט צו טרינקן אַ גלאָז טיי מיט אַ פריש זעמעלע. אין דער פרי האָט מען אויסגעפאַקט די קאַסטנס, די אויסשטאַטונג פון דער בויד לחוד, און די סחורה לחוד. מ׳האָט אויפגעשטעלט די „בויד״, אויסגעלייגט די סחורות אויף די טישן אין אַ געהעריקן עסטעטישן אופן און געוואַרט אויף קונים.

אַלץ איז גרייט. וואָס ס׳איז נאָר אין אַ מענטשלעכער האַנט איז געטאָן געוואָרן, אָבער ס׳איז נאָך גאַנץ ווייט פון דער זיכערקייט, אַז דער יאַריד וועט מצליח זיין. און אויב אין טאָגטעגלעכן לעבן ברויכט אַ מענטש אויף יעדן שריט און טריט אַ ביסעלע מזל, איז דאָ, אויפן יאַריד — ברויכט ער אַוודאי און אַוודאי. שנייען, ווינטן אָדער רעגנס, וואָס קומען ניט אין זייער צייט, אָדער אַנדערע שטרויכלונגען, וועלכע קענען אַריינגערעכנט ווערן אין מאַנגל פון מזל, קענען חס וחלילה דעם סוחר אינגאַנצן רואי־נירן. און מכשולים האָבן קיינמאָל ניט געפעלט. אָפט האָט געטראָפן אַז ביי אַ סוחר האָט זיך גאָרניט „פאַרבונדן״ ביז מיטאָגצייט, איז דאַן אָך און וויי צו אַ זעלכן! פון וואַנען וועט ער קענען אָפגעבן דעם „גמילות חסד״, וואָס ער האָט נאָך אַזוי פיל מי באַקומען? אַזאַ טרויעריקע געשעעניש האָט זיך געלאָזט מערקן גלייך ביי דער גאַנצער, קליינער משפחה, וועלכע האָט אים באַגלייט. און גאַנץ אָפט האָבן זיך געפונען צווישן אָט דער „קליינער משפחה״ אויך קינדער אין עלטער פון 12־13 יאָר צו העלפן און אויפפאַסן פון אַ גניבה. אין אַ זעלכע פאַלן האָט דער צער פון די עלטערן שטאַרק געווירקט אויף די קינדער און זיי גאַנץ דערשלאָגענע בעטן דאַן צום אַלמעכטיקן ער זאָל זיי ברענגען אַ ישועה. „עשה עמנו צדקה וחסד!״ איז עס דען פאַר אים צו שווער מטריח צו זיין אליהו הנביא, געבענטשט זיין אָנדענק, ער זאָל דערשיינען אין געשטאַלט פון אַ פויער אָנגעטאָן אין אַ פויערישער שובע, אָנגעגאַרטלט מיט אַ ברייטן לעדערנעם גאַרטל, לאַפטשעס אויף די פיס מיט אַ לאַנג־געדיכטע באָרד, און ער זאָל קויפן פון אַלעמען און גוט באַצאָלן. אָדער אפשר גאָר וועט ער זיך מאַכן פאַרלירן אַ בייטל פול מיט געלט — אַ כשרה מציאה לויט אַלע דינים — און אַזוי אַרום וועט די טאַש זיין פול און דער געוויסן ריין, ווייל וויסן דאַרף מען, אַז די מצווה פון אומקערן אַן אבידה איז ניט גילטיק ביי שליחים פון גאָט.

האָפנונגען און חלומות באַזונדער — און די ווירקלעכקייט באַזונדער. די דאַזיקע געשעפטן האָבן מיד געמאַכט און האָבן געפאָדערט געוואַלטיקע אָנשטרענגונגען. און דאָך טראָץ אַלעם האָט זיך דאָס לעבן געקייקלט אין דעם טאָגטעגלעכן שטייגער; פון שטאָט צו שטאָט, פון איין יאַריד אויפן אַנדערן, נאַכט ביי נאַכט, פון זונטיק ביז דאָנערשטיק.

די תפילה פון דעם באַוווסטן סניגור פון ידישן פאָלק, ר' לוי יצחק פון באַר־דיטשעוו, וועלכע האָט זיך אוסגעדריקט אין איינצעלנע ווערטער „עמך ישראל צריכים פרנסה!" איז געווען שטאַרק צוגעפּאַסט צו דער דאַמאָלסדיקער ווירקלעכקייט.

די געשיכטע פון יידן אין פוילן ציט זיך פון אַלטע צייטן, כמעט פּאַראַלעל צו דער געשיכטע פון פוילן אַליין. געטריבענע און געיאָגטע האָבן די יידן אין זייערע וואָגלענישן געפונען אַ פּלאַכלאַנד מיט לאַנקעס, פעלדער, וועלדער און טייכן, און אין זייער מיד־קייט וואָס איז שוין געווען אַזוי שטאַרק, האָבן זיי געטראַכט אַז ס'וואָלט ניט געשאַדט זיך אָפּצורוען דאָ. אַ לעגענדע דערציילט, אַז אַ בת־קול האָט אויפגעמונטערט די אומ־גליקלעכע נע־ונד'ניקעס מיטן אָנזאָגן אַז דאָ זאָלן זיי פרבלייבן — „פּה לין!" (דאָ נעכטיקט). די צוויי העברעאישע ווערטער „פּה לין" ענטשפּרעכן מיט זייער קלאַנג דעם נאָמען פון דער מדינה, אין וועלכער זיי האָבן זיך באַזעצט, און זייער פאַרבלייבן דאָרט באַווייזט אויף זייער ווילן צו פאַרבינדן זייער גורל מיטן גורל פון דער דאָזיקער מדינה.

היינט, נאָך די גזירות פון ת"ח און ת"ט (1648/1649), נאָך פיל פּאָגראָמען און נאָכן חורבן פון פוילישן יידנטום, איז אונדז אַלע קלאָר געוואָרן, אַז דאָס אַלץ וואָס יידן האָבן געטאָן פאַר פוילן איז געווען, ליידער, בחינם. זייער שוויס און בלוט, וועלכע די פוילישע ערד האָט אַזויפיל אין זיך איינגעזאַפּט איז געווען אומזיסט, זייער גרויסער קרבן איז ניט באַוויליקט געוואָרן דורך דעם פוילישן פאָלק, און מיר, יידן, זענען פאַר־בליבן פאַר זיי אויף אייביק אַלס פרעמדע און שונאים, און זעלטן ווען מ'האָט זיך צו אונדז באַצויגן ווי צו געוווּנטשענע אָדער לכל הפחות געדולדעטע בירגער. ביי יעדער געלעגנהייט זענען די יידן געווען די ערשטע, וואָס אויף זיי האָט זיך אויסגעגאָסן דער צאָרן פון פוילישן פאָלק, און זייער לעבן איז געווען אין אַ שטענדקער סכנה. ניט אומזיסט זענען אין פוילן אויפגעשטעלט געוואָרן די מערהייט פאַרניכטונגס־לאַגערן. ווען ניט די הילף פון פוילישן פעבל, וואָלטן אַזוי פיל יידן ניט אומגעקומען.

און כאָטש פוילן איז געווען מיין פאָטערלאַנד, פיל איך דאָך צו איר ניט קיין שום סענטימענט. אומגעקערט — ס'איז מיר געבליבן אַ ביטערער נאָכגעשמאַק נאָך דעם לאַנד און נאָך זיינע זין, וועלכע האָבן אַזוי מיטגעהאָלפן צו פאַרניכטן מיינע קרובים און מיינע ידידים. זאָלן די דאָזיקע ווערטער דינען אַלס אויסדרוק פון אייביקן שאַנדעס פלעק און זאָלן די שטערנס פון די רוצחים און זייערע געהילפן בלייבן אויף שטענדיק באַצייכנט מיט דעם מערדערישן קין־צייכן!

* * *

לאָמיר איצט מאַכן אַ קורצן איבערבליק אין אונדזער טעמע און אַריינכאַפּן אַ בליק, ווי דורך אַ שליסל־לאָך, אין אַ הויז פון אַ יידישן בעל־מלאכה אין דוואָרט ערב־שבת אָדער ערב יום־טוב. אין אַזעלכע טעג נאָך דער אַרבעט און נאָכן טועם זיין עפּעס צום

שטאַרקן דעם גוף, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרינדלעכע אויפֿרוימען אין די דירות פֿון די יידישע בעלי־מלאכות. און די סיבה פֿונעם אויפֿרוימען איז געווען מער אַ פּסי־כאָלאָגישע ווי אַ פּראַקטישע, ווייל וואָס האָט מען דען געקאָנט ריין מאַכן? סיי ווי סיי האָט די דירה געדינט אַלס ווינאָרט און וואַרשטאַט און די גאַנצע אויסשטאַטונג איז במילא געבליבן אויפֿן אָרט. דאָך איז פֿאַראַן אַן אונטערשיד צווישן אַ וואָכן־טאָג און צווישן ערב־שבת אָדער ערב־יום־טוב. אין אַ געוויינלעכן וואָכנטאָג האָט מען גע־אַרבעט ביז שפּעט און מיטן ענדיקן די אַרבעט האָט מען שוין ניט געהאַט קיין חשק און אויך קיין כוח צו פֿאַרנעמען זיך מיט עפּעס זייטיקס, צום ביישפּיל — מיטן גרונדלעכן אויפֿרוימען. סיי ווי סיי וועט מען דאָך מאָרגן אין דער פֿרי ווידער דאַרפֿן זיך אומקערן צו די זעלבע ווערקצייג, צו דעם נייעם אַרבעטס־טאָג, אָבער ערב־שבת איז גאַנץ אַנדערש. די הפסקה איז לכל הפּחות אויף 24 שעה און דאָס פֿאַרפּליכטעט שוין צו „עפּעס״.

וואָס אַן אמת זענען דאָ נאָך פֿיל אַנדערע גוטע סיבות וועלכע פֿאַרפּליכטן זויבערקייט און ריינקייט, אָבער ניט דאָ איז דער פּלאַץ זיי אויסצורעכנען אויסער איינעם, וועלכן ס׳איז וויכטיק צ׳ו דערמאָנען — אגב זייער אַ חשובער פּרט; פֿיל יידישע משפּחות זענען געווען באַשאָנקען מיט טעכטער, וועלכע מ׳האָט שוין גע׳דאַרפֿט „אויסגעבן״, פֿאַר זיי איז די אָרדנונג און די ריינקייט אין שטוב געווען ספּעציעל וויכטיק.

נאָך דער שבת׳דיקער אָדער יום־טוב׳דיקער סעודה האָבן געקאָנט אַריינקומען בחורים (צוקונפֿטיקע חתנים) — ווער סתם כאַפּן אַ שמועס און ווער אַרויסצונעמען די מיידלעך אויף אַ שבת־שפּאַציר. פֿאַר אַ זעלכע איז די ריינקייט געווען אַ גרויסע סגולה צו מאַכן אַ גוטן איינדרוק, אפשר, פֿילייכט... אפשר?

בקיצור, דאָס „אויפֿרוימען״ האָט זיך אָנגעהויבן. די מאַשינען מיט די וואַרשטאַטן האָט מען אָפּגערוקט אין אַ זייט האַרט צו דער וואַנט. מ׳האָט זיי פֿאַרדעקט מיט ווייסע גוט אויסגעקראָכמאַלטע ליילעכער, מ׳האָט צונויפֿגעקליבן די אַלע פֿאַרשידענע אָפּ־שניטן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפֿן דיל, אָנגעזאַמלטע פֿון אַ גאַנצער אַרבעטס־וואָך: ביי די שניידער — שטיקלעך סחורה און פֿאָדים־פּלאָנטערס, ביי די שוסטערס האָט מען צוזאַמענגענומען אין איין ווינקל אַלע שיך, וואָס זענען פֿאַרבליבן נאָך צום פֿאַריכטן און די ניט געניצטע קאָפּיטעס, מ׳האָט אויסגעגאָסן די פֿאַרדומטע, שמוציקע וואַסער פֿון דער שיסל אין וועלכער ס׳האָבן זיך געווייקט די לעדער פֿאַר פּאַדעשוועס, און מ׳האָט זי אָנגעפֿילט מיט פֿרישע וואַסער — צו וואַשן די דילן. נאָכן וואַשן און נאָכן אויס־טריקנען זיך, האָט זיך מיט אַ מאָל ענטפּלעקט פֿאַרן אויג אַ דיל אין אַ פֿולן פּראַכט. מער זויבערע האָבן נאָך צושאָטן געלבע־גאָלדענע ריינע זאַמד. ניטאָ וועגן וואָס צו דיסקוטירן — דאָס אויסזען פֿון דער דירה האָט זיך געענדערט, ניט צו דער־קענען, אַלץ, כמעט, ווי ניי. אין אַזאַ צייט איז די גאַנצע משפּחה געווען באַשעפֿטיקט איבערן קאָפּ; די זין האָבן געהאָלפֿן די פֿאָטערס, און די טעכטער — די מוטערס.

ס׳האָט זיך געטראָפֿן, אַז דער בעל־הבית, דער מייסטער, האָט געמוזט מאַכן אַן

איבערגעריס אין די שבת־הכנות און אין דער לעצטער מינוט זיך פֿאַרנעמען מיט אַ פֿאַרשפּעטיקטן קליענט ביים לעצטן פּאַסן פֿון אַ מלבוש אָדער אַ שוך.

די בעל־הבית׳טע מיט אירע פֿאַרהאָרעוועטע הענט איז געווען איבעראַל; אויסצוואָגן די קעפּלעך פֿון די קינדער (מיט נאַפֿט), באַקן, קאָכן און בראָטן, און ערשט צום סוף קוקט זי זיך אויך אום אויף זיך און גרייט זיך אַליין צום שבת.

די צוגרייטונגען האָבן זיך פֿאַרענדיקט. די מענער מיט זייערע זין, מיט ריינע וועש אונטערן אָרעם, גייען אין מקווה — די ווייבער גרייטן די טישן צום שבת. אַ ריינע טישטעך ווערט אויסגעשפּרייט איבערן עס־טיש, אַ פּאָר זילבערנע אָדער מעשענע אויסגעפּוצטע, בלאַנקנדיקע לייכטער ווערן אַראָפּגענומען פֿון דער פּאָליצע און אַוועקגעשטעלט אין איין עק פֿון דעם טיש, ביים צווייטן עק — צוויי שבת׳דיקע חלות אַלס לחם־משנה פֿאַרדעקט מיט אַ ספּעציעלן טישטעכל פֿון ווייסן זייד אויסגעהאַפּטן מיט זיידענע קאָלירטע פֿעדים (טונקל־בלויע) אָדער מיט אַ סאַמעטן דעקל פֿון באָרדאָ קאָליר אויסגעשטיקט מיט געלב־גאָלד זיידענע פֿעדים דער אויפֿשריפֿט „לכבוד שבת קודש״.

אין צווישנצייט האָבן זיך אומגעקערט די מענער אויסגעוואַשענע, אויסגעטובלטע, גרייט אויפֿצונעמען די מטרוניתא, שבת דמלכתא. אַלזאָ — אַן אויסדערוויילט פֿאָלק, שבת־יום־טוב׳דיקע יידן!

כ׳וואָלט ניט געוואָלט אַז מ׳זאָל מיינען פֿון מיינע זכרונות, אַז דער דלות האָט געהערשט איבעראַל. ניין, כ׳וויל ניט איר זאָלט האָבן אַזאַ איינדרוק! ס׳זענען געווען אויך בעלי־מלאכות, ספּעציאַליסטן אין זייער פֿאַך, און זייער מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אַ גאַנץ גוטע. אייניקע פֿון זיי האָבן געהאַט שיינע געריימע און איינגעאָרדנטע וווינונגען, און זיי זענען געווען זייער אָנגענומען ביי די איינוווינער פֿון שטאָט. זייער פֿאַכמענישקייט האָט אויסגעשטראַלט פֿון זיך זייער חשיבות. און ווער ס׳האָט זוכה געווען צו זיין אַריינגערעכנט אַלס זייערע קונדן האָט זיך מיט דעם געגרויסט און געפֿילט אַלס בר־מזל.

דער שרייבער פֿון די דאָזיקע שורות, ליידער, האָט ניט געהאַט קיין מזל און ער האָט ניט געקאָנט געניסן פֿון זייער דינסט און קונסט. ניט צוליב דעם וואָס ער האָט ניט געוואָלט, נאָר צוליב די שווערע מאַטעריעלע לאַגע פֿון די עלטערן, עליהם השלום, און דעריבער זענען מיינע ידיעות וועגן די ספּעציאַליסטן ניט גענוג אויספֿירלעכע. יעדנפֿאַלס דערמאָנען זיך מיר צוויי עפּיזאָדן וועגן אַ שניידער און אַ שוסטער, וועלכע האָבן געוויינט אויף באַשטעלונג. פֿון די פֿענצטער פֿון אונדזער שטוב האָבן מיר געקאָנט אַרויסקוקן צו די פֿענצטער פֿון דעם שניידער נחמן אוברענטש. זומערצייט, ווען די פֿענצטער זענען געווען ברייט אָפֿן, האָב איך גערן זיך צוגעהערט צום געזאַנג פֿון זיינע שניידער־געזעלן. דאָס זענען געווען לידער פֿון יידישן פֿאָלקלאָר און פֿון יידישע פּיעסן, וועלכע דער דוואָרטער דראַמאַטישער קרייז האָט פֿאַרגעשטעלט ביי

אונדז אין שטעטל. ס׳זשומעט מיר נאָך אין די אויערן דער רעפרען גענומען פון גאָלד־פאַדנס „צוויי קונילעמל״ (אין פרייע ציטירונג) „שטייט אויף, איר מתים, פון בית־הקברות...!״ ווערטער וועלכע פאַסן זיך אַזוי גוט צו דער עפּאָכע פון נאָכן חורבן.

אויך געדענק איך גוט דעם שוסטער יצחק ענגעל. ער איז געווען הויפּטגבאי פון דער שול. איינציקע יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער מיר געגעבן אויסצופלעכטן קויבערלעך און רינגען פון די לולב־צווייגן פאַר די הדסים און ערבות, וועלכע זענען צוגעבונדן צום לולב, די דריי צוזאַמענגעבונדענע פון די פיר מינים. געווען איז דאָס די באַשטעלונג פאַרן געברויך פון דער שול. די דאָזיקע באַזוכן מיינע אין ר׳ ענגעל׳ס שוסטער־וואַרשטאַט האָבן אויפגערייצט אין מיר מיין צאָרן און קנאה צו די וועלכע האָבן ביי אים באַשטעלט נייע שטיוול אָדער נייע שיך. מילא, קינדישע חלומות! און אויב כ׳האָב באַגאַנגען אַ פעלער, ביטע ניט באַציִען זיך צו דעם מיט צופיל ערנסט!

איין געשטאַלט יאָגט די צווייטע אַזוי ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ און אַלע צוזאַמען האָבן געשאַפן אַן אויסקריסטאַליזירטע איינהייט — אַ יידיש שטעטל מיט איר אייגנאַרטיקן לעבן.

איך שעץ זייער שטאַרק דעם אָנדענק פון די אַלע, אָנהויבנדיק פון דעם פאַכמאַן פון דער ערשטער ריי ביז צום לעצטן לאַטוטניק, וואָס האָט געלעבט פון פאַריכטן און „איבערקערענישן״ (איבערווענדן). ניט חס וחלילה פאַריכטן די וועלט־אָרדנונג און גורם זיין צו איבערקערענישן און אויפשטאַנדן קעגן מלכות, נאָר פאַריכטן אַלטע צעריסענע שיך און איבערקערן (איבערווענדן) אַלטע און פאַרעלטערטע בגדים. ניט איינמאָל האָט געטראָפן אַז אַ מוטער, וועלכע האָט קיין עין־הרע געהאַט אַ היבשע ביסל קינדערלעך, האָט געבראַכט צו דעם שניידער אירס אַ בגד, אַן איבערבלייבעניש נאָך פונעם אויסשטייער איר׳ן אָדער איר מאַנס, און האָט אים געבעטן דאָס איבערווענדן; דאָס וואָס איז געווען אַ מאָל דער אינווייניקער זייט זאָל פון איצט אָן ווערן אַן אויסנווייניקער, און אויב ס׳איז מעגלעך, בשעת מעשה, אויסקאָמבינירן פון איין גרויסן בגד צוויי בגדים פאַר צוויי קליינע קינדער, און אויב, חלילה, ס׳וועט ניט קלעקן פאַר צוויי — לכל הפחות — פאַר איינעם, און פון די איבערבלייבענישן מאַכן אַ היטל א. א. וו.

מעגלעך, אַז די אויבן דערמאָנטע „קליענטן״ האָבן אויך געחלומט אַ מאָל אין זייער לעבן צו מאַכן אַ נייעם בגד פון ענגלישע וואָל, אָדער אַ פּאָר געמזענע שיך, יאָ אַזאַ כאַראַקטעריסטישער חלום פאַר פיל פון „בני־עמך״, אָבער ליידער נאָר אַ חלום!

כ׳בין זיכער אַז מיר דאַרפן די לאַטוטניקעס שעצן ניט ווייניקער פון די גרויסע פאַכמענער. די דאַמלסדיקע קינדער געדענקן זיי ביז היינט צו גוטן, ווייל אַ דאַנק זיי זענען זיי אויך זוכה געווען אָנצוטאָן אַ באַנייטן שוך אָדער אַ בגד לכבוד שבת אָדער לכבוד יום־טוב.

לאָמיר אויך ניט איבערהיפּן איבער אַזאַ זעלטענעם וואַרשטאַט אין אַ קליין שטעטל, ווי אַ פּראָפּן־מאַכעריי. ר׳ יצחק דער פּראָפּנמאַכער, אַ ייד אַ הויכער, גלייך ווי אַ סטרונע

מיט אַ גרייז־גרויער באָרד, דוכט זיך אַן אַלעכסאַנדער־חסיד. כ׳דערמאָן דעם פאַך כדי צו באַווייזן ווי פילאַרטיק זענען געווען די יידישע פאַכן, אָבער עד היום איז מיר שווער צו גלויבן אַז ר׳ יצחק האָט זיך געקאָנט אויסהאַלטן בכבוד פון דער דאָזיקער פּראָפנמאַכעריי.

כ׳וויל ניט, חלילה, בעוולה׳ן אַנדערע בעלי־מלאכות ווי זייגער־מאַכער, טעפּער, גלעזער, וואַסער־טרעגער, עסיק־מאַכער, באָרשט יידענעס און זעלבסט פאַרשטענדלעך בלעכערס (בלאַכאַזשעס), קצבים, גאַרבערס, איילפּרעסערס, שייטלמאַכערינס, פעלדשערס און אַנדערע. כ׳האָב ניט קיין שום כוונה באַפאַרצוגן איין באַרוף איבערן אַנדערן צוליב דעם סדר פון דעם דערמאָנען זיי. כ׳האָב זיי אַלע אויסגערעכנט נאָר לויטן סדר ווי זיי זענען מיר אויפגעשווומען אין מיין זכרון. מ׳מעג מיט דער גרעסטער זיכערהייט זאָגן: סיי די און סיי די־אַלע צוזאַמען האָבן געהאָרעוועט שווער און פאַר זייערע אויגן איז אַלע מאָל געווען די איינציקע שטרעבונג — פרנסה.

די פאַכן, טראָץ דעם וואָס יעדער באַזונדער און אַלע צוזאַמען צילן צו איין ציל, זענען זיי דאָך פון נאַטור פאַרשידנאַרטיק: ס׳איז דאָ אַ פאַך אַ ריינער, וואָס לאָזט ניט איבער קיין שום אויסערלעכע סימנים מיטן ענדיקן דעם אַרבעטס־טאָג, און אַן אַנדער פאַך — איז אויסער די סימנים וואָס ער לאָזט נאָך זיך, איז אויך דערצו מסוכנדיק ווי צום ביישפּיל בלעכעריי.

ווען די „בלאַכאַזשעס" זענען געווען אויף די דעכער סיי צו פאַרדעקן אַ דאַך מיט פאַפּע אָדער מיט בלעך, סיי צו באַשמירן דעם דאַך מיט סמאָלע אָדער אויספאַרבן אים — איז די סכנה געווען אַ גרויסע. ווייל מ׳דאַרף געדענקען אַז אין אונדזערע שטעט זענען די דעכער געווען מערסטנטייל אָפּגעשיפּטע. פילמאָל האָב איך זיך צוגעקוקט מיט באַוווּנדערונג און מורא צו די בלעכער, וועלכע שטייען אויף די דעכער און טוען געלאַסן זייער שווערע געפערלעכע אַרבעט. זייער אָנהאַלטספּונקט אויפן דאַך זיצנדיק, קריכנדיק אָדער שטייענדיק איז געווען אויף אַ „טראָפּ" פון ברעטער אין ברייט פון 40 ביז 50 סענטימעטער. ווערטיקאַל צו זייער לענג זענען געווען צוגעקלאַפּט לייסטן. אָט שטייען די בלעכערס פאָרזיכטיקע און אויסגעשטאַרטע אויפן טראָפּ. די זון באַקט פון אויבן און די האַלב אָפּגעדעקטע קערפּערס פרעגלען זיך אַרום דער קאָכעדיקער סמאָלע פון אונטן. זיי האַלטן די באַרשט ביי אַ לאַנגער הענטל, טונקן איר אין די קאָכיקע סמאָלע, און שמירן מיט איר די ערטער, וועלכע זענען געווען אין אַ געוויסער ענטפערנונג פון זייער טראָפּ. זייערע באַוועגונגען זענען געווען זיכערע, און זיי האָבן אויסגעפירט זייער אַרבעט מיט גרויס פּינקטלעכקייט און פאַכמענישקייט.. יאָ, אַ מסוכנדיקע אַרבעט, און נאָך איר, מיטן ענדע פון טאָג, געבליבן גענוג סימנים פון סמאָלע אויפן גוף.

אַ פאַך קלייבט מען ניט אויס. ער גייט אַריבער בירושה פון דור צו דור. יעדער לויט זיין מזל און זיין געזעלשאַפטלעכן שטאַנד.

זאָלן אויך דערמאָנט ווערן צום גוטן די יידישע לאַנדווירטשאַפטלער, דוואָרטער

בירגער. ווייניק זענען זיי געווען. די פינגער פון איין האַנט וואָלטן אפשר גענוג געווען זיי אויסצורעכענען, און טראָץ זייער קליינעם צאָל האָבן די דאָזיקע בעלי־הבתים צוגעגעבן זייער פיל צום אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן פייזאַזש אין דוואָרט. דאָס זענען געווען יידן טיף איינגעוואָרצלטע אין דער פוילישער ערד, בכבודיקע יידן, געשעצטע דורך אַלע שיכטן פון די דוואָרטער איינוווינער, ווי די מונטערס, פאַוולאָוויטשעס, ניימאַנס און אַנדערע.

די לאַנדווירטשאַפטלער צוזאַמען מיט די בלעכערס ווי די געלבאַרדס, שייניאַקס און אַנדערע האָבן דערצויגן אַ דור פון געזונטע ברייטביינע זין, פאַרהאַרטעוועטע קערפערלעך און גייסטיק. אַ דאַנק די ספּעציפישקייט פון זייער אַרבעט, וועלכע איז הויפטזעכלעך געמאַכט געוואָרן אין דרויסן אויף דער פרישער און פרייער לופט. אויף די וועלכע האָבן אויפגעשטעלט אַזאַ דור איז געזאָגט געוואָרן אין תהלים ק״כ. 3 „אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך, בניך שתילי זיתים סביב שולחנך״ („ווי אַ פרוכטבאַרער וויינ־גאָרטן דיין ווייב... דיינע זין ווי גרינע פרישע פלאַנצן אַרום דיין טיש״).

זייערע קינדער צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידישע משכילים האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון קולטורעלן לעבן אין שטאָט. ס׳איז, כמעט, ניט געווען קיין קולטורעלע, פאַרטייאישע, געזעלשאַפטלעכע אָדער ציוניסטישע אימפּרעזע אין וועלכער דער יונגער דור איז ניט געווען טעטיק. אַלע צוזאַמען זענען געווען די זיילן, אויף וועלכע ס׳האָט זיך געשטיצט דער בנין פון אַ נאָרמאַלן געזעלשאַפטלעכן לעבן אַזוי ווי ס׳פּאַסט זיך אין דער ציוויליזירטער וועלט.

כ׳קען נאָך אַמאָל בעוולה׳ן, אויב כ׳וועל פאַרגעסן צו דערמאָנען אַ גרויסע צאָל טיפּישע, באַוווסטע יידישע פרנסות. אַוו זייט איר אַלע שמשים, גבאים, קברנים, חברה־קדישא־לייט, כלי־זמר, מלמדים, שוחטים, מוהלים דיינים און רבנים? יעדער פון אייך איז געווען אַ אינסטיטוציע פאַר זיך. איר זייט געווען פילפאַרביקע געשטאַלטן און איבער יעדן פון אייך קען זיין פיל צו דערציילן. הלואי זאָל איך מצליח זיין לכל הפחות טיילווייז אין מיין אויפגאַבע, הלוואי!

* * *

אין אַלע דורות און אין אַלע צייטן, זינט די יידישע קהילות עקזיסטירן האָבן באַגלייט די כלי־קודש דעם יידן פון זיין געבוירן־טאָג אָן ביז זיין לעצטע רגע אין לעבן, ביז צום קבר, און די קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט ציט זיך עד היום. דאָס דערמאָנען זיי דאַרף ניט זיין בלויז ווי אַ מצבה נאָך אַ יידנטום וואָס איז פאַרטיליגט געוואָרן, נאָר ווי אַ טייל פון אונדזער עקזיסטענץ, אַן אויסדרוק צו דעם היסטאָרישן זין פון אַ גרויסן יידישן ציבור אין שטעט און שטעטלעך פון פוילן, וועלכע האָבן באַוויזן אָנצוזאַמלען אין משך פון דער לאַנגער געשיכטע אַ ריזיקן רייכן אוצר פון תורה, שאַרפזיניקייט און לעבנס־חכמה. באַגרענעצט זענען דער פלאַץ און די מעגלעכקייט צו דערציילן וועגן די אַלע „כלי־קודש״, און כ׳וועל מיך באַגניגענען בלויז מיטן קאַפּיטל וועגן די מלמדים, „די דערציער פון דור״.

די מלמדים די דערציער פון דור

אין דרום זייט ביים אַריינגאַנג אין בית־המדרש איז געווען אַ ניט געפלאַסטערטער פלאַץ, און אין זיין תחום האָט זיך געפונען אַ נידריקע הייזקע, האַלב איינגעזונקען, געבויט אינגאַנצן פון האָלץ און זיין דאַך באַדעקט מיט שינדלען. פון צווישן די שינדלען האָט אַרויסגעשפּראָצט גרינער מעך, וואָס האָט עדות געזאָגט אַז די דאַזיקע הייזקע איז שוין לאַנג ניט אָפּגעפרישט געוואָרן. דער פראָנט איז געווען אַ לענג־לעכער, און אין דער מיט אַן איינגאַנג אין אַ פאָדערהויז, דורך וועלכן די איינוווינער און די באַזוכער האָבן געדאַרפט אַדורכגיין. אַ ניטגעוויינלעכער אַריינגאַנג. דער אריינגייער האָט צוערשט געדאַרפט אריבערשפרייזן איבער אַ העכערע אָפּצאַמונג, אַזאַ מין שוועל, וואָס סיי פון אינעווייניק און סיי פון אויסנווייניק איז זי געווען פיל העכער פון באָדן. זי האָט וואַרשיינלעך געדינט אַלס אַ דאַמבע קעגן אָנגעזאַמלטע וואַסערן, וואָס פלעגן פאַרבלייבן נאָך שטאַרקע רעגנס.



מורדקוביץ׳ („קאָלישער מלמד״) און זיין פרוי צרקה

אין דעם לאַנגן קאָרידאָר פון רעכטס און לינקס זענען געווען טירן, וועלכע האָבן געפירט אין די וווינונגען. די לעצטע טיר, רעכטס פון קאָרידאָר, איז געווען די דירה פון „קאָלישער מלמד״, וועלכער האָט אויך גלייכצייטיק געדינט אַלס דער „חדר״ פאַר קליינע קינדער. אין דעם „חדר״ האָט מען מ׳יך געבראַכט, ווען איך בין אַלט געווען דריי יאָר, כדי דאָ צו דערווערבן תורה און וויסן. דעם אמת׳ן נאָמען פון דעם מלמד ווייס איך ביז היינט ניט. פאַר דער גאַנצער שטאָט איז גענוג געווען זיין צונאָמען „קאָלישער מלמד״. ער איז געווען אַ ייד העכער פון מיטלוווקס, אַ דאַר־לעכער מיט ניט קיין לנאַגער באָרד, אָבער דאָ און דאָרט שוין דורכגעוועבט מיט זילבער גרויע האָר, אָנגעטאָן באַשיידן אָבער ריין און אַקוראַט, ניט קיין כעסן, מ׳קען זאָגן אַפילו אַ ליבלעכער מיט גוטע מאַניערן, ווי ס׳פּאַסט זיך פאַר אַ גרויסשטאָטישן.

זיין עלטער אומגעפער פופציק און אפשר עפעס ווייניקער, ווער ווייסט? אַלנפאַלס נאָענט צו דעם.

דער „חדר“ האָט אויסגעזען ווי אַ לאַנגער „כף“, וואָס ליגט אויף ביידע „לאָפּאַט־קעס“. די לאַנגע זייט איז אין דער מיט „איינגעבראָכן“, און דער „דורכברוך“ איז געווען די טיר צום אַריינגאַנג אין „חדר“. איבערגייענדיק דעם שוועל האָסטו זיך געפונען אין אַ לאַנגן צימער, און אַ ביסל לינקס, אַנטקעגן דעם אַריינגאַנג — איז געווען די טיר צום שלאָפצימער. דער לאַנגער צימער איז געווען פאַרטיילט אין צוויי חלקים; אַ דריטל די קוך און צוויי דריטל דער לערן־צימער. אַ פאָרהאַנג האָט פאַנאַנ־דערגעטיילט ביידע חלקים פון צימער. ס׳זענען געשטאַנען דאָרט עטלעכע לאַנגע טישן און אַרום זיי בענק.

די לערן־מעטאָדע איז וואָס אַן אמת געווען אַן אַנדערע פון היינטיקער, אָבער דאָך, לכל הפחות, אין איין זאַך איז געווען ענלעך דער „חדר“ צו היינטיקע מאָדערנע שולן. יינגלעך מיט מיידלעך זענען געזעסן צוזאַמען. פאַר יעדן קינד איז געלעגן אַ סידור מיט גרויסע קידוש־לבנה אותיות. אויף דעם ערשטן בלאַט איז געווען דער „אלף־בית“ — אין דער הויך די אותיות אָן פונקטואַציע, און אונטן — מיט. און אַזוי איז געווען דאָס לערנען: צוערשט באַקענען זיך מיט דעם אות, און שפּעטער מיט דעם אות מיט דער פונקטואַציע צוזאַמען. און אַזוי זענען מיר געזעסן דאָרט און איינגעחזרט טאָג איין טאָג אויס — „קמץ אלף — אָ, קמץ בית — באָ“ א. א. וו. אין אָט דעם „חדר“ האָב איך צום ערשטן מאָל קענען געלערנט די אותיות אין זייערע פאַרשידענע פאָרמען — געדרוקט אָדער געשריבן.

דאָס „דריטל“, וואָס איז געווען באַשטימט אַלס קוך־צימער האָט געדינט נאָך צו אַ צוגאָבלעכן צוועק. דער „רבי“ האָט זיך נוהג געווען אָנצוזאָגן זיינע נייע תלמידים, די אָנפאַנגער, זיי זאָלן מיט זיך ברענגען יעדן טאָג אין „חדר“ עסן, זיי זאָלן האָבן וואָס צו עסן בשעת דער מאָרגן־הפסקה. די אַלע „שניטלעך“ ברויט וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט האָבן זיי געדאַרפט מיטן קומען אין „חדר“ אַוועקגעבן דער „רביצין“ צום היטן. בשעת דער הפסקה האָט די „רביצין“ אָפּגעגעבן די קינדער זייער עסן אָבער אין אַ געענדערטער פאָרם. די אַלע שניטלעך ברויט זענען געוואָרן צעשניטן אין קליינע פירעקיקע שטיקעלעך, וועלכע זי האָט גרופן „שעפּסעלעך“.

אין דעם דאָזיקן מנהג זענען מיר, לכל הפחות, צוויי פראַגן ניט געווען גאָר קלאָר: די ערשטע — אויב מ׳וואָלט געוואָלט צוזאַמענלייגן די „שעפּסעלעך“, צי וואָלטן זיי געקאָנט זיך אידענטיפיצירן מיט דעם „שניטל־ברויט“, וואָס דאָס קינד האָט געבראַכט פון דער היים? און די צווייטע פראַגע איז פון וואַנען שטאַמט דער אויסדרוק „שעפּ־סעלעך“?

די ערשטע פראַגע קען מען מתרץ זיין מיט אַן אַלטן יידישן וויץ: מ׳האָט אַ מאָל געפרעגט אַ יידן, אַ באַזיצער פון אַ קליין געוועלבעלע, צי זיין קרעמעלע איז אימ־

שטאַנד אים צו באַשפּייזן? האָט ער אויף דעם געענטפערט: „ווען כ'וואָלט זיך ניט באַשעפטיקט אַ ביסל אויך מיט מלמדות, איז בנאמנות — ווייס איך ניט צי איך וואָלט האָבן אויף שבת".

און אויף די צווייטע פראַגע קען מען אפשר ענטפערן אַזוי: יידישע קינדער זענען געגליכן צו „הייליקע שאָף" — „צאן קדשים" — און באמת האָבן די קינדערלעך פון דעם קאָלישן מלמד אַזוי פיל מאָל איינגעחזרט דעם „קמץ־אלף" אַזוי ווי שעפּסעלעך זענען מעלה גרה זייער עסן. און דאָך, ווי ווונדערלעך זענען גאָט'ס מעשים! אָט אַ דאַנק דעם אַלטן, כלומרשט, אָפּגעשטאַנענעם סיסטעם פון לערנען, בין איך דאָך פּעאיק היינט צו שרייבן מיינע זכרונות.

נאָך צוויי „זמנים", דאָס הייסט נאָך אַ גאַנץ שול־יאָר אין ערשטן „חדר", בין איך אַריבער אין אַ העכערן „לערן־אַנשטאַלט" צום נייעם „רבי", ר' חיים לייב דניאל.

דער דאָזיקער נייער „חדר" האָט זיך ניט אונטערשיידעט פיל סיי אין זיין גרייס און פאָרם פון ערשטן, אָבער דאָך פאַר מיר האָט ער יאָ געהאַט אַ פאָרצוג. ער האָט זיך געפונען נאָענט צום סאָכאַטשעווער שטיבל, אין וועלכן ס'האָבן געדאַוונט מיין פאָטער, מיין זיידע און אויך דער מלמד ר' חיים לייב. אַזוי אַרום האָב איך געקאָנט אַ שטיקל וועג גיין אין „חדר" צוזאַמען מיטן טאַטן, און געהאָפט, אַז אפשר אַ דאַנק דער „פּראָטעקציע" וועל איך אַריינכאַפּן ווייניקער שמיץ פון רבין אין פאַל פון אַ ביסל „צובריקעווען" זיך אָדער ניט איינחזר'ן דעם שיעור. און נאָך אַ פאָרצוג האָט געהאַט דער „חדר" לגבי דעם ערשטן. ער האָט זיך געפונען בשכנות מיט פּרימעט די סעדערין. איר סאָד איז געווען באַקאַנט מיט זיינע באַרימטע פּרוכט, און זייענדיק אין אַזאַ שכנות האָט מען זיך אַלע מאָל געקאָנט צוכאַפּן אין סאָד אַריין, קויפן אָדער „צולקח'ענען" אַן עפּעלע, אַ באַרן, אַן אַגרעסט א. א.

לאָמיר איבערלאָזן איצט די אַלע „מעלות" און מיר וועלן זיך אומקערן צו דערווירקלעכקייט.

ר' חיים לייב איז געווען, כמעט, אַן אַבסאָלוטער קעגנזאַץ אין פאַרגלייך צום קאָלישער מלמד. ער איז געווען פון מיטל וווקס, ביי די זעכציקער־יאָרן, אַ דיקלעכער, מיט אַ שיטערער בערדל, לאַנגע האָריקע ברעמען, זיין לבוש אַ ביסל פאַרנאַכלעסיקטער, און איבער אַלעם אַ ביסל אַ כעסן. די דיסציפּלין אין „חדר" איז געווען אַ שטאַרקע. אויפן טיש האָט זיך שטענדיק געפונען אַ קאַנטשיק, אויסער דעם האָט ער געהאַלטן אין האַנט אַ לאַנגע לינייקע, ניט חלילה, צום צייכנען געאָמעטרישע פאָרמען, נאָר בלויז פאַר „געוויסע צוועקן...".

די צייט — ענדע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1918־1919) און ערב די פּוילישע זעלבסטשטענדיקייט. אַלע טאָג כמעט נייע גזירות פון דער יונגער פּוילישער רעגירונג: דאָ — מ'מוז גיין אין שטאָטישן מרחץ זיך וואַשן, און דערביי דאַרף מען נעמען אין אַכט אַז אין מרחץ האָבן געאַרבעט כמעט בלויז פּרויען, באַרימהערציקע

קלויסטער־שוועסטער. אַן אַנדערשמאָל — וויזיטאַציעס פון סאַניטאַציע אינספּעקטאָר וועגן ריינקייט א. א. דאָס אַלץ איז געווען אין די אויגן פון אונדזער מלמד „גזירות", וועלכע האָבן נאָר געשטערט אין דער הייליקער אַרבעט. און ווען ס'איז דערגאַנגען אַ ידיעה וועגן אַזאַ „באַזוך", האָט מען אונדז גלייך פאַנאַנדערגעלאָזט אַהיים, און פאַר אונדז איז שוין געווען אַ טאָג פון פרייד — „אויס ,חדר' און אויס דאגות!" ס'האָט געטראָפן אַז ס'איז דערגאַנגען צו דער קהילה אַ ידיעה אַז יידישע קינדער וועלן מוזן אויך באַקומען אַלגעמיינע בילדונג און לערנען אין אַ רעגירונגס פאָלקס־שולע. דאָס איז שוין געווען ממש אַ שלעכטע גזירה; ווי וועלן יידישע קינדער זיצן מיטן בלויזן קאָפּ און צוקוקן זיך צו דעם בילד פון דער „הייליקער מאַמע", און וואָס וועט זיין מיט דער שעה „רעליגיע" — צי וועלן אויך יידישע קינדער זיך דאַרפן צוהערן דער פלוי־דעריי פון גלח, און וואָס וועט זיין שבת און יום־טוב? העיקר — ס'איז געוואָרן אַ רעש און אַ טומל אין שטעטל — ווי איז מען מבטל די דאָזיקע שרעקלעכע גזירה. די מיטלען וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן צום אָפּשרייען די שלעכטע גזירה געדענק איך ניט. נאָר איין זאַך איז מיר גאַנץ קלאָר; אַפילו קיין איין מאָל אין מיין לעבן האָב איך ניט באַזוכט קיין קלאַס פון אַ גוייִשער פאָלקס־שול און ביזן היינטיקן טאָג ווייס איך ניט ווי זי האָט אויסגעזען פון אינעווייניק. „באמת אַ גרויסע דערגרייכונג!"

כ'בין אין אַ מזלדיקער שעה געוואָרן אַ חומש־ייִנגל. אין שטוב איז געווען אַ גרויסער גערודער, מ'דאַרף פאַרבאַרייטן אַ סעודה לכבוד דעם דאָזיקן געשעעניש. אַ קלייניקייט! כ'הייב אָן צו לערנען חומש! דאַכט זיך אַז די סעודה איז פאָרגעקומען אין „שבת נחמו".

אַ לאַנגער זומער־טאָג פאַר „שלוש סעודות". מ'האָט איינגעלאַדן אַ סך געסט און נאָענטע מיט זייערע קינדער. כיבוד איז גענוג; פאַר דערוואַקסענע באַזונדער און פאַר קינדער באַזונדער. מיר קינדער האָבן באַקומען טיטן מיט „גוטע זאַכן" — קיכלעך, צוקערלעך, ראָזשינקעס א. א. אַלץ איז שוין גרייט. מיך האָט מען אַוועקגעשטעלט אויף אַ שטול, מ'זאָל מיך אַרויסזען איבער אַלע, און אַלע קוקן אויף מיר און דערוואַרטן איך זאָל אָנהייבן זאָגן אויף אויסנווייניק די דרשה איבער דער סדרה פון דער וואָך. אָבער אָך און וויי צו דער שאַנדע! פון גרויס אויפרעגונג, זעענדיק פאַר זיך אַזאַ גרויסן „עולם" און אַלע זייערע בליקן געווענדעט צו מיר בין איך געוואָרן צעשראָקן און אַלץ איז מיר אַרויסגעפלויגן פון זכרון, ווי כ'וואָלט אינגאַנצן גאָרניט געלערנט. כ'הייב אָן אַ וואָרט און ווייס ניט וואָס ווייטער צו זאָגן. כ'קנייטש דעם שטערן, כ'באַמי מיך צו דערמאָנען, כ'שטאַמל, אָבער ס'גייט ניט. קיין איין וואָרט ניט. כ'פּרוביר נאָך אַ מאָל, און ס'גייט ווידער ניט. די ליפּן באַוועגן זיך, אָבער קיין וואָרט הערט זיך ניט. כ'שטיק זיך, און פון גרויס ווייטיק האָב איך אויסגעפּלאַצט מיט אַ ביטערן געוויין און אַ העשעריי. דאָס איז געווען אַ גוטער סימן. מ'האָט מיך אַראָפּגענומען פון דעם „מאַרטירער שטול". די מאַמע האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן אין אירע אָרעמס, געגלעט מיך,

געטרייסט און באַרואיקט. דער „עולם״ האָט זיך איבערגעקוקט מיט די בליקן, און איך פון גרויס שאַנדע האָב זיך אַרויסגעריסן פון די מאַמעס אָרעמס און אַריינגעלאָפן אין אַ צווייטן צימער צו באַהאַלטן זיך. אַרויסגעראַטעוועט פון דער אומאַנגענעמער סי־טואַציע האָט איינער פון די געסט מיטן אויסרופן: „נו, עולם, לחיים!״ מ׳האָט גלייך אָנגעפילט די גלעזלעך און געטרונקען „לחיים!״, דאַביי זיך געווינטשן, געשטעלט זיך דאַווענען „מנחה״, געוואַשן די הענט צו „שלוש סעודות״, געזונגען זמירות, און אָט אַזוי האָט זיך דאָס פאַרצויגן ביז צו מעריב.

אָט אַזוי זענען פאַרלאָפן די טעג. כ׳בין געוואָרן עלטער, אַריבער אַ פרישער „זמן״, כ׳בין געגאַנגען פאָרויס אין לערנען, און ס׳איז געקומען די צייט איבערצוגיין צו אַן אַנדערן מלמד, אין אַ „חדר״ ווו מ׳לערנט אויך אַ פרק משניות. און וועלכער מלמד איז מער פּאַסיק צו דעם אויב ניט ר׳ שיע פּאַשטשעק?

ר׳ שיע, טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען מטופל מיט מערערע קינדער, האָט ער דאָך געוווינט אין גרויסע ענגשאַפט. זיין דירה איז געווען אין פאָרטער אויפן הויף, איין איינציקער צימער מיט אַ פאַרמאַכטע וואַראַנדע, וועלכע האָט אויך געדינט אַלס צימער אין אַ נויט.

דאָס הויז פון פריידע די בעקערין איז געווען אַ צווייגשאָטיקע געביידע, געבויט פון ציגל מיט אַ דאַך פון רויטע דאַכעווקעס. דאָס איז געווען אין פראָנט צום גאַס, אָבער די דירה פון ר׳ שיע מלמד האָט זיך געפונען אין הויף פון אָט דעם הויז, סך הכל איז עס געווען ניט מער ווי אַ הילצערנער נעבעכדיקער בנין, ווייזט אויס מיט אַ גאַנץ אַלטער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט נאָך עקזיסטירט פיל יאָרן פאַר דעם ווי ס׳איז אויסגעבויט געוואָרן דער מויער אין פראָנט.

אָבער, לאָמיר זיך ניט גריבלען אין קלייניקייטן, און לאָמיר זיך נאָר באַגניגנען מיטן פאַקט, אַז די הילצערנע געביידע האָט געדינט סיי אַלס „חדר״ און סיי אַלס וווינונג פון מלמד מיט זיין משפחה.

ווינטער־צייט, בדלית־ברירה, האָבן מיר זיך געפונען אין דעם איין צימערל, כמעט צוזאַמענגעפּרעסט, אָבער בדיעבד איז דאָס ווינטער געווען אַ מעלה, ס׳איז געווען וואַרעמער, דאַקעגן זומער איז די „גרויסע מעלה״ געוואָרן אַ „גרויסער חסרון״, און דעריבער האָט דער „רבי״ געפונען אַ געניאַלן איינפאַל; מ׳דאַרף אויסניצן דעם הינ־טערשטן צימער פון „בית־המדרש״־בנין.

הינטער דער מערב וואַנט פון בית־המדרש איז געווען אַ מאָל די „עזרת נשים״, אָבער צוליב פאַרשידענע סיבות איז זי איצט ניט געווען באַנוצט, און דעריבער איז זי געווען זייער אָפּגעלאָזן און פאַרנאַכלעסיקט, כמעט אין גאַנצן רואינירט. דער דאַך איז געווען אין גרעסטן טייל איינגעבראָכן, טירן און פענצטער זענען שוין איבערהויפּט ניט געווען. ס׳זענען נאָר געבליבן די עפּנונגען פון זיי ווי אַ זכר לחורבן. די פּאָדלאָגע איז געווען באַלייגט מיט צעבראָכענע ציגל, צעבראָכענע דאַכעווקעס, צעריסענע „שמות״

פון אַלטע ספרים און אַנדערע גראַטעס. דאָס גרויסע אָפּגעלאָזנקייט האָט זיך ממש געוואָרפן אין די אויגן. און אָט פלוצלונג אַזאַ געניאַלער געדאַנק! מ'דאַרף אים גלייך פאַרווירקלעכן! מיר האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. ראשית כל האָבן מיר צוזאַמענגעקליבן די „שמות" און געבראַכט זיי צו קבורה אויפן בית־עולם לויטן דין. די גרוזעס און די אַלע איבריקע זאַכן האָבן מיר קאָנצענטרירט אין איין ווינקל. מיר האָבן צוזאַמענגעשלעפּט פון דאָ און דאָרט טישן און בענק, אַוועקגעשטעלט זיי אין דעם אָפּגעריייניקטן טייל. און אָט אַ „חדר" כדת וכדין. וואָס אַן אמת איז דאָס נאָך געווען גענוג ווייט פון צו זיין באַקוועם און מאָדערן, מ'מעג אַפילו זאָגן אַז אָט אַ דער „באַקוועמער חדר" האָט אַפילו ניט איינמאָל זיך געלאָזן פילן גוט גוט ביי אונדז אין די ביינער פון רעגנס און פון ווינטן. און טראָץ אַלע חסרונות איז דאָך דאַביי געווען אויך אַ מעלה — מיר זענען געווען ווייט פון דער רביצינס אויג, ווייל געוויינלעך, ביי זיי אין שטוב, ווען דער רבי איז אַ מאָל אַוועק דערלעדיקן זיינע פּריוואַטע ענינים, האָבן מיר זיך דאַמאָלס געפילט אַ ביסל פרייער — האָט דאַן די רביצין שטאַרק זיך געבייזערט איבער אונדז און געוואָרנט אַז זי וועט אונדז פאַרמסר'ן פאַרן רבי, אַז מיר האָבן זיך ניט גוט אויפגעפירט, און דאַן וועלן מיר שוין באַקומען אונדזער פּסק. אָבער דאָ האָבן מיר יעדע רגע אויסגענוצט כהלכה, און דער נייער אָרט האָט שטענדיק אויסגעזען ווי נאָך אַ קאַמף, ממש ווי ס'איז געשריבן אין „שופטים" „פון שאַרף איז אַרויס דאָס זיסע" („מעז יצא מתוק"). און אפשר ניט נאָר פאַר אונדז, די תלמידים, נאָר אויך פאַרן רבי'ן אַליין. לכל הפחות אין די שעה'ן, וואָס ער איז געווען באַשעפטיקט מיט די תלמידים אויסערן שטוב, איז ער געווען פּטור פון פאַרשידענע פּליכטן ווי האַלטן ס'קינד אויפן האַנט אָדער הערן די רביצינס גערעכטע טענות.

ר' שיע איז געווען אין די דרייסיקער יאָרן. אַ מיטעלער ווּקס, אַ זייער ערנסטע געזיכט, באַוואָקסן מיט אַ לאַנגע רויטע געדיכטע באָרד. מיט אַ דורכדרינגנדיקן בליק, און טראָץ אַלע די אויבן דערמאָנטע סימנים, וואָס אין פלוג געוואונען האָט עס געקאָנט באַווייזן אויף אַ מענטש אַ רגזן, איז ער דאָך געווען אַ צוגעגנגלעכער און סיי דערוואַקסענע און סיי זיינע שילער האָבן אים זייער גערן געהאַט.

די יאָרן, ווי באַוווסט, שטייען ניט אויף איין פּלאַץ... טאָג נאָך טאָג, יאָר נאָך יאָר גייט און פאַרשווינדט. כ'בין גרעסער געוואָרן, רייפער, כ'בין שוין 10 יאָר אַלט, בערך, און ווידער דאַרף מען מיך איבערפירן אין אַ „העכערן" „חדר" לערנען אַ „בלאַט גמרא", אַריינדרינגען אין טיפע סוגיות מיט אַלע מפרשים, פאַרענטפערן קושיות מיטן פשוטן פשט אָדער דורך פּלפּול. לויטן עלטער, וואָס אַן אמת, האָב איך נאָך ניט געדאַרפט אַריינצוגיין אין ר' שיע־לוזער'ס „חדר", אָבער וואַרשיינלעך איז מיר בייגעשטאַנען זכות אבות אָן אפשר גאָר מיין אייגענער זכות און כ'בין דאָך אָנגענומען געוואָרן נאָך דעם ווי ער האָט מיך גוט פאַרהערט. ר' שיע לוזער זשעלאַזני און זיין ווייב, אַן על־טערע פּאָר אָן קינדער, לא עלינו, האָבן געלעבט אין זייער טאָגטעגלעכן לעבן ווי

אַ פּאָר „טויבן“, זיך געקוקט אין די אויגן און גרייט געווען העלפֿן איינער דעם אַנדערן און האָבן זיך פֿאַרשטאַנען אויפֿן ווונק. זי, די רביצין, איז געווען מערסטנטייל קראַנק און געלעגן צו בעט אין צווייטן צימער הינטערן טיר, וועלכע איז געווען שטענדיק פֿאַרמאַכט, און ער, דער רבי, האָט איר גאַנץ אָפֿט געעפֿנט און געכאַפּט אַ בליק וואָס ס׳טוט זיך אינעווייניק אין צימער, און גרייט צו יעדן רוף. ס׳האָט געטראָפֿן, אַז זי האָט געשלעפּט אירע קראַנקע פֿיס איבער די צימערן מיט אַראָפּגעהאָנגענע הענט, מיט שוואַכע אויסגעלאָשענע אויגן, פֿון וועלכע ס׳האָט אַרויסגעקוקט אַ טיפֿער אומעט. מ׳האָט געזען, אַז אין דער שטוב פֿעלט די פֿריילעכקייט, דער געפֿילדער און דער רעש פֿון אייגענע קינדער. קען זיין, אַז אין אונדז, די תּלמידים פֿון דעם „חדר“ האָבן זיי געפֿונען אַ ביסל טרייסט.

אַלס זיינע תּלמידים האָבן מיר זיך שוין פֿאַרעכנט פֿאַר דערוואַקסענע. וואָס אַן אמת זענען מיר טאַקע געווען קינדער פֿון 9—11 יאָר, אָבער גענוג רייף, ווי דערוואַקסענע יידן, וואָס שלעפּן דעם עול פֿון „יידישקייט“ אין פֿולן זין פֿון דעם באַגריף.

ר׳ שיע לוזער׳ס „חדר“ איז געווען גאַנץ אַנדערש פֿון אַנדערע „חדרים“. די צאָל תּלמידים איז געווען אַ באַגרענעצטע, בלויז צווישן 14—20. די לערן־שעה׳ן זענען געווען פֿון אינערפֿרי ביז אין אָוונט מיט אַן איבעררייס אין די מיטאָג־שעה׳ן. דער מלמד איז פֿאַררעכנט געווען אַלס אַ תּלמיד־חכם, אַ גדול בתורה, אַ גאָטס־פֿאָרכטיקער און אַן אָפּגעהיטענער אין מקיים זיין די מצוות אַ לייכטע ווי אַ שווערע, אַ באַשיידענער, אַן ענו, און וואָס שייך צו אונדז, זיינע תּלמידים, האָט ער באַצויגן זיך מיט יושר און אַן משוא־פּנים. סיי אַן אָרעמער תּלמיד און סיי אַ רייכער, יעדער האָט באַקומען זיין „לוין“ לויט זיינע מעשׂים און לויט זיינע פֿאָרשריטן אין די לימודים. ער איז געווען אַ נחבא אל הכלים, בקיצור אַ „מלא וגדוש“, ער האָט אויסגעזען עלטער ווי אין דער ווירקלעכקייט, פֿון אַ נידעריקן וווקס, מיט אַ גרייז־גרויער באָרד און האָט פֿיל אַכט געלייגט אויף זיין אויסערלעכן אויסזען.

דער טאָגאָרדנונג אין „חדר“ איז געווען פֿאָלגענדער: אין דער פֿרי — „תּפֿילת־שחרית“ מיט מנין, פֿרישטיק — בענטשן, און נאָכער אַ „בלאַט גמרא“ אין סדר „נזיקין“, אָדער „מעני‍נא דיומא“, ווי פֿאַר אַ יום־טוב, נאָכער מיטאָג־איבעררייס, און נאָך דעם — דאָס איבערגיין איבער דער סדרה פֿון דער וואָך מיט טראָפּ, און מאַנכעס מאָל — אַ קאַפּיטל אין „פּסוק“. און אַלץ דערקלערט מיט שאַרפֿזיניקייט און מיט פֿיל אינטערעס.

אין די ווינטער מאָנאַטן אין אָוונט נאָכן לערנען, האָבן מיר אויך זוכה געווען צו הערן אַ דערציילונג מיט המשכים וועגן „ר׳ יוסף דילא ריינא“, וועגן „איוואַן און לוקאַטשן“, וועגן „אַ חבר מיט אַ האַלבן“ און אַנדערע. יעדע מעשׂה מיט זיין מוסר־השׂכל, און דער עיקר האָט ער געלייגט אַכט אויף דעם „ואהבת לרעך“ און „אהבת השם“.

ווינטער. דער לאַנגער לערן־טאָג איז געקומען צו ענדע, און מיר גרייטן זיך שוין צו גיין אַ היים. יעדער תּלמיד מיט זיין לאַמטערנע אין האַנט אום צו באַלייכטן דעם

זענטלעך זיי צו האַלטן אָדער מיט האָקנס זיי אויפצוהענגען אויף די פּעטלעס פּ
אַנטלען. די דאָזיקע לאַמטערנעס האָבן באַלויכטן מיט דער הילף פון ליכטלע
ע זענען געווען אַריינגעשטעקט אינווייניק אויפן דעק פון לאַמטערנע, אָדע
ן איינגעטונקענע אין בוימל אָדער אין נאַפט, פאַרשטענדלעך אָפּהענגיק פון דע
יאַטיוו פון אינהאַבער אָדער שעפער פון דער לאַמטערנע.

מיר זענען געווען געקליידעט אין לאַנגע פאַרשפּילעטע מאַנטלען, אויפגעשטעלט
ער, די העלדזער אַרומגעוויקלט מיט וואָלענע שאַליקעס. אויף די הענט האָבן מ
ט וואָלענע הענטשקעס און אין זיי אַ פלאַץ אויף פיר פינגער צוזאַמען, און
פאַרן גרויסן פינגער באַזונדער. די היטלען איבערצויגן איבער די אויערן.
זענען געווען פאַרשידנאַרטיק; אָנהויבנדיק פון שטיוול, אין גאַנצן פון לעדע
עס און ענדיקנדיק מיט לאַטשן אויסגעאַרבעט פון אַלטע בגדים, אָדער אַ קאָ
ציע פון די אַלע מעגלעכקייטן צוזאַמען; לעדער מיט געוואַנט, לעדער מיט הי
ע זוילן א. א. דער שוך, ניט וויכטיק פון וואָס ער איז געמאַכט געוואָרן איז געוו
מאָל מיט אַ פּאָר נומערן גרעסער ווי מ׳האָט באַדאַרפט, כדי מ׳זאָל קענען אָנט
פּאָר זאָקן, אָדער אַ פּאָר אָנעצן פון דיקן לייוונט.

די „חברה״ זענען אַרויס פון „חדר״ מיט גרויס רעש און געפּילדער אַזוי ווי בינ
ינשטאָק ווען זי ווערט געעפנט פלוצים דורך אַ ניט איינגעאיבטע האַנט. אַזוי אַר
זיך די תלמידים באַפרייט פון דער גרויסער אָנשטרענגונג פון אַ לאַנגן לעו
וואָס איז פאַריבער.

די פאַסטאָראַלע רואיקייט און שטילקייט פון דער ווינטער־נאַכט איז געשטע
אָרן אויף אייניקע מינוטן; די קראָען אויף די שפּיץ דעכער זענען אויפגעציטע
אָרן פון זייער דרעמלען און זיי האָבן געהאָלפן מיט זייער קראַ־קראַ צו פאַ
רקן דעם פלוצימדיקן טומל.

די „חדר־יינגלעך״ נאָכן דורכוואַרפן־זיך מיט שניי־קוילן זענען זיך צעלאָפן יעד
זיין היים צוליבן פראָסט וואָס האָט געהערשט אין דרויסן, און ווידער איז
געשלאָפן און שטיל געבליבן.

די גאַסן האָבן זיך ווידער פאַרצויגן מיט דער בלאַנקנדיקער ווייסקייט פון ז
ז־אַראָפּפאַלנדיקן שניי, וואָס איז אַ ביסל צעשטערט געוואָרן פון די פאַרשפּעטיל
ווייזר

דערביי פון סודות׳דיקע זאַכן, וועלכע טוען זיך אָפּ אין די הייזער אין „חדרי־חדרים״ פאַרבאַהאַלטן פון מענטשלעכן אויג.

מיט פיל דאַנקבאַרקייט און האָכשעצונג דערמאָן איך מיינע „חדרים״ און אויך אַלע אַנדערע אַנאָנימע מלמדים פון די פיל שטעט און שטעטלעך, ווייל אַ דאַנק זייער פלייסיקייט און דביקות אין דער אידעע צו לערנען תורה די יידישע קינדער — זענען אויפגעשטאַנען די גדולי־התורה און גדולי־הדור, געלערנטע און וויסנשאַפטלער, אַרטיסטן און שרייבער, וועלטבאַרימטע מענטשן, וואָס דאָס יידישע פאָלק גרויסט זיך מיט זיי און שטאָלצירט מיט זיי און מיט זייערע דערגרייכונגען.

געלויבט איז דאָס פאָלק וואָס האָט זוכה געווען צו דעם! „אשרי העם שככה לו!״

איבערזעצט פון העברעאיש : א. אסתרין, מ. מינט׳ס

חנן שוטון

צייטן און געשעענישן

דער ערשטער איינדרוק

אָנקומענדיק קיין דוואַ״ט אין אַ זומערטאָג, האָט זיך אנטפּלעקט פאַרן אויג די שטעטעלע אין איר גאַנצער מאַלערישער פראַכט: הייזלעך, גאַסן, פעלדער, גרינע לאָנקעס מיט פּאַשענדיקע פי, און העט ווייטער פעלדער און וועלדער.

שפּאַצירנדיק אויף בריקוועג׳ס, אַדורכגייענדיק די ערשטע צוויי בריקן און צוקומענדיק צו די דריטע, ווו דאָס וואַסער שטראָמט מיט אַ גרויסן כוח און אָן אויפהער, אָטעמט מען אַריין מיט דער גאַנצער ברוסט די אָנגענעמע, ממש פאַרכי־שפדיקע ריחות פון דעם פריש געשניטענעם היי, וואָס די אָראָפּאַשנע פויערים האָבן שוין באַוויזן צוזאַמענצולייגן אין ענדלאָזע רייען פון סטאָגעס.

ביים טייך

ביי די זייטן פון דעם שטראָמיקן וואַסער זיצן פישערס מיט ווענדקעס און כאַפּן פיש. פון ווייטן זעט מען אָנקומען די אידישע פישערס, וואָס קויפן פון זיי פיש, אין די שכנותדיקע דערפלעך, און צווישן זיי דאָווידיע דאָזער.

דאווידיע דאזער

זיין נאָמען, וואָס אַן אמת, איז געווען ראַק, אָבער ווער האָט געוווּסט דערפון? דערקעגן האָבן אַלע, כמעט, אים געקאָנט אַלס דאָווידיע דאָזער. נישט קוקנדיק אויף

דעם, וואָס מען האָט אים קיינמאָל נישט אויסגעוויילט אַלס דאָזער, איז ער תמיד געשטאַנען אין שול ביי דער זייט פון די גבאים אויפן באַלעמער ווי אַן ערן־פּרעזידענט אָדער נישט־געקרוינטער מלך.

דאָווידיע דאָזער, דער פישער, האָט מען בדרך כלל, אַלע מאָל געזען אין דער באַגלייטונג פון זיינע צוויי זין, וועלכע האָבן אים געהאָלפן שלעפן די קערב מיט די פיש פון איבער די בריקן אין מאַרק אַריין צום פאַרקויפן.

די קעציער

מען האָט אויך באַגעגנט די משפחה איינעמער אָנקומענדיק מיט קערב פיש. גערופן האָט מען זיי די קעציער. פון וואַנען האָט זיך גענומען צו זיי דער צונאָמען „קעציער" ווייס איך נישט, און איך גלויב אַז עס איז צוועקלאָז יעדע פאָרשונג אין דער ריכטונג.

לכבוד שבת

אַ גאַנצע וואָך זענען געווען גאַנץ ווייניק בעלנים צו קויפן פיש. אָבער, ווען דאָס מזל האָט זיי געגליקט דאָנערשטיק נאָכמיטאָג צו קומען מיט זייער סחורה, האָבן זיי שוין דאַן געהאַט אַ גוטן פדיון. ווייל וועלכער איד איז נישט געלאָפן אין מאַרק אַריין כאַפּן אַ פישל לכבוד שבת? עס איז, ממש, געווען אַ פאַרגניגן צו זען וויביידע צדדים, סיי די סוחרים און סיי די קונים, זענען געווען צופרידן; די ערשטע צוליב די גוטע פרייזן, און די צווייטע — מקיים צו זיין די מצווה פון קויפן פיש לכבוד שבת.

ביי דער דריטער בריק

ביי דער דריטער בריק איז בכלל געווען זומערצייט לעבעדיק און פריילעך. דאָרט איז געווען דער צענטער, ווו אידן האָבן זיך געבאָדן, פון יונג ביז אַלט, הויפּטזעכלעך אַ פרייטיק נאָכמיטאָג. פיל האָבן זיך געלאָזט כאַפּן אַ שווים צו די פּאַליעס, אָבער דאָס איז שוין געווען אַ שטיקל פאַכמענישע אַרבעט. ערשטנס איז עס געווען געגן שטראָם, און מען האָט זיך געמוזט אָנשטרענגען און אויך קענען שניידן דאָס וואַסער, צווייטנס איז אין דעם פּלאַץ געווען זייער טיף. און ווער עס האָט דערגרייכט די פּאַליעס און זיך אָן זיי אָנגעכאַפּט, האָט מיט שטאָלץ זיך אַרומגעקוקט צו זען אויב מען האָט באַמערקט זיין שווימען. עס זענען אויך געווען שווימער־קינסטלער ווי ר' פּינחס פּראַך, דער כלי־זמר, דער זון פון באַרימטן כלי־זמר ר' יצחק פּראַך. ער האָט זיך געפלעגט אַרונטערלאָזן אונטערן וואַסער ביי די ברעגן און זוכן פיש. דאָרט זענען געווען פיל שלייען, און ער האָט זיי מיט די הענט אַרויסגעשלעפּט פון די לעכער אונטערן וואַסער.

און מיט וואָס פאַר אַ פרישקייט און שטאָלצקייט האָבן זיך געלאָזט די דאָזיקע אידן אַהיים, כדי אויפגעמונטערט און פריילעך גיין אין שול מקבל שבת זיין.

די קצבים

ווי באַוווּסט זענען אין דוואָרט געווען 7 בריקן, אָבער צומערסטן זענען געווען באַקאַנט צוויי בריקן; די דריטע, וועגן וועלכער מיר האָבן אויבן שוין דערציילט, און די ערשטע — צוליב די נאָענטקייט פון שטאָטישן שלאַכט־הויז (שעכט־הויז). ווען דאָס דאָזיקע שעכט־הויז וואָלט געקאָנט ריידן, וואָלט עס זיכער דערציילט אונז וועגן די שטעטלדיקע קצבים און זייער קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ. נישט איין מאָל זענען זיי געווען אין אַ שווערן קאָנפליקט מיט די כלי־קודש פון שטעטל; מיטן רב, מיט די שוחטים און אַנדערע רעליגיעזע מנהיגים פון דער אידישער קהילה. און כדי צו קענען אויסהאַלטן אין דעם דאָזיקן קאַמף האָבן זיי געמוזט זיין צווישן זיך פאַר־אייניקט. זיי האָבן איינגעקויפט קעלבלעך און בהמות אין דאָרף בשותפות. זיי האָבן נישט אויסגעקויפט איינער ביים צווייטן. ווען איין קצב האָט געהאַנדלט אַ קעלבל אין דאָרף זאַגאַיאָוו ביי אַ פויער, האָט ער צומאָרגנס געשיקט אַ צווייטן קצב און אים אָנגעזאָגט ער זאָל נישט אָנבאָטן קיין גרעסערן פרייז. אַזוי אַרום האָבן זיי איינגע־קויפט נישט טייער. פאַר קיין גויישן פליישער האָבן זיי נישט מורא געהאַט, ווייל דער גוי האָט נישט געדאַרפט קויפן ביים פויער. ער האָט עס באַקומען ביים אידישן קצב פיל ביליקער.

און ווי אַזוי האָט מען זיך צעטיילט דעם שותפותדיקן איינקויף? אַדורכגייענדיק די יאַטקע־גאַס אין אַן אָוונט האָט מען געקאָנט באַמערקן ווי אין אַ שטוב שטייען עלטערע מענטשן, יעדער איינער אין אַן אַנדער ווינקל, ווי זיי וואָלטן אַריינגעכאַפּט אַ מנחה. אָבער וואָס פונקט ביי ר׳ אַנשל קצב? צוגייענדיק נעענטער האָט מען געזען אַ מאָדנע בילד; יעדער פון זיי האַלט אין האַנט אַ שטיקל קרייד און מאַכט צייכנס ביים טיר, ביים פענצטער און ווו עס איז נאָר געווען אַ שטיקל פריי האָלץ. און אָט איז די לעזונג פון דער רעטעניש; יעדער איינער פון זיי, קומענדיק צוריק פון דאָרף האָט געמוזט אַריינגעבן אין שותפות וואָס ער האָט געקויפט און מאַכן דערביי אַ געוויסן צייכן. למשל; אַ קעלבל — אַ רונדן צייכן, אַ בהמה׳לה — אַ לענגלעכן צייכן. אַזוי האָט מען צווישן זיך געפירט די בוכאַלטעריע, און אײ־נער האָט דעם צווייטן אַרויסגעצאָלט זיין רווח. אַזוי האָבן זיי זיך אַן עצה געגעבן כלפי חוץ. אָבער אַנדערש איז געווען דער קאַמף כלפי פנים, בנוגע די שחיטה. זיי זענען געווען אינגאַנצן אָפּהענ־גיק פון רב מיט די שוחטים, ווי מען זאָגט „לשבט או לחסד״. איז די בהמה נאָכן שחטן אַרויס כשר, איז דאַן געווען „לעבעדיק״ ביי די קצבים, כאָטש דאָס אונטערטייל האָבן זיי פאַרקויפט די נישט אידישע קצבים פאַר האַלב־בחינם. מילא — דאָס איז נאָך אַ האַלבע צרה! און ווען אַ בהמה איז חס וחלילה געוואָרן טריף — דאַן איז געוואָרן „חושך״ ביי די קצבים. דאַן האָט מען געמוזט אַוועקגעבן די גאַנצע בהמה דעם גוי פאַר כמעט־אומזיסט. אידן זענען, וואָס אַן אמת, אָפּגעהיטן געוואָרן פון עסן טריף, אָבער זיי האָבן געזען ווי די גויים עסן גאַנץ געשמאַק דאָס פלייש, כמעט פאַר אומזיסט.

וואָס זיי האָבן מיט אַזוי פיל מאַטערניש געבראַכט פון דאָרף.

די אָרעמעלייט האָבן נאָר געקאָנט חלומען פון עסן אַ שטיקל פלייש אין מיטן וואָך. וואָס שייך צו עופות — איז בכלל געווען אַ לוקסוס — נאָר פאַר גבירים. אין בעסטן פאַל האָט מען געקויפט אַ שטיקל האַרץ־פלייש, צעהאַקט עס און אַריינגעטאָן אַלטע חלה אָדער ברויט און געמאַכט קלאָפסן אָדער קאָטלעטן. נאָך אַזאַ פליישיק מיטאָג האָט מען געקאָנט גאַנץ רואיק עסן מילכיקס.

פאַרשטענדלעך אַז צוליב אַזעלכע אָדער אַנדערע אומשטענדן האָבן די קצבים, טראָץ זייער גאַנצער אָנשטרענגונג ביים איינקויפן, נישט געהאַט קיין פרנסה, און זייער פאַרביטערונג איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן שטאַרקער, ביז זיי האָבן זיך צוזאַמענגענומען און ווי רעוואָלוציאָנערן געפאָדערט פון שטאָטישן רב ער זאָל דער־לויבן ברענגען אַ ייִנגערן שוחט מיט אַ זיכערער האַנט. מיט דער פאָדערונג האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אונגעהויערן ווידערשטאַנד פון אַלע כלי־קודש; „וואָס הייסט — האָבן זיי געזאָגט — איר ווילט ברענגען אַ שוחט, אַ מאכיל־טריפה׳ניק!" האָבן די קצבים אויפגעהויבן אַ שטורם און געפרעגט; „ און ווי איז אין אַנדערע שטעט, עסן אידן טריפה? הייתכן — זאָגן זיי — ווי איז עס מעגלעך, דאָס ווען מיר פאַרקויפן אַ פופציק בהמות נאָך לאָדזש זענען אַלע, כמעט, כשר, און ביי אונז ווערט יעדע צווייטע בהמה טריף?"

—· אַזוי איז עס — האָט מען זיי געענטפערט — ביי אונז וועט מען קיין טריף נישט עסן!"

אין ווען די קצבים האָבן ריזיקירט און געבראַכט אַ שוחט, אַ איד אַ הדרת־פּנים און אויך אַ חסיד (די מערהייט שוחטים זענען ביי אונז געווען חסידים), האָט אויך נישט געהאָלפן. דער רב האָט געגעבן אַ קלאַפּ אויפן עמוד אין שול און געזאָגט: „די שחיטה פון נייעם שוחט איז טריף!" און קיין איינאיינציקער מויל אין שטעטל האָט נישט געוואַגט פאַרזוכן דעם טעם פון דעם פלייש. אַפילו די קצבים אַליין האָבן דאָס פלייש צו זיך אין שטוב נישט געבראַכט. דען ווער וועט דאָס גיין צוליב אַ שטיקל פלייש פאַרלירן עולם־הבא?!

און אויב מען רעדט שוין וועגן עולם־הבא דערמאָנט זיך מיר די מעשה פון ר׳ שמואל כהן.

ר׳ שמואל כהן

ר׳ שמואל כהן האָט געוווינט אין מאַרק, אין הויז פון די ערזאָנס, ווו ער האָט געהאַט אַ גאַלאַנטעריע־געוועלבל. איינמאָל אין אַ פרייטיק־צו־נאַכט האָט זיך עפּעס אָנגעצונדן ביי אים אין שטוב — וואַרשיינלעך פון אַ נאַפט־לעמפל. דער עיקר — עס ברענט. דער פייער האָט זיך שנעל אַריינגעכאַפּט אין געוועלבל, און עס איז, ממש, געווען אַ שריפה. אָבער ס׳איז דאָך שבת! וואָס טוט מען? דערווייל האָבן מענטשן

זיך אָנגעהויבן צונויפלויפן. דאַן האָט מען געזען ווי ר׳ שמואל כהן לויפט אַרויס אין גאַס, בײדע הענט אויפן קאָפּ און אַנטלויפט פון פײער. „ר׳ שמואל, וואָס לויפט איר, ווו לויפט איר, עס ברענט דאָך ביי אייך?״ ר׳ שמואל ענטפערט נישט. וואָס וועט ער ענטפערן? וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס גאַנצע געוועלבל אין פאַרגלייך צום אָפּהיטן דעם הייליקן שבת? ווו ער איז אַנטלאָפן — ווייסט מען נישט, נאָר מען האָט דערציילט, אַז ער איז אַוועק אין שטיבל און זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל מען זאָל אים, אַפילו, נישט אָנזען.

די שכנים און אַנדערע האָבן אָנגעהויבן אַרויסטראָגן וואָס מען האָט געקאָנט און געראַטעוועט די פײערלעשער, אָבער ווי געוויינלעך, ביז זיי האָבן באַקומען אַ פערדל אויף צו שלעפּן דאָס פעסל, פאַרשטענדלעך אַ ליידיקע, ווייל ערשט אין מאַרק האָט מען עס געדאַרפט אָנפילן מיט וואַסער, האָט עס פאַרנומען אַ היבשע ביסל צייט, אַזוי אַז דאָס אָרעמע געוועלבל איז אין צווישנצייט גאַנץ שיין געוואָרן אָפּגעברענט.

אָבער ר׳ שמואל כהן איז אַרויס אַ גאַנצער — נישט מחלל שבת געווען.

די צוויי אַלמנות

גייענדיק אין גאַס האָט מען געטראָפן די גאָלדענע פישערין מיטן זון, אַ ייִנגל פון אַ יאָר 12־13, וועלכער האָט זיך נאָך איר שטענדיק נאָכגעשלעפּט, און די צווייטע — חיה אסתר.

די צוויי ווייבער האָבן געצויגן זייער חיונה פון אַריינטראָגן אין פאַרשיידענע הייזער אַ ביסל פּראָדוקטן, ווי למשל אַ פּאָר אייער, אַ ביסל ירקות און אַזוי.

ווען אַ פויערטע איז אַדורכגעגאַנגען פאַרן געוועלב פון די בראָנאָווסקעס און די בעל־הביתטע איז פונקט געשטאַנען פאַרן געוועלב, האָט זי נישט געקויפט ביי די פויערטע די פוטער אָדער די אייער, נאָר די צוויי ווייבער מיטן ייִנגל האָבן עס געקויפט און גלייך אַריינגעטראָגן דאָס אין קיך פון דער משפחה.

און ווען חיה־אסתר׳ס טאָכטער איז געוואָרן ראויה לחופה, האָבן זיך מיט איר גורל פאַראינטערעסירט אירע קליענטן, און מען האָט געהאָלפן מיט ראַט און טאַט. קודם כל האָבן זיי אַלע גדאגהט ווי וועט חיה אסתר מיט איר טאָן אַ שידוך? העלפט גאָט און עס מאַכט זיך אַשידוך.אַ בחור פון אַ שכנותדיקע שטעטל קומט אָן קיין דוואָרט, פאַרשטענדלעך אין חול־המועד סוכות. און ס׳איז שוין געוועזן ווער עס זאָל אים פאַרשדכענען דאָס מיידל. דאָס וואָס חיה אסתר האָט נישט אויף קיין וווינונג צו דינגען און נישט אויף קיין מעבל צו קויפן, מאַכט נישט אויס. זי נעמט אים אריין אין איר שטיבל, ווו זי וווינט הינטערן בית־המדרש ביי ר׳ שמואל קצב, אין בוידעם שטיבל. מען האָט אויך איינגעאָרדנט אַ שטיקל חתונה, ווייל הכנסת־כלה איז דאָך אַ גרויסע מצווה. פרנסה? מילא! איז אויך געווען אויסגעזאָרגט. מען האָט דעם „פריש־אויסגעבאַקענעם בעל־הבית׳ל געגעבן אַ קערבל אין האַנט און געשיקט אין דאָרף

אַריין. וואָס ער האָט געבראַכט האָט די שוויגער חיה אסתר, ממש, פאַרצוקרעט ביי אירע קונים. און אַזוי האָט מען אויך געהאַט קינדער — אַלץ אין דעם בוידעם־שטיבל.

אָבער מיט דער צייט האָט זיך אַלץ געענדערט. די אַלטע בעל־הבית׳טעס זענען טיילווייז געשטאָרבן, טיילווייז אַוועק פון דוואָרט און זייער פּלאַץ האָט פאַרנומען די יינגערע גענעראַציע. עס זענען אַוועק די אַלטע צייטן. „נייע צייטן, נייע מענטשן, נייע לידער!" יענע הערלעכע טיפּן און שטאָלצע פרויען, וואָס האָבן בכבוד געהאָלפן די אָרימע ווייבער זיך דערהאַלטן ביים לעבן און מיט אַזויפיל פאַרשטענדניס באַצאָלט מיט דער ברייטער האַנט פאַר זייער סחורה, זענען אַראָפּ פון דער אַרענע. און מיטן אַוועקגיין פון עלטערן דור זענען אויך אַוועק זייערע מנהגים, און אויך — די פרנסה פון די צוויי ווייבער. ווייל ווער פון די אויפגעקומענע בעל־הבית׳טעס האָט זיי בכלל אין שטוב אַריינגעלאָזט? אַלט און שוואַך האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט ווי פאַרגאַנגענע שאָטנס, די וועלכע האָבן זיך אויסגעהאַלטן מיט אייגענע כוחות און פאַרדינט מיט כבוד זייער שטיקל ברויט. פאַרלאָזענע און צעבראָכענע האָבן זיי געמוזט אָנקומען נאָך שטיצע. אויך געשטאָרבן זענען זיי אומבאַמערקבאַר, ווייל ווער האָט געהאַט צייט און געדולד צו אינטערעסירן זיך מיט זיי?

די ערשטע וועלט־מלחמה ברעכט אויס

די ערשטע וועלט־מלחמה ברעכט אויס. די דייטשן קומען אַריין אין דוואָרט און נאָך אַ קורצער צייט האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן און די רוסן זענען צוריקגעקומען. יאָגנדיק נאָך די דייטשן האָבן זיי נישט פאַרגעסן אָן די אידן, געראַבעוועט און פאַרפאָלגט אידישע מיידלעך און פרויען. ס׳איז געווען אַ מהומה צווישן די אידישע באַפעלקערונג. די אידישע פאָרשטייער האָבן זיך געווענדעט צו די העכערע מיליטערישע מאַכט. מען האָט צוגעזאָגט צו האַלטן אָרדנונג, אָבער עס האָט ווייניק וואָס געהאָלפן.

אַ קאָזאַק האָט זיך אַריינגעריסן אין הויז פון עסיגמאַכער אין דער דאָברער גאַס, ווו עס האָט אויפן הויף געווינט אַ משפחה מיטן נאָמען כץ. דער איד האָט זיך אַנטקעגן געשטעלט דעם כוליגאַן. דער קאָזאַק האָט אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און דעם איד געשאָסן אויפן אָרט.

פוקאַטש דער בעקער (גערופן האָט מען די משפחה „קרוליק", ווייזט אויס דאָס זיי האָבן געהאַנדלט מיט פעלכעלעך פון קרוליקעס — איז געבליבן דער דאָזיקער נאָמען, אין איינקלאַנג מיטן פאָלקסווערטל „מיט וואָס איינער האַנדלט, דאָס שלעפּט זיך אים נאָך") האָט זיך איינגעשטעלט און אַריינגענומען אין זיין בעקעריי עטלעכע אידישע מיידלעך כדי זיי צו פאַרהיטן פון די ווילדע קאָזאַקן. רוסיש האָט ער געקאָנט נאָך פון מיליטער. און ווען די כוליגאַנעס זענען אַריין אין בעקעריי, האָט ער זיך מיט זיי אויסגעטענה׳ט און זיי פאַריאָגט פון זיין בעקעריי.

אָבער אין אַ סך שטעלן האָבן די קאָזאַקן פאַרגוואַלדיקט און גערויבט פראַנק

און פריי. צום גליק זענען די דייטשן צוריקגעגאַנגען ביז קאַליש און אָנגעהויבן אַ נייע אָפּענסיווע.

אָקופּאַציע און אירע פאָלגן

נישט ווייט פון קאָזשמינקע ביי אַ וואַלד האָבן זיי אַריינגענאַרט „די גרויסע העלדן", די פּאָגראָמשטשיקעס, און ווען די קאָזאַקן־קאַוואַלעריע זענען אָנגעקומען מיט זייערע פערד נאָענט צום וואַלד, האָבן זיי די דייטשן מכבד געווען מיט אַזאַ פאָרציע פייער, דאָס פון די גאַנצע באַנדע רויבער זענען צוריקגעקומען נאָך דוואָרט 6 אָדער 7 געבליבענע, וועלכע זענען אַנטלאָפן ווי פאַרסאַמטע מייז פון די דייטשן.

דאָס מאָל האָבן די דייטשן זיך באַזעצט אין דוואָרט אויף אַ פּאָר יאָר. זיי האָבן איינגעפירט זייערע געזעצן. זיי האָבן אַלץ רעקווירירט, אַזוי אַז עס איז נישט געווען קיין אויסוועג און אַלע האָבן אונגעהויבן שמוגלען. דאָס גאַנצע לעבענסמיטל איז נישט געווען פריי צום קויפן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווער לעבן, כאָטש אָרדנונג איז געווען און מען איז געווען זיכער מיטן לעבן.

הויפּטזעכלעך האָבן געליטן די שטעטישע, ווייל פון דאָרף אין שטאָט האָט מען נישט געקאָנט ברענגען לעבנס־מיטל. די זשאַנדאַרמעריע אויף פערד זענען געריטן און פּאַטראָלירט אַלע וועגן.

דער הויפּט־שמוגל איז געווען פּאַפּיראָסן, „ספינקס" האָט מען זיי גערופן. מען האָט זיי געבראַכט פון איבערן־גרענעץ. מיט ספּעציעלע גוטע פערד און וואָגנס איז מען צוגעפאָרן נישט ווייט פון גרענעץ, און דאָרט געקויפט די פּאַפּיראָסן און אַהין געפירט ספּירט און אַנדערע פּראָדוקטן. אָבער שמוגלען ספּירט איז נישט געווען אַזוי לייכט. קודם כל האָט מען אים ערשט געמוזט ברענגען פון ווילטשקוב, אַ דאָרף ווייט אַ 15 קילאָמעטער פון דוואָרט. דאָרט האָט געוווינט ר' דוד קאָזע און דורך זיין האַנט האָט מען מיט גרויסע שוועריקייטן אַרויסבאַקומען פון דער גאָזשעלניע אַ ביסל ספּירט און עס ביינאַכט אַריינגעשמוגלט נאָך דוואָרט. און אַזוי ווי אַרום דער שטעטל האָבן געהיטן די דייטשן, האָט מען עס אַראָפּגענומען ביים בית־עלמין און אַריינגעלייגט אין מתים־שטיבל. צומאָרגנס האָט מען עס ביסלעכווייז אַריינגעפירט אין שטאָט.

אין דוואָרט זענען געווען אייניקע דייטשן ,וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן גאַנצן שטעטל, ווי דער בירגערמייסטער און נאָך אַ דייטש, וועלכע האָבן קאָנצענטרירט אין זייערע הענט די גאַנצע אַדמינסיטראַציע און זיכערהייט־דינסט.

אַ דאַנק דעם וואָס די אידן האָבן זיך געקאָנט מיט די דייטשן בעסער פאַרשטענדיקן ווי די פּאָליאַקן, האָבן זיי נישט איינמאָל מיטגעאַרבעט צוזאַמען ביים אַריינשמוגלען פאַרבאָטענע סחורות.

מען שמוגלט

און עס איז געווען נישט איינמאָל אַ צופאַל אַז ווען מען האָט אַראָפּגעשטעלט

דעם ספירט אין בית־הקברות, האָט שוין ווער געהאַט אַ האַנט אין דעם, אַז מען האָט עס איבערגעגעבן די אויבן דערמאָנטע דייטשן, און זיי זענען גלייך אַוועק אויפן בית־עלמין און געזוכט דעם ספירט, וואָס צום מזל האָט מען עס פונקט מיט אַ שעה פריער צוגענומען.

אויך די דאָרפגייערס איז אָנגעקומען דאָס ביסל פרנסה זייער שווער. ערשטנס, וועלכער דאָרפס־גייער האָט זיך געקאָנט פאַרגינען צו טראָגן אַ פאָר שטיוול. דאָס גאַנצע לעדער האָבן דאָך די דייטשן צוגענומען. האָבן די דאָרף־גייערס געמוזט טראָגן טרעפּערס. און אין טרעפּערס איז נישט אַזוי לייכט צו גיין; זיי זענען געווען שווער אויפן פוס, און ווען מען האָט באַמערקט פון דערווייטנס אַ זשאַנדאַרם, האָט מען אָנגעהויבן לויפן אין פעלד כדי זיך צו באַהאַלטן. נאָך שווערער איז געווען ווינטער. דער שניי האָט זיך אָנגעקלעפּט אָן די זוילן און מען האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אַלע ווײַלע כדי אָפּצוקלאַפּן מיט אַ העמערל דעם אָנגעקלעפּטן שניי כדי צו קענען גיין ווייטער. אויך דאָס איינקויפן סחורה אויפן דאָרף איז אָנגעקומען מיט גרינע גאַל, ווייל די פויערים האָבן מורא געהאַט צו פאַרקויפן. סיי דער פויער און סיי דער אויפקויפער האָבן באַקומען אַ זייער האַרבע שטראָף ווען מען האָט זיי געכאַפּט.

דער „דזשאָינט"

דער שמוגל האָט אפשר געהאָלפן די שמוגלער, אָבער גאַנץ ווייניק דער ברייטער באַפעלקערונג. צום מזל האָט זיך צו יענער צייט באַוויזן אויפן האָריזאָנט דער אַמערי־קאַנער „דזשאָינט", וואָס האָט מיט דער דערלויבעניש פון דער דייטשער מאַכט אָנגע־הויבן שיקן לעבנסמיטל, הויפּטזעכלעך פאַר די אידישע אונערנערטע און האַלב אויס־געהונגערטע קינדערלעך. עס האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט צוטיילן די פּראָדוקטן ווי רייז, קוואַקער, מעהל, קאַקאַו אאז"וו. אויפן פאַרלאַנג פון דזשאָינט איז געגרינדעט געוואָרן אַ קיך און מען האָט געטיילט די קינדער געקאָכטע עסן. די קוך האָט זיך געפונען אין מאַרק צווערשט ביי מנדל ערליך אויפן הויף און צום סוף ביי חיים טיגער.

יעדעס קינד האָט זיך, ממש, מחייה געווען מיט דעם ביסל עסן און געוואַרט מיט אומגעדולט אויף צומאָרגנס אום ווידער צו לויפן זיך שטעלן אין דער רייע כדי צו באַקומען זיין פּאָרציע. עס פאַרשטייט זיך אַז דער גרויסער הונגער און די גרויסע נויט האָבן אויך דערפירט צו פאַרשיידענע מיסברויכן ביים פאַרטיילן די דזשאָינט־פּראָדוקטן, אין איינקלאַנג מיטן פאָלקסוואָרט „ווער עס זיצט ביים שיסל, דער עסט". אָבער טראָץ אַלעם האָט די דזשאָינט־הילף גערעטעוועט די לאַגע פון הונגעריקע קינדער.

אויסערן הונגער, וואָס די דייטשן האָבן אַריינגעבראַכט, האָבן זיי אויך באַשאַנקען די שטעטל מיט אַ צווייטער מתנה — אַ טיפוס. די שרעקלעכע קראַנקהייט האָט זיך פאַרשפרייט שנעל, אַריינגעדרונגען אין אַ סך הייזער, אַזוי אַז די לאַגע איז געוואָרן

אומדערטרעגלעך, איבערהויפּט ביי די אָרעמעלייט, ווייל ווען אַזאַ קראַנקער איז שוין אַדורכגעקומען די קרענק, האָט ער דאָך געדאַרפט האָבן פלעגע כדי צו קומען צו די כוחות, אָבער אויסער שוואַרצע, שלעכטע ברויט, וואָס מען האָט צוגעטיילט, האָט ער דאָך נישט געהאַט מער צו עסן, און קויפן אַן עוף אָדער מילך און פּוטער איז געווען פאַר אַן אָרעמען אוממעגלעך.

טיכטיקע פרויען העלפן

דאַן האָבן זיך באַוויזן אין שטעטל אייניקע טיכטיקע פרויען, וואָס האָבן, ממש, איינגעשטעלט זייער לעבן און האָבן צוגעטראָגן די דאָזיקע קראַנקע אַ ביסל זופּ, אַ שטיקל עוף אאז״וו. זיי זענען אַרומגעלאָפן צו שאַפן דאָס געלט צו קויפן די וויכ־טיקע פּראָדוקטן, וואָס איז אויך געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן.

עס איז מיר געבליבן אין זכרון אַ פרוי פון יענע שיינע אידישע מאַמעס, וואָס האָט אַזוי בכבוד און שטילערהייט זיך אַריינגעגנבעט אין אַזאַ קראַנקן־שטוב, און ווי־נישט־זעענדיק, איבערגעלאָזט דאָס ביסל הילף. די דאָזיקע פרוי איז געווען נחה קאָרנאָווסקי. ווי שנעל איז זי געלאָפן אין די געסלעך, געכאַפּט אַ קוק דאָ, אַ בליק דאָרט, וואָס מען הערט ביי דעם, ביי יענעם, צוגעטראָגן באַהאַלטענערהייט, געהאָלפן, ממש, געראַטעוועט, אָבער צום גרויסן אומגליק איז איר אייגענער זון, אַ יונגער בחור, געשטאָרבן פון אַ טיפוס. וויפל גייסטיקן מוט און טיפן גלויבן האָט זיך געפונען אין די נשמה פון דער פרוי צו קענען גובר זיין אַזאַ אומגליק.

די לאַגע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן ערגער. די לוויות האָבן געמוזט פאָרקומען, אויפן באַפויל פון די דייטשן, אין געהיים. מען האָט געכאַפּט דעם מת און אַנטלאָפן מיט אים ווי מיט אַ גניבה.

ווי טראָגיש און שוידערלעך איז דאָס געווען!

בענדיט פייערמאַן

איינמאָל, אַ שבת, האָט מען מיך געשיקט אין מקווה, ברענגן טיי פאַר אַ קראַנקער פרוי, וואָס איז געווען ביי אונז אין הויז. (שבת, טראָץ פּיקוח־נפש האָט מען נישט געקאָכט) אויפן וועג האָב איך באַגעגנט, כאָטש עס איז נאָך געווען גאַנץ פרי, ווישאָגראָדסקין, וועלכער איז געגאַנגען אין שטיבל. און ווען ער האָט זיך דערוווּסט אַז איך גיי אין מקווה נאָך טיי פאַר אַ קראַנקער פרוי, האָט ער אויסגעדריקט זיין ווונטש צו גיין מיט מיר צוזאַמען. מיר זענען אַריין צו דער קראַנקער אין שטוב. נאָך דעם ווי זי האָט געטרונקען, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און האָט אָנגעהויבן זאָגן תהילים, און איך — צוזאַמען מיט אים. אַזוי זענען מיר געזעסן און געזאָגט תהילים אויפן קול אַ לאַנגע צייט. ער האָט אויך געוויינט. (דער דאָזיקער עפּיזאָד בעט זיך,

ממש, צו פאַרגלייכן מיט דעם וואָס יצחק לייביש פרץ דערציילט אין זיין דערציילונג „דער צדיק פון נעמיראָוו״).

דער דאָזיקער איד איז געווען אַן אײדעם פון דעם רייכן בענדיט פייערמאַן, וועלכער האָט פאַרמאָגט הייזער און אַ גרויסן פאָלוואַרק — ממש אַן אידישער פריץ. דער פאָלוואַרק האָט געהייסן מאַראַוויק, אַ צען קילאָמעטער פון שטעטל. ע־ האָט זיינע פויערים פאַרגיטיגט זיי זאָלן ביי אים נישט האָדעווען קיין חזירים. ער האָט געפירט אַ שיין, רייך לעבן. ער איז געווען אַן אָנגעזעענער חסיד אין שטיבל, האָט זיך איינגעשאַפט איידעמס פאַר זיינע טעכטער פון גרעסטן יחוס. אויך ווישאָגראָדסקי איז געווען איינער פון זיינע איידעמס, דער עלטסטער. ער איז געווען אַ איד אַ תלמיד־חכם, אַן איש תם וישר, אַ בעל־משפחה פון אַ סך קינדערלעך, אָבער קיין גרויסער בעל־פרנסה איז ער נישט געווען. ער איז בכלל נישט פעיק געווען צום האַנדל. דער רייכער שווער בענדיט פייערמאַן האָט אויסגעהאַלטן אַלע זיינע טעכטער מיט זייערע משפחות. אין דער צייט פון דער אינפלאַציע, האָט אויך דער גרויסער סוחר בענדיט פייערמאַן באַגאַנגען אַ פעלער — ער האָט פאַרקויפט זיין גוט און אויך דאָס שיינע הויז, ווו ער האָט געווינט, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער געוואָרן אַ יורד. און ווען די קינדער ביי די ווישאָגראָדסקעס זענען אונטערגעוואַקסן, האָבן זיי אויפ־געהערט חלומען פון רייכן זיידן, געוואָרן בעלי־מלאכות און אַפילו זיך משדך געווען מיט בעלי־מלאכות.

צוביסלעך האָט דער טיפוס אויפגעהערט צו בושעווען. מענטשן האָבן אָנגעהויבן פרייער אָפּצואָטעמען, צוריקגענומען זיך צום האַנדל, ווייל דער ווע־ עס איז געבליבן לעבן דאַרף זוכן זיין חיונה.

ר׳ זלמן טרעגער

ר׳ זלמן טרעגער, גערופן האָט מען אים אויך ר׳ זלמן פלאַצעק (פאַרוואָס ? אפשר האָט ער ליב געהאַט קוכן — אַ גאַנץ אויסגעהאַלטענע סיבה אַז דאָס שטעטל זאָל אים רופן „פלאַצעק״), האָט, פאַרשטענדלעך, פון טרעגעריי קיין גרויסע גליקן נישט געמאַכט. קיין יונגער מענטש איז ער שוין אויך נישט געווען, און נישט איינמאָל האָט מען אים געקאָנט זען איינגעבויגן ביז צו דער ערד, שלעפנדיק די זעק מעל. אָבער פאַר שווער־אַרבעטן צאָלט זיך דאָך נישט. ווייל ווי זאָגט גאָרקי : „אויב צאָלן פאַר שווערע אַרבעט, האָט דאָך אַ פערד געדאַרפט באַקומען דעם גרעסטן לוין !״ און אַזוי ווי לעבן דאַרף מען דאָך, האָט ר׳ זלמן פלאַצעק זיך אויך פאַרנומען מיט אויבסט־האַנדל. ווי אַ גרויסער טייל פון דוואָרטער אידן האָט ער זיין ביסל אויבסט געהאַלטן אין אַ קעלער ביי די ערזאָנס, אין מאַרק. די פענצטערלעך זענען אַרויס צום מאַרק, און פאַרשטענדלעך אַז די ריחות פון די עפל זענען אַרויס אין גאַס. איינמאָל זענען אַדורכגעגאַנגען אייניקע דייטשן און דערפילט אַז דאָרט אונטן זענען פאַראַן עפל. האָבן זיי נישט לאַנג געטראַכט,

אַראָפּ צום קעלער, אויפגעריסן דעם שלאָס און זיך אָנגעשטופּט די קעשענעס פול מיט עפּל. האָט מען דאָס גלייך צוווּיסן געגעבן ר׳ זלמנ׳ען. קומענדיק צולויפן און הערנדיק וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיין ביסל האַראָוואַניע (ביז מען ברענגט עס אין קעלער ווערט דאָך גרין און געל פאַר די אויגן) כאַפּט זיך ר׳ זלמן און לויפט גלייך צום מאַגיסטראַט, אין די קאָמענדאַטור מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס און מיט אַ וויינענדיקן טאָן, און הויבט אָן אויף דייטש צו טענה׳ן (וועלכער איד רעדט דען נישט קיין דייטש?)

— „אדוני קאָמענדאַנט — זאָגט ער — ס׳איז דאָך פּשוט אַ חרפּה און אַ באַשע, (חרפּה און בושה) דאָס דייטשע זעלנער זאָלן ראַבעווען!”

פיל האָט דער קאָמענדאַנט פון זיין דייטש נישט פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין וואָס ס׳גייט, ער האָט אים באַרויקט און צוגעזאָגט, אַז ער וועט באַקומען פאַר די צוגענומענע עפּל באַצאָלט.

דער עיקר — אין שטעטל האָט מען אָנגעהויבן קלערן, אַז נישט דייטשן האָבן עס געטאָן. וואַרשיינלעך זענען דאָס געווען פּאָליאַקן אין דייטשן מיליטער פון פויזנער קאַנט. קען דען אַ דייטש זיין פייאיק אויף אַזאַ זאַך, איז עס דען מעגלעך?

אויך ווען די דייטשן זענען אַריין אין קאַליש אין יאָר 1914 און האָבן אָנגעהויבן מאָרדן, שיסן אויף רעכטס און לינקס, אויסגעשטעלט מענטשןביים וואַנט און אויס־געשאָסן און אַ האַלבע שטאָט פאַרברענט, האָט מען דאַן אויך געזאָגט: „דאָס איז נישט קיין דייטשן, דאָס איז דער 55־טער פּאָלק פון פויזען. זיי האָבן דאָס געמאַכט. ווי אַנדערש? די דייטשן? אוממעגלעך! אין דער צווייטער וועלט קריג האָט זיך באַוויזן אַז סיי די דייטשן און סיי די פּאָליאַקן זענען פייאיק צו אַ זעלכע מעשים, און נאָך צו אַ סך „שענערע”.

דער טורן־פאַריין


טראָץ דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע האָט די אידישע יוגנט געלעכצט צו פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. די דייטשע מאַכט איז געווען געגן יעדער פּאָליטישער טעטיקייט, אָבער זי האָט דערלויבט צו גרינדן אַ טורן־פאַריין. (ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע) און מיטן גרינדן דעם טורן־פאַריין האָבן זיך געשאַפן גרויסע מעגלעכקייטן פאַר געזעלשאַפטלעכער און ציוניוסטישער טעטיקייט. די מיטגלידער פון טורן־פאַריין האָבן באַקומען ספּעציעלע קליידונג ווי ווייסע בלוזעס, הויזן און היטלעך מיט בלוי־ווייסע קאַנטן. מיט איין וואָרט — די באַגייסטערונג פון דער אידישער יוגנט איז געווען אומגעהויער.

די צוויי צוגערייזטע אין דוואָרט, שוואַרץ און פּאַקשאַנסקי, האָבן אָרגאַניזירט דעם טורן־פאַריין אין שטעטל. און ווער קען זיך פאָרשטעלן די שמחה פון דער יוגנט, ווען מען האָט געמאַרשירט איבער די גאַסן און שמחה שלום לייזער׳ס דעם בעקער׳ס האָט צוגעשפּילט אויף אַ פלייט. די דוואָרטער יוגנט האָט אויך גענומען אַן אָנטייל אין

דעם אויספלוג אין וואַלד, וועלכן די שיעראַדזער אידישע יוגנט האָט אָרגאַניזירט.

עס האָט זאָגאַר זיך געשאַפן ביי די קריסטן אַן איינדרוק, אַז די דייטשן געבן אַוועק די אידן זייער פוילן.

די ערשטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז געווען אין דער שיעראַדזער גאַס ביים בעקער טילינסקי. די אָנפירונג איז געווען אין די הענט פון די אויבן דערמאָנטע ברידער שוואַרץ און פּאָקשאַנסקי. און אַזוי ווי די ברידער שוואַרץ זענען געווען אַלגעמיינע ציוניסטן און פּאקשאנסקי איז געווען אַ פּועל־ציוניסט, האָבן זיך ענטוויקלט וויכוחים און מיט דער צייט האָט זיך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געשפּאָלטן —



טורנפאַריין אין ד׳ווארט
אין דער ווירקלעכקייט אַ געהיימע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געגרינדעט אין פּוילן אין יאר 1916
אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע

ציוניסטן און פּועלי־ציוניסטן. די פּועלי־ציוניסטן האָבן געהאַט זייער פֿאַריין ביי די קאָלטונס, הינטערן הויז פֿון די „קאַמינסקעס״.



אַ גרופּע יוגנטלעכע אין דוואַרט אין יאָר 1930



דער אַמאַטאָרן אָרקעסטער אין דוואַרט

אויפוואַכונג

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנקורענץ, וועלכע האָט דערפירט צו אַ לעבהאַפטער טעטיקייט פון ביידע אָרגאַניזאַציעס; חנוכה־פייערונגען, פורים־אימפּרעזן, פאָרלעזונגען. עס זענען איינגעלאַדן געוואָרן באַרימטע פּרעלעגענטן אויף פאַרשיידענע טעמעס אאז״וו. ביידע צדדים האָבן זיך באַמיט אַריינצוציען אין זייערע רייען וואָס מער מיטגלידער.

אויך איז געווען אַ קרייז פון עלטערע חברים, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט ליטעראַטור. זיי האָבן זאָגאַר איינמאָל אַראָפּגעבראַכט קיין דוואָרט ר׳ הלל צייטלין ז״ל אויף אַ פאָרלעזונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין זאַל פון משוגעים־הויז.

עס איז אויך געגרינדעט געוואָרן אַ ביבליאָטעק אַ דאַנק די הכנסות פון פאַרשידענע אָווענטן און פאָרלעזונגען. די ביבליאָטעק איז געוואָרן געגרינדעט דורך די פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע. פון אָנפאַנג איז מען געשטאַנען פאַר פאַרשידענע שוועריקייטן ביים גרינדן די ביבליאָטעק. די ערשטע פראַגע איז געווען וואָס פאַר ביכער צו שאַפן און פאַר וועלכע לייענער, צי פאַר דער יוגנט, וואָס הויבט ערשט אָן, ווי מיט קינדער־טריט אַריינצוגיין אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָדער פאַר דער יוגנט, וואָס האָט זיך אינטע־רעסירט מיט פּוילישער ליטעראַטור?

און מען האָט באַשלאָסן קודם כל ברענגען די ווערק פון אידישע קלאַסיקער ווי מנדלי, שלום־עליכם, י״ל פּרץ און אַנדערע. אַזוי אַ וום איז די יוגנט דערצויגן געוואָרן נישט נאָר זיך פאַרנעמען מיט פאַרטייאישער נאָר אויך מיט גייסטיקער טעטיקייט.

אויך איז געלונגען אַריינצוציען די יוגנטלעכע, וואָס האָבן געלעזן בלויז פּויליש, און נישט געהאַט קיין באַגריף פון אידישן גייסטיקן לעבן, אין די רייען פון די וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט אידישער געשיכטע און ליטעראַטור, און אַזוי אַ־וום זיי אַריינגעצויגן אויך אין די רייען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַ דאַנק דער אָנגעשטרענגטער טעטיקייט פון די עלטערע חברים, וואָס האָבן זיך באַמיט אַריינדרינגען אין לעזע־רעפּערטואַר פון די דאָזיקע יוגנטלעכע, גרעץ׳ס געשיכטע און די אידישע קלאַסיקער, האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר זיי די גייסטיקע אוצרות פון אידישן לעבן, וועלכע האָבן זיי כמעט באַצויבערט און געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין זייער ביזאיצטיקער וועלטאַנשויאונג.

פון צייט צו צייט האָט מען זיך באַמיט צו פאַרגרעסערן די צאָל ביכער. מען האָט אויך געבראַכט פיל אידישע איבערזעצונגען פון באַרימטע ווערק פון דער אייראָ־פּייאישער ליטעראַטור, און מיט יעדן נייעם געבראַכטן בוך אין שטעטל איז דער אינטערעס פאַר לייענען געוואָרן גרעסער. מען האָט איינגעאָרדנט שמועסן וועגן די געלעזענע ביכער, און אַ יוגנטלעכער, וואָס האָט נישט געלעזן דעם לעצטן ניי־געבראַכטן בוך, האָט זיך געפילט נישט גוט אין געזעלשאַפט.

אילוזיעס

די דייטשן הויבן אָן צו פֿאַרלאָזן פּוילן, און די פּאָליאַקן נעמען איבער די מאַכט.. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פֿייערונגען לכבוד דער באַפֿרייאונג. אַלע פֿענצטער זענען געווען דעקאָרירט מיט אַמעריקאַנער פּרעזידענט׳ס בילדער — ווילסאָן, און די פֿרייד איז געווען זייער גרויס — אָבער נאָר פֿאַר די פּאָליאַקן. אין דעם דריטן מאַי איז פֿאָר־געקומען אַ גרויסע מאַניפֿעסטאַציע אין פּאַרק אויפֿן נאָמען „דער דריטער מאַי״. דאָס איז געווען אין דער דאָברער־גאַס. דער הויפּט־רעדנער איז געווען ד״ר לוניעווסקי און צווישן אַנדערע געדאַנקען האָט ער אויך דערמאָנט די ווערטער „זאַ נאַשאָן אי וואַשאָן וואָלנאָשטש״ (פֿאַר אונדזערע און אייערע פֿרייהייט). צוריקגייענדיק פֿון דער דאָזיקער פֿייערונג האָט מען געקאָנט האָבן דעם איינדרוק אַז עס שאַפֿט זיך אַ נייע גינסטיקע עפּאָכע פֿאַר אידן.

אידן האָבן אָנגעהויבן האַנדלען, כאָטש עס זענען נאָך געווען באַגרענצונגען. איבערהויפּט האָבן די אידישע בעלי־עגלות געהאַט אַרבעט. מען האָט געדאַרפֿט פֿירן נאָך לאָדזש עסנוואַרג, ווייל דער הונגער אין די גרויסע שטעט איז געווען נאָך גענוג גרויס. און ווען עס איז געקומען פֿאַר־פּסח דאַרף מען דאָך עפּעס זאָרגן פֿאַר לאָדזשער אידן זיי זאָלן, חלילה, יום־טוב נישט בלייבן אָן מצות און אַנדערע פּראָדוקטן. אָבער אויף צו פֿירן דאָס אַלץ האָט מען געמוזט באַקומען אַ דערלויבעניש, און דאָס איז נישט מעגלעך געווען אין אַזאַ מאָס, ווי עס האָט זיך פֿאַרלאַנגט. און ווען איינער פֿון די בעלי־עגלות מיטן נאָמען קאָפּעליע האָט אָנגעלייגט אַ וואָגן מיט מצות און געפֿאָרן נאָך לאָדזש, האָט מען אים אויפֿן וועג פֿאַרהאַלטן. אויף די פֿראַגע פֿון ווו האָט ער גענומען אַזוי פֿיל מצות, ווייל דאָס מעל־צוטיילונג איז דאָך געווען באַגרענעצט, האָט ער דערקלערט די פּאָליציאַנטן: „הערט, אידן פֿאָרן דאָך צום ראַבין אויף יום־טוב. נעמט זיך יעדער איינער מיט זיינע מצות, יעדן יעדזיע דאָ גערע, דרוגי יעדזיע יעשטשע דאַליי — איינער פֿאָרט נאָך גער, און אַן אַנדערער נאָך ווייטער״, און אַזוי האָט ער אויפֿגעקלערט, אַז דאָס זענען די צוגעטיילטע מצות, וואָס יעדער איינער נעמט זיך מיט צו עסן ביים רבין, און אַזוי אַרום „וועט די רעגירונג צוויי מאָל נישט געבן, וואָס ווילט איר?״ און די פּאָליציאַנטן האָבן אים בשלום אַדורכגעלאָזן.

אידישע בעלי־עגלות

משפחה קאָפּעליעס האָט זיך גערופֿן וויסאָצקי. זיי זענען געווען אייניקע ברידער קוזינען פֿון קאָפּעליעס: איינער מאיר, אַ צווייטער אַנשל, פֿעסט געבויטע, ברייט אַנטוויקלטע בחורים. באַטראַכטנדיק זיי האָט זיך געוואָלט גלויבן אַז דאָס האָט דער רבונו של עולם אַליין זיי באַשאַפֿן אויף צו זיין בעלי־עגלות, כאָטש עס זענען געווען אין דוואַ־ט נאָך בעלי־עגלות ווי די ברידער טאַנדאָווסקי, איינער ר׳ יידע, דער צווייטער

איציק אהרון. דאָס זענען געווען בעלי־עגלות, וועלכע האָבן געהאַט שווערע וואָגנס צו פירן מאַסעס, אַ סך סחורות, נאָך לאָדזש דורך אַ נעענטערע וועג, איבער שאָדעק. און אַזוי ווי די וועג פון דוואָרט ביז ראָזשעשיץ, אַ צען קילאָמעטער, איז געווען אַ זאַמדיקער, האָט אַזאַ רייזע געדויערט זייער פיל. די פערד פון די וויסאָצקעס זענען געווען שטאַרקערע, מער געפלעגטע און אויך די וויסאָצקעס זענען געווען די ריכטיקע טיפּישע בעלי־עגלות און דעריבער האָבן זיי געהאַט מער דערפאָלג. דאַקעגן ר׳ יצחק אהרון׳ס פערדלעך זענען געווען שוואַכערע, אויסגעדאַרטע, אויסגעמאַטערטע, אַזוי אַז פרייטיק נאָך מיטאָג, ווען יצחק אהרון האָט מיט מזל דערגרייכט דעם דוואָרטער מאַרק, צוריקקומענדיק פון לאָדזש, האָט ער אויסגעשפּאַנט די פערד אין מיטן מאַרק (פאַרוואָס ווייס איך נישט) און עס איז, ממש, געווען אַ רחמנות אויף די אָרעמע פערדלעך צו קוקן, ווי אויסגעשפּאַנטערהייט זענען זיי געבליבן שטיין מידע. אַזוי אַז מען וואָלט געהאַט אַ מצווה ווען מען טראָגט זיי אין שטאַל אַריין.

דאָס זענען געווען די לאַסט־וואָגנס מיט שווערע לאָדונגען. עס זענען, אָבער אויך געווען אין דוואָרט לייכטערע וואָגנס, די אַזוי גערופענע פּאַסאַזשיר־וואָגנס מיטן נאָמען ריסאַרקעס. און אַזוי ווי אין דוואָרט איז נישט געווען קיין באַן סטאַנציע, נאָר אין שיעראַדז, האָט מען דאָך געמוזט צופירן די פּאַסאַזשירן צו דער סטאַנציע. דאָס איז געווען אַ מרחק פון 17־18 קילאָמעטער און מען איז זיך אַ שיין ביסל אָנגעפאָרן.

דער הויפּט בעל־עגלה פון די ריסאַרקעס איז געווען אברהם הירש קרול מיטן צונאָמען „בייטל”, דען וועלכער צווייטער איד האָט נישט געהאַט קיין צונאָמען ?

אויך איז געווען אַן יינגערע גענעראַציע פון די לייכטע בעלי־עגלות ווי פּנחס קאָרטעצקי, אַן אייניקל פונעם באַרימטן ר׳ שעיה, זלמן קרייצער, נתן קרול, אַ ברודערן־זון פון אברהם הירש קרול און נאָך אַנדערע. עס איז געווען אַ בכבודיקע פּרנסה. די פערדלעך זענען זיך אַדורכגעלאָפן און זיי האָבן געהאַט פּאַסאַזשירן אין בײדע זייטן, די וואָס זיי האָבן געפירט צו דער באַן, און די וואָס זענען צוריקגעקומען פון דער באַן.

דער דאָזיקער מצב האָט זיך געענדערט ווען עס האָט זיך באַוויזן אין דוואָרט דער ערשטער אויטאָ.

געבראַכט האָט אים אַ קריסט מיטן נאָמען קוויאַטקאָווסקי פון טשיעלצער וועג. ער האָט אָנגעהויבן קאָנקורירן מיט די אידישע ריסאַרקעס. אָבער צום גליק איז זיין אויטאָ געווען נישט אין אָרדנונג, אַזוי אַז יעדע ווײלע איז ער שטיין געבליבן אויפן וועג. און ווען אברהם הירש („בייטל„) איז אַדורכגעפאָרן, ווען דער אויטאָ איז געשטאַנען אויפן וועג, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זיינע פּאַסאַזשירן און האָט זיי באַוויזן ווי זיינע פערדלעך וועלן מיט גאָטס הילף גובר זיין די מאַשין. און מיט וואָס פאַר אַ גדלות

האָט ער דאַן אַ צי געטאָן פאַר די לייצעס. די פערדלעך האָבן, ממש, פאַרשטאַנען וואָס ער וויל באַווייזן און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ גאַלאָפּ.

די מאַשין זיגט

אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען אַ קורצע צייט, ביז עס איז געקומען אין דוואָרט אַ יונגער קריסט מיטן נאָמען קאָפּיעץ און מיט אַ גוטער מאַשין און אַליין אויך אַ גוטער שאָפער. ער איז אַדורכגעפאָרן די וועג פון דוואָרט ביז שיעראַדז, בערך, אין 15 מינוטן. אָבער אונזערע בעלי־עגלות האָבן זיך אַזוי שנעל נישט אונטערגעגעבן, און האָבן אַ לאַנגע צייט געקעמפט פאַר זייער עקזיסטענץ. געהאָלפן האָבן זיי אין דעם קאַמף, קודם כל, די אידישע פּאַסאַזשירן, וועלכע זענען דאָס רוב פאָרנדע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעהאַלטן צו פאָרן מיט אַ גוי און נאָך דערצו אין אַ מאַשין, וועלכע איז נאָך געווען אַזוי פרעמד פאַר זיי. און בכלל ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַן איד זאָל פאָרן אין אַ גוישן אויטאָ אין דער צייט ווען די אידישע ריסאַרקעס שטייען און וואַרטן אויף אים?! אַ ביסל האָט אויך אַרויסגעהאָלפן פון דער שווערער לאַגע דער שטעטישער היצל וואָיטעק מילער, וואָס האָט באמת געהאַט גוטע און פלינקע פערדלעך. און ווען ער האָט זיך געלאָזט אין אַ גאַלאָפּ, האָט, ממש, געשווינדלט פאַר די אויגן און איינער האָט זיך אָנגעהאַלטן ביים צווייטן ער זאָל, חלילה, נישט אַראָפּפאַלן פון דער ריסאַרקע. אָבער, ווען דער אויטאָ איז אָנגעקומען און דער שאָפער האָט אַ שטאַרקן דרוק געגעבן אויפן בענזין און איז אַדורכגעפלויגן דורך די אַלע ריסאַרקעס, האָבן זיי, די בעלי־עגלות, אַראָפּ־געלאָזט די קעפּ און מיט גרויס פאַרצווייפלונג האָבן זיי מודה געווען, דאָס די מאָדער־ניזאַציע וועלן זיי נישט באַזיגן מיט זייערע פערדלעך.

זאָרגן פון עלטערן

אַזוי זענען צוגעקומען צו דער גרויסער אָרעמקייט פון שטעטל נאָך אַ צאָל הונגעריקע און ליידיקגייערס, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו זוכן נייע פּרנסות. אָבער ווו נעמט מען זיי?

און עס איז געוואַקסן די צאָל אידן אין ווינקל דאָברע־גאַס ביי צירל־יואל׳ס פאַר די טיר. מען שמועסט פון אַלעס אין דער וועלט כדי צו פאַריאָגן די שווערע דאגות וועגן געזונט און פרנסה, און ווען קינדער וואַקסן אונטער — ערשט דאַן הויבן זיך אָן די אמתדיקע זאָרגן. מילא, ביי וועמען עס זענען געווען אינגלעך, איז נאָך אַ האַלבע צרה, אָבער מיידלעך? וואָס טוט מען מיט זיי? זאָלן זיי ווערן דינסטן? קיין צו גרויסן ביישטייער קען דאָס נישט ברענגען ביי אַ שידוך.

אָבער לעבן מוז מען דאָך! נעמט מען די מיידלעך און מען שיקט זיי אין דער וועלט אַריין, דאָס הייסט אין די גרויסע שטאָט, אין לאָדזש, דאָרט זאָלן זיי זיין דינסטן — דער עיקר — אַרויס פון די אויגן, און די הויפּטזאַך — פון די אויגן פון די

אייגענע שכנים, וואָס זיי איז אַפילו אַנגענעמער אַ קרעכץ צו געבן מיט אַ שכן, ווי זיך מיט אים פרייען.

אידישע וואַקאַציעס

אידישע ווּגשן

אין טאָמער וועט איר פרעגן — און ביי ביוראָ־אַרבעט האָט מען נישט געקאָנט איינאָרדנען אַ ביסל מיידלעך? איז דער תירוץ — אַז ביוראָען זענען געווען זייער ווייניק אין דוואָרט. סך הכל זענען געווען צוויי אידישע בענקלעך, ווו מען האָט באַשעפטיקט אידישע מיידלעך. איז דאָך פאַרשטענדלעך אַז די אָ צוויי בענקלעך האָבן נישט געקאָנט לעזן די אָנגעווייטיקטע פראַגע פון פאַרזאָרגן אַלע נויטבאַדערפטיקע מיידלעך מיט אַרבעט, און פאַרשטענדלעך, אַז די יעניקע וועלכע זענען געווען נאָענט צו די בענק האָבן אַריינגעזעצט אַהין זייערע טעכטער.

אויך פאַר די אַרבעטסלאָזע אידן איז נישט געווען קיין לעזונג. זיי זענען געשטאַנען אין גאַס און געבעטלט. און ווען עס איז פאַרביי געפאָרן אַ פאָרנאַלקע מיט ריבן נאָך טשיעלצע אין דער צוקער פאַבריק, וואָס האָט זיך געפונען אַ פאָר קילאָמעטער פון שטאָט, רופט זיך איינער אָן:

— „יאָ, ווען איך האָב פאַר יעדן ריב אַזאַ שטיק גאָלד!״

— „טיפש, ענטפערט אים אַ צווייטער — איך וואָלט געוואָלט אָפּוועגן דעם וואָגן ריבן און האָבן אַזוי פיל בריליאַנטן!״

האָט אַ דריטער איד געזאָגט: „ווען איך פאַרמאָג דאָס, וואָס איר ביידע קענט זיך אָנווינשן אין איין מינוט, וואָלט איך געווען רייכער פון אייך אַלעמען!״

אָט אַזוי חלומט מען אויפן וואָר, און אַזוי לויפן אַ דורך די טעג מיט גאָרנישט.

אידישע סעדער

ווען עס באַווייזט זיך דער פרילינג הויבן אָן אידן צו לויפן אין די דערפער דינגען סעדלעך.

אין היגזיכט פון אויבסט־האַנדל און סעדעריי האָבן זיך געשאַפן צוויי גרופעס: גרעסערע סעדער און קלענערע.

די גרעסערע סעדער, וואָס האָבן געדונגען ביי פריצים אָדער ביי רייכערע פויערים סעדער, אָט די אידן האָבן זיך ווי עס איז אַן עצה געגעבן מיט שאַפן געלט. זיי האָבן באַקומען אויסגעבאָרגט געלט פון די לאָדזשער מעקלערס בתנאי דאָס אויבסט וואָס זיי וועלן פירן נאָך לאָדזש, זאָל ווערן פאַרקויפט נאָר דורך זייערע הענט. זיי האָבן אויך געהאַט לייכטער ביים שאַפן זיך געלט אין די בענקלעך פון שטעטל. זיי האָבן אויך געפונען רייכערע אידן, וואָס האָבן געמאַכט שותפות מיט אַ זעלכע סעדערס און אַריינגעלייגט געלט אין דעם עסק. אַזוי אַז פאַר זיי איז געווען אויסגעזאָרגט בנוגע דאָס שאַפן געלט אויף צו דינגען די סעדער.

ערגער איז געווען די לאַגע פון די קלענערע סעדערס, אידן, וואָס האָבן געדונגען ביי עטלעכע פּויערים עטלעכע בוימער אויבסט, און קיין געלט איז נישט געווען אויף צו באַצאָלן די פּויערים פאַר די סעדלעך. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ געלויפעריי צו שאַפן געלט. פאַרשטענדלעך דאָס די בענק האָבן פאַרלאַנגט גוטע זשיראַנטן, וויסנדיק דאָס אַ זעלכע אידן וועלן נישט האָבן צוריקצוצאָלן די הלוואה. און פאַר אַן אָרעמאַן צו געפינען אַ זשיראַנט איז גאָר נישט אַזוי לייכט.

האָט זיך געפונען אין דוואָרט אַן איד מיטן נאָמען אברהם יוסף קאָלטון, אַ שטעפּער פון פאַך, און ער האָט דאָס טאַקע געזאָרגט פאַר די אָרעמע סעדערס זיי זאָלן, חלילה, נישט בלייבן צוליב מאַנגל פון געלט אָן אַ סעדל, פון וועלכן ער וועט זיך קענען דערנערן איבערן זומער און אויך, אַפילו, אין ווינטער.

אברהם יוסף האָט געזשירירט און געשאַפן זשיראַנטן. נישט איינמאָל האָט ער אויך געגעבן זיין אייגן געלט אַלס הלוואה, און ווען, מער ווי איינער פון זיינע בעלי־חובות, נעמענדיק פון אים געלט, האָט אים פּראָפּאָנירט צו זיין אַ שותף און צום סוף זאָגאַר אים אָריינגעטראָגן פאַרדינסט פון סעדל, איז נישט נאָר וואָס ער האָט נישט גענומען קיין טייל פון פאַרדינסט, נאָר ער האָט זאָגאַר פיל מאָל זיין אייגן געלט נישט צוריק־געזען. און אַזוי האָט ער ממשיך געווען צו גיין אין אָט דעם אָריגינעלן וועג לויט זיין פּרינציפּ „דאָס באָרגן געלט דאַרף מען נאָר אַן אָרעמאַן, ווייל אַן עושר קען זיך אַליין אַן עצה געבן!“

די אידישע סעדערס האָבן געוווּסט גענוי וועלכן סאָד ס׳לויענט זיך צו דינגען, וועלכע בוימער וועלן טראָגן אויבסט, וועלכע בוימער דאַרפן זיך דאָס יאָר אָפּרוען, און וויסנדיק דאָס אַלץ האָבן זיי געקאָנט זיך גוט דינגען מיט די פּריצים און פּויערים.

זאָגאַר נייע סעדערס, וואָס זענען נאָך געווען גרינע אין פאַך, האָבן זיך געקאָנט אויסלערנען די תורה פון סעדעריי על רגל אחת, קומענדיק אין בית־המדרש צו מנחה. די מומחים האָבן זיי אויפגעקלערט אַלץ וואָס מען דאַרף וויסן אין דער הלכה, און די נייע סעדערס האָבן געקאָנט רואיק צוטרעטן צום עסק. אין בית־המדרש האָט מען זיך דערוווּסט וועגן אַלע נייעס; דער אָדער יענער פּויער האָט דאָס יאָר נישט קיין סעדל. אַזוי איז אויך אָנגעקומען אַ ידיעה דאָס אין קאַביערזשיסק, האַלב וועגס נאָך שיעראַדז, איז דאָ אַ פּריצה, וועלכע האָלט שוין דאָרט אַ סעדער, נישט קיין אידן, יאָרן. אידן — וויל זי נישט. (עס האָבן אין פּוילן נישט געפעלט אַ זעלכע קריסטן, וואָס האָבן נישט געוואָלט זען ביי זיך אַן אידן, אָדער האַנדלען מיט אים). אָבער די פּריצה האָט אירע סעדער, דעם קריסט, אויך נישט געוואָלט מער פאַרדינגען, און זאָגאַר נישט געוואָלט אים זען פאַר אירע אויגן, ווייל ער האָט געגנב׳עט פיש אין די וואַסערן פון הויף. פאַרשטענדלעך דאָס דאָרטן איז געווען אַ גוטער סאָד.

זיצט מען אַזוי און מ׳טראַכט, ווי קען מען דעם דאָזיקן סאָד דערגרייכן אויף פאַר אַן אידישן סעדער. רופט זיך אָפּ אברהם יוסף:

— „איך האָב אַ פּאַליאַק, אַ שוסטער, אַ חברה־מאַן. איך וועל מיט אים כאַפּן אַ שמועס. ער איז פּייאיק דאָס אַדורכצופירן".

אַ מעשה מיט אַ פּריצה

אברהם יוסף האָט זיך מיט אים אַדורכגערעדט און ער איז מסכים געווען. ער איז געווען אַ גוטער מענטש און האָט זיך באַצויגן מיט פיל סימפּאַטיע צו אידן. ער האָט באַקומען די נויטווענדיקע אינפאָרמאַציע און דירעקטיוון ווי זיך צו פירן און ווי צו ריידן מיט דער פּריצה. ער איז אַוועק נאָך קאָביער־זשיסק און זיך פאַרגעשטעלט אַלס אַ סעדער. ער וויל דינגען ביי איר דעם סאָד. ער איז געווען אַ יונגער, קלוגער בחור און האָט געוווסט ווי מיט דער פּריצה צו ריידן. ווען די פּריצה האָט אים געפרעגט צי ער איז אַליין אָדער ער האָט אויך שותפים, האָט ער איר געזאָגט, דאָס ער האָט אידן פאַר שותפים. פרעגט זי אים: „ווי קומט ער אויס מיט זיי?", זאָגט ער איר דאָס זיינע אידן זענען ערלעכע זשידעס, ער האַנדלט שוין מיט זיי אַ פּאָר יאָר.

אַזוי אַרום האָט ער ביי איר געדונגען דעם סאָד. מען האָט מצליח געווען צו האַלטן דעם גאַנצן ענין אין סוד, כאָטש דאָס איז נישט געווען אַזוי לייכט. און ווען די צייט איז געקומען פון אַריינציען זיך אין סאָד, און די פּריצה האָט דע־זען אידן, האָט זי גלייך גערופן דעם שוסטער און אים באַפאַלן מיט טענות: „סטייטש, וואָס האָסטו דו עפּעס אַריינגעלאָזן אידן?" זאָגט ער איר דאָס ער האָט דאָך איר גלייך געזאָגט דאָס ער האָט שותפים אידן, און אַזוי ווי ער מיט זיינע שותפים האָבן נאָך סעדער, קען ער נישט זיין דאָ אַליין, און ער מוז אויך זיין אין אַנדערע סעדער.

די פּריצה האָט פאַרשטאַנען, דאָס ער האָט זי אָפּגענאַרט, און דאָס זי איז באַגאַנגען אַ פעלער, וואָס זי האָט לכתחילה נישט אָפּגערעדט באַלד, דאָס אַן איד זאָל נישט איבערטרעטן איר סאָד. איצט איז פאַרפאַלן... דער פיינער פּאַליאַק און אברהם יוסף האָבן גאָרנישט פאַרלאַנגט פאַר זייער טירחה, כאָטש דער סאָד איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער סאָד און האָט געגעבן זייער אַ שיינעם פאַרדינסט.

דער קונסטמאָלער פון מאַלקאָוו

נישט ווייט פון דוואַרט, אַ צוויי קילאָמעטער אויפן וועג קיין שיעראַדז איז געווען אַ דאָרף מיטן נאָמען מאַלקאָוו. אויסער וואָס עס איז געווען אַ זייער גרויס גוט, איז אויך געווען דאָרט אַ זייער גרויסער און שיינער פּאַלאַץ. די אייגנטימער פון הויף זענען געווען פּריען — ווייזט אויס אַ מוטער און אַ טאָכטער. און אַזוי ווי זיי האָבן נישט באַוויזן צו פירן דאָס הויף ווי מען דאַרף, ווייל זיי זענען געווען די מערהייט צייט אין פראַנקרייך, זענען זיי געווען געצוווּנגען צו פאַרקויפן דאָס גוט. אָבער זיי זענען געבליבן וווינען אין פּאַלאַץ. מיט זיי האָט זיך געפונען אַ פּאַליאַק

אין די מיטעלע יאָרן, אַ קונסטמאָלער, וואָס ער פלעגט אויך גאַנץ אָפט פאָרן קיין פראַנקרייך. און אַזוי ווי דער הויף איז געווען זייער גרויס, האָט דער נייער פריץ פאַרפלאַנצט אויף אַ גרויסן שטח טשערעשניעס. דער סאָד האָט זיך געפונען הינטערן פּאַלאַץ. אויך דער פּריץ איז געווען מער אין אויסלאַנד ווי ביי זיך אין גוט. ער איז געווען אַ גרויסער פאַרברענגער און פאַרשטענדלעך, אַז שטענדיק האָט אים אויסגעפעלט געלט. אַזוי אַרום איז ער געווען געצוווּנגען צו פאַרדינגען דעם סאָד מיט טשערעשניעס. איינִיקע אידישע סעדערס האָבן ביי אים דעם דאָזיקן סאָד געדונגען.

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן ווי שיין איז געווען דער דאָזיקער סאָד אין דער בליאונגס־צייט. פאַרשיידענע סאָרטן טשערעשניע־ביימער זענען געווען אין דעם סאָד, און יעדער סאָרט — מיט זיינע פאַרבן. דאָס שפּיל פון די פילפאַרביקע קאָלירן אין פאַרשיידענע צייטן פון טאָג, האָט ממש, פאַרצויבערט אַלע דורכגייער און באַזוכער. און פאַרשטענדלעך אַז דער קונסטמאָלער האָט געשעפּט נחת פון דער דאָזיקער פּאַנאָראַמע.

אין איין געוויסן פרימאָרגן שפּאַצירט זיך אַזוי דער קונסטמאָלער אין גאָרטן. דערזעענדיק דעם סעדער, שטעלט ער זיך אָפּ און הויבט מיט אים אָן צו שמועסן. דער סעדער האָט זיך שטאַרק איבערראַשט, ווייל מען האָט געוווּסט, אַז דער דאָזיקער קונסטמאָלער קומענדיק אין שטאָט פלעגט ער מיט קיין יידן נישט ריידן.

ער האָט אָנגעהויבן גלייך צו ריידן וועגן ציוניזם, אידענטום אאז״וו. ער איז געווען שטאַרק אויפגעבראַזט אויף די אידן אין פּוילן, וואָס ביי זיי איז אַזוי שטאַרק אַנטוויקלט דער נאַציאָנאַלער גייסט. „ער קען אַליין אידן אין פּאַריז, וואָס זיי ווייסן נישט זאָגאַר דאָס זיי זענען אידן. זיי פאַרשטייט ער גוט. אַסימילאַציע איז די בעסטע לעזונג פאַרן אידנטום אין פּוילן. אין דעם נאַציאָנאַליזם, וואָס הערשט איצט ביי אידן אין פּוילן איז שולדיק נאָר יצחק גרינבוים!״ און דאָס אַלץ רעדט אַ גוי אין אַ צייט, וואָס היטלער האָט שוין איבערגענומען די מאַכט אין דייטשלאַנד. לאַכט דער סעדער און פרעגט אים: „צי האָט איר פאַרגעסן פון היטלעריזם?״

— „וואָס? — זאָגט דער קונסטמאָלער — דער היטלעריזם וועט פאַרשווינדן נאָך בעפאָר ער וועט באַווייזן עפּעס צו טאָן. אין 20־טן יאָרהונדערט קען נישט זיין אַזאַ זאַך. איבערהויפּט אין קולטורעלן דייטשלאַנד. אידן דאַרפן זיך אַסימילירן!״

— „דערלויבט געערטער הער — זאָגט דער סעדער — לאָמיר בעסער ריידן וועגן ווירקלעכן מצב פון אידנטום אין פּוילן. וואָס וועט העלפן אַסימילאַציע? די אידישע סטודענטן אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט וועלן אַלס אַסימילאַנטן באַקומען ווייניקער געשלאָגן פון זייערע פּוילישע קאָלעגן, אָדער אידישע אַרבעטער וועלן אַלס אַסימילאַנטן קענען אַריינדרינגען אין אַלע אַרבעטס־פּלעצער ווו עס אַרבעטן פּוילישע אַרבעטער, אָדער סוחרים אאז״וו?״

בלייבט ער שטיין אויפגערעגט און שרייט, כמעט ווי אויפן קול: „אַלץ קען גוט זיין, נאָר גרינבוים איז שולדיק!” און אַנטלויפט אַ צעקאָכטער.

צומאָרגנס טרעפט ער דעם צווייטן סעדער אריה קאָלטון. זאָגט ער אים, דאָס זיין חבר איז אַ גרויסער עקשן, אַ פאַרברענטער ציוניסט.

און דאָס איז געווען דער געדאַנקען־גאַנג פון אַ ליבעראַלן פוילישן אינטעליגענט. אַלס קינסטלער איז ער געווען ווייט פון ווירקלעכן מצב פון פוילישן אידנטום. וואָס האָט ער געוווסט פון אַ לעבן פול מיט שרעק, אַ לעבן פול מיט ציטערניש פאַרן



רעפעטיציע פון דער פאָרשטעלונג „זיין ווייב'ס מאַן אין דראַמאַטישן קרייז
(די פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין יאָר 1924)

אין דער ערשטער שורה שטייען פון רעכטס צו לינקס: **אלקה שוטון, שיעה קרול, סרנה, אריה קולטון, הרשל אוברנטש, פנחס קרטצקי, סוניה לובלסקי, יעקב לייב קרול, יצחק שוטון**

אין דער צווייטער שורה זיצן (פון לינקס צו רעכטס): **רויזע מינדל ברקנוואַלד, אריה אוברנטש, חנן שוטון, זלמן שייניק, רבקה פט.** ליגט: **דער ברודער פון יוסף קרול**

מאָרגן, אַ לעבן פון הונגער און נויט, פון דערנידערונג און באַליידיקונגען, וואָס פאַר אַן אַהנונג האָט געקאָנט האָבן דער דאָזיקער קינסטלער פון מאָלקאָוו, וועגן דעם אַלעמען?

דער דראַמאַטישער קרייז

צווישן די יוגנט אין דוואָרט האָבן זיך געפונען עטלעכע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ דראַמאַטישן קרייז. עס איז נישט געווען פון די לייכטע

זאַכן דאָס צונויפשטעלן דעם אַנסאַמבל, אויסגעפינען די פּייאיקע, וואָס זאָלן מיט הצלחה אויספירן די אויפגאַבן, וואָס מען האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. און דאַך, טראָץ די אַלע שוועריקייטן האָט זיך אָנגעהויבן דער דראַמאַטישער קרייז צו אַנטוויקלען. דער דראַנג צו שפּילן טעאַטער איז געווען פיל שטאַרקער ווי דאָס באַגער פון פּוב־ליקום צו זען די פאָרשטעלונג.

דער דראַם־קרייז האָט זיך אויך אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט פון רעליגיעזן אידנטום מיט ר׳ מאיר דן פלאָצקי בראש. (ווי צום ביישפּיל די פאָר־שטעלונג „צעבראָכענע הערצער״, וועלכע איז צוליב דער סיבה נישט אויפגעפירט געוואָרן) און דאָך האָט דער גרויסער ווילן צום שפּילן טעאַטער אַדורכגעב־אָכן אַלע מכשולים.

איבערהויפּט איז גרויס דער פראַדינסט אויף דעם געביט פון צוויי חברים, וועלכע האָבן זיך, ממש, מוסר נפש געווען פאַר דעם דאָזיקן קרייז, און האָבן אויס־געפירט זייערס. דאָס זענען געווען די חברים יצחק שמואל פּאַוולאָוויטש און אברהם יוסף קאָלטון. אברהם יוסף האָט רעזשיסירט און פּאַוולאָוויטש האָט אַליין געשפּילט און אויך כאַראַקטעריזירט. ער האָט אויסגעפירט די הויפּטראָלן אין „קעניג ליר״, „הערצעלע מיוחס״ און אַנדערע. זאָגאַר זיין ווינונג האָט געדינט אַלס רעפּעטיציע זאַל פון דראַמקרייז. עס זענען איינגעטיילט געוואָרן די פאַרשיידענע ראָלן לויט דער אינדיווידועלע פּייאיקייט פון יעדן חבר, זיי האָבן איינגעשאַפן דעם רעקוויזיט, צונויפגעשטעלט די דעקאָראַציעס, ווייל דער זאַל. וואָס מען האָט געדונגען איז געווען אַ לערער מיט אַ קליינער סצענע, אַזוי אַז עס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן דערפירן דערצו אַז אַ פאָרשטעלונג זאָל זיין שיין און געלונגען. און דאָך האָט דער שטאַרקער ווילן אויסגעפירט.

איך געדענק גענוי די שוועריקייטן ביים פאָרשטעלן דעם „ישיבה בחור״, אָדער ווי מען רופט עס „דער אידישער האַמלעט״. די דאָזיקע פאָרשטעלונג האָט געדאַרפט ווערן אויסגעפירט דורך אַ גרופּע יינגערע חברים פון דעם קרייז. שטייענדיק פון דער זייט האָבן די עלטערע חברים געטראַכט ווי וועלן זיי אַדורכברעכן די טעכנישע שווע־ריקייטן ווי למשל מאַכן אַ קבר אויף דער בינע, אָדער שאַפן צוויי שטריימלעך אאז״וו. אָבער טראָץ אַלע מכשולים איז די פאָרשטעלונג אַדורך מיטן גרעסטן דערפאָלג. די שטריימלעך האָבן אונז איינגעשאַפט עטלעכע חסידישע בחורים (פאַרשטענדלעך קאַליע־געוואָרענע). די פאָטערס פון די צוויי בחורים זענען געקומען אַהיים פון שטיבל מוצאי־שבת. אַריינקומענדיק אין שטוב, איז ווי געוויינלעך, טוען זיי אויס די שטריימלעך אַ׳ן פאַרבלייבן אין די טיפע קאַפּלען. די בחורים האָבן אַ כאַפּ געטאָן די שטריימלעך און געבראַכט צום פאָרשטעלונג.

אויך זענען געווען גרויסע שוועריקייטן מיטן עלעקטרישן ליכט, וועלכע איז נאָר געווען ביז 12 אַזייגער ביינאַכט, און דאַן האָט זיך דאָס ליכט פאַרלאָשן. כמעט יעדע פאָרשטעלונג איז מען געווען געצוווּנגען צו ענדיקן מיט פּשוטע ליכט. עס איז געווען, כמעט, אוממעגלעך אָנצוהויבן אַ פאָרשטעלונג פרי. און סיבות דערצו זענען געווען גענוג. איינע פון די סיבות איז געווען, דאָס די „בעסערע צושויער", די אַזוי־גערופענע אינטעליגענץ, האָבן געפילט פאַר נויטיק צו קומען שפּעטער, און לאָזן וואַרטן אויף זיך. און ווי הויבט מען אָן שפּילן אָן זיי? און ווען „די יחסנים" זענען שוין מיט מזל יאָ געקומען האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זייערע פּלעצער זענען געווען פאַרנומען. האָבן די אָרדנער געדאַרפט אַראָפּבעטן די פּלעצער־פאַרכאַפּער און ביי זיי אויספּויעלן אַז זיי זאָלן אָפּגעבן זייערע פּלעצער, און זעצן זיך אויף אַנדערע ערטער. דאָס אַלץ האָט געפאָדערט צייט. אַזוי אַרום אַז אַלע פאָרשטעלונגען האָבן זיך געענדיקט, על פּי רוב, נאָך האַלבער נאַכט ביי ליכט. אָבער דאָס האָט נישט געשטערט דעם עולם צו פאָדערן נייע פאָרשטעלונגען.

אַזוי אַרום, איז נישט ווילנדיק, דער דראַמאַטישער קרייז אַריינגעצויגן געוואָרן אַלץ מער אין דעם לעבן פון אָרעמען שטעטל. ווען עס איז אַן איד קראַנק געוואָרן און ער האָט נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן דעם דאָקטאָר, האָט זיך שוין געפונען ווער עס זאָל אויסבעטן ביים אָרטיקן דאָקטאָר אַ בחינמ'דיקן וויזיט, אָדער אין אַן ערנסטן פאַל, ווען אַן איד האָט געדאַרפט האָבן אַן אָפּעראַציע און מען האָט אים געמוזט שיקן נאָך לאָדזש אין שפּיטאָל — ווער האָט געהאָלפן אויב נישט דער דראַם־קרייז? מען האָט זיך געווענדעט צו דער פאַרוואַלטונג פון קרייז מען זאָל געבן אַ פאָרשטעלונג — און ס'זענען געשאַפן געוואָרן די מאַטעריעלע מיטלען צו העלפן דעם קראַנקן. אַזוי אַרום איז דער קרייז געוואָרן אַן אַלגעמיינע שטאָטישע אינסטיטוציע אָנגענומען ביי אַלע אידן אומאָפּהענגיק פון זייער פּאָליטישער וועלטאַנשויאונג.

און איינמאָל פאַר יום־טוב, ווען די צאָל פון די נצרכים איז געווען אַ גאַנץ גרויסער און די קהילה האָט נישט געהאַט קיין מיטל צו ענטפערן אויף אַלע בקשות און העלפן, האָט זיך געווענדעט דער פאָרזיצנדער פון דער קהילה, דער פאָרשטייער פון דער „אגודה", צו דעם וועד פון קרייז מיט אַ פאָרשלאַג צו שאַפן אַ פאָנד צו העלפן אָרעמע־לייט אויף יום־טוב. פאַרשטענדלעך אַז ער איז אַרויס גאַנץ פיין פון דעם דאָזיקן הסכם. דער קרייז האָט געגעבן זיין טייל, און געהייסן האָט עס, דאָס די קהילה העלפט, כאָטש מען האָט גוט געוווּסט אין שטעטל וועגן דער עיסקה, אָבער עפנטלעך האָט די קהילה זיך פאַרנומען מיטן צעטיילן די געלטער. מיר האָבן נאָר אַכטונג געגעבן אַז די צעטיילונג זאָל זיין אַ גערעכטע.

דער דראַמאַטישער קרייז האָט אויך געהאָלפן דער גמילות־חסד־קאַסע אין דוואַרט אין איר שווערער מאַטעריעלער לאַגע, ווייל נישט אַלע, וואָס האָבן באַקומען די הלוואות זענען געווען אימשטאַנד זיי אומצוקערן, און די קליינע פאָנדן פון דער קאַסע זענען

נישט געווען אימשטאַנד צו דעקן די אַלע נישט־אויסגעצאָלטע חובות. כדי די גמילות־חסד־קאַסע זאָל האָבן אַ שטיקל קיום האָט מען געזאַמלט אַלע וואָך פון די בעלי־בתים שפענדונגען. אָבער אויך דאָס האָט נישט געקאָנט פאַרפילן די קאַסע, וועלכע האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַלץ מער איינגעדאַרט.

דאַן האָט דער דראַמאַטישער קרייז גענומען אויף זיך אַן אויפגאַבע צו העלפן דער דאָזיקער קאַסע. מען האָט איינרעזשעסירט אַ פאָרשטעלונג, וואָס איז ווייט נישט געווען פאַר די כוחות און מעגלעכקייטן פון דעם קרייז — „אוריאל אַקוסטאַ". צו אַזאַ פאָרשטעלונג האָט שוין נישט גענוגט די אייגענע כאַראַקטעריזאַציע־מיטלען און רעק־וויזיט, נאָר מען האָט געמוזט ברענגען אַ כאַראַקטעריזאַטאָר מיט פערוקן און רעקוויזיט פון גרעסערע ערטער, און דאָס אַלץ האָט געקאָסט געלט. און כאָטש דער איינקונפט איז געווען דאָס מאָל נישט קיין גרויסער, דאָך האָבן מיר געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן מאָראַלישן זיג. די פאָרשטעלונג איז זייער געלונגען און מען האָט נאָך אַ לאַנגע צייט וועגן איר גערעדט אין שטעטל און זאָגאַר אין אומגעגנט.

אָבער מען דאַרף דאָך האָבן געלט צו העלפן, האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצופאָרן מיט דער פאָרשטעלונג אויף גאַסטראָלן אין אַנדערע שטעטלעך. דער ערשטער פונקט האָט געדאַרפט זיין בלאַשקי. אָבער אין בלאַשקי איז די ציוניסטישע פאַרטיי נישט געווען גענוג שטאַרק און ווער וועיס צי דער דוואָרטער דראַם־קרייז, וועלכער איז באַשטאַנען בלויז פון ציוניסטן, וועט באַקומען די געהעריקע שטיצע און רעקלאַמע? האָט מען צונויפגערופן די פאָרשטייער פון אַלע פאַרטייען, זאָגאַר די קאָמוניסטן האָבן געשיקט זייער אַ פאָרשטייער און מען איז אַריבער קיין בלאַשקי. יעדער פאָרשטייער פון אַ פאַרטיי אין דוואָרט האָט זיך געווענדעט צו זיינע מענטשן אין בלאַשקי זיי זאָלן העלפן אַדורכפירן די פאָרשטעלונג, אָדער פשוט גערעדט — זאָרגן דערפאַר אַז מענטשן זאָלן אויסקויפן בילעטן און קומען צו דער פאָרשטעלונג.

אייניקע שוועריקייטן האָבן מיר געהאַט מיט דער „פאָלקס־פאַרטיי". זיי האָבן נישט געוואָלט שטיצן דוואָרטער ציוניסטן. אָבער צום מזל איז זייער פאָרשטייער געווען אַ דוואָרטער, לייביש שוועד. האָט ער נישט געהאַט קיין ברירה ווי מסכים צו זיין אַז זיינע חברים זאָלן קומען צו דער פאָרשטעלונג. אויך ביים „בונד" איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. אין דוואָרט האָט דער „בונד", כמעט, קיין השפעה נישט געהאַט, אָבער אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון די קאָמוניסטן האָבן זיי באַוויליקט צו העלפן.

אין אָוונט פון דער פאָרשטעלונג, אין מוצאי־שבת, איז, כמעט, ווי גאַנץ בלאַשקי געשלאָפן, ווי מען וואָלט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן דער פאָרשטעלונג. האָט דער „בונד" גענומען זיין אָרקעסטער און האָט געשפילט אויף דער טאַראַסע פון זאַל, וועלכער האָט זיך געפונען אין מיטן מאַרק. דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צונויפגעלאָפן, און דער זאַל האָט זיך אָנגעפילט. דאָס גאַנצע אידישע בלאַשקי אָן אונטערשייד פון פאַרטיי (וואָס פאַר אַ זעלטנהייט!) האָט זיך געפונען אין זאַל, און די פאָרשטעלונג איז אַדורך מיט

גרויס דערפֿאָלג. די גמילות־חסד־קאַסע האָט זיך ווידער אָנגעפילט און זי האָט געקאָנט זאָגאַר פאַרגרעסערן אירע הלוואות און נישט זיין אינגאַנצן אָפּהענגיק פון די שפּענ־דונגען. וואָס אַן אמת איז געווען אַ געוויסער צאָל בעלי־בתים, וועלכע זענען געווען גרייט יעדע וואָך צו געבן זייערביישטייער, אָבער מען האָט געדאַרפט האָבן דערצו אַ מענטש, דאָס ער זאָל גיין איבער די הייזער און דאָס געלט צוזאַמענקלייבן. און אַזוי ווי קיין גרויסן געהאַלט האָט דער אינקאַסענט פון דעם נישט געקאָנט האָבן, איז געווען גאַנץ שווער אַזאַ מענטשן צו געפינען. אָבע־ דאָך האָט זיך יאָ געפונען אַ זעלכער. גערופן האָט מען אים דער געלער אהרון.

דער געלער אהרון

דעם ריכטיקן נאָמען זיינעם האָט זיכער קיינער נישט געוווּסט, דען צו וואָס האָט מען שוין געוווּסט ווּעמען מען מיינט. און נישט בלויז ער איז געווען געל, נאָר האָט מען שוין געוווּסט ווּעמען מען מיינט. און נישט בלויז ער געוועזן געל, נאָר אויך זיין ווייב און זיינע קינדער. און געטראָגן האָט דער געלער אהרון אַ פּאָר שיך, דאָס גייענדיק האָט זיך געדאַכט, דאָס נישט ער טראָגט די שיך, נאָר די שיך טראָגן אים. אַזוי גרויס און שווער זענען זיי געווען. גייענדיק האָט זיך זיין קאָזע־בערדל געשאָקלט. זיין פּנים איז שטענדיק געווען אַ לאַכעדיקס ווי פון אַ מענטשן, וואָס האָט נישט קיין דאגות. דען וואָס פאַר אַ דאגות האָט ער דען געהאַט? אַ ביסל האָט ער געהאַט פון דער גמילות־חסד־קאַסע, אַ ביסל פון דאָרף־גיין, כאָטש ווייט האָט ער נישט געקאָנט גיין, זיין ווייב האָט אויך פאַרדינט אַ ביסל. זי האָט געפּליקט עופות פאַר די רייכע בעל־הבית׳טעס אין שעכט־הויז. זיינע צוויי דערוואַקסענע מיידלעך האָט ער געשיקט קיין לאָדזש אַרבעטן. זיין אייניינציקער זון איז געווען אַ קאָמוניסט. וואַר־שיינלעך האָט ער געהאָפט אַז נאָר אויף אַזאַ אופן וועט ער קענען לייזן דאָס פּראָבלעם פון זייער אָרעמקייט.

די גאַנצע משפּחה איז געווען אַ צוגערייזטע פון לאָדזש נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. און אַזוי זענען זיי פאַרבליבן אין דוואָרט. אין לאָדזש איז ער געווען אַ פאַרברענטער בונדיסט, אָבער אין דוואָרט זענען געווען זייער ווייניק בונדיסטן, ממש אויף די פינגער האָט מען זיי געקאָנט איבערציילן, ווי למשל פּאָטשעבאָווסקי, יאַנטשיע שוסטערס איידעם, און זלמן פלאַצעקס זון, איציע. מען האָט אים נישט גערופן איציע, נאָר איציע זלמן פלאַצעקס. ערשט דאַן האָט מען געוווּסט ווּעמען מען מיינט. און ווען דער בונדיסטישער אָרקעסטער פון בלאַשקי איז געקומען נאָך דוואָרט אויף אַן אויספלוג און אַדורכמאַרשירט דעם מאַרק און געשפּילט (זיי האָבן באמת שיין געשפּילט) האָבן די גויים געמיינט, דאָס די אידן נעמען צו זייער פּוילן. די דריי דוואָר־טער בונדיסטן זענען געשטאַנען אין מיטן מאַרק און פאַר גרויס פרייד, האָבן זיי זיך אָנגעהאַלטן פאַר די הענט, און דער געלער אהרון האָט זיך געוויגט אויף זיינע גרויסע

שיך ווי אין אַ וויגשטול. פּלוצים, ווי אויפוואַכנדיק פון אַ שלאָף, זענען זיי זיך צעגאַנגען, יעדער אין אַן אַנדער זייט, ווי זיי וואָלטן, חלילה, געווען באַגאַנגען אַ פאַרברעכן.

געוווינט האָט דער גלעזער אהרון הינטערן בית־המדרש. אין דעם הויז האָט אויך געוווינט ר׳ מרדכי טורקער מיט זיין ווייב די ביינטע.

די אויפגאַבע פון ר׳ מרדכי טורקער איז געווען צו העלפן ר׳ אהרון יואל׳ן אין שול ביים דאַווענען, ווען מען האָט געדאַרפט אַ קלאַפּ־טאָן אין עמוד עס זאָל זיין שטיל. האָט עס ר׳ מרדכי טורקער געטאָן, ווייל ר׳ אהרון יואל האָט אויף דעם קיין כוח נישט געהאַט.

כעלטשע די איילשלאַגערין
האַלץ, דער אידישער לערער

זיין ווייב, די ביינטע, האָט אין שול פאַרגעלייענט פאַר די ווייבער, פאַרשטענדלעך פאַר די דאָזיקע, וועלכע האָבן נישט באַוויזן צו לערנען עברי־טייטש ביי האַלצן, דעם איינציקן אידישן לערער אין שטעטל.

אָבער נישט אַלע ווייבער זענען אָנגעקומען נאָך הילף צו די ביינטע. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַליין אַן עצה געגעבן, ווי כעלטשע די איילשלאַגערין (שיעראַדסקי). דאַוונענדיק וועגדעט זי זיך צום רבונו של עולם: „גיב מיר, דו ווייסט דאָך וואָס איך דאַרף, האָסט דען אַ בעסרן וועמען צו געבן?״ און אין דער אמת׳ן האָט זי טאַקע געדאַרפט. זי האָט געהאַט עטלעכע דערוואַקסענע טעכטער, און ווען די שטע־טישע שקצים, אַדורכגייענדיק פאַר איר געוועלב, האָבן געוואָרפן זייערע שטעכעדיקע בליקן אין געוועלב אַריין, דאַן האָט איר מאַמעס האַרץ אויפגעציטערט.

פּסח־הכנות

ווען דער ליבער פרילינג איז געקומען און געבראַכט מיט זיך די פּסח־טעג, האָט דאָס גאַנצע אידישע שטעטל אויפגעלעבט. די הכנות צום פּסח האָט מען געקאָנט זען אין גאַס און ביי יעדן אידן אין שטוב. מען האָט, ממש, „איבערגעדרייט״ די שטיבער, אַרויסגעוואָרפן דאָס אַלטע שטרוי פון די שטרויזעק אין די בעטן און אַריינגעלייגט פרישע שטרוי, באַהאַלטן דאָס וואָכעדיקע געפעס און אַרויסגעשלעפּט פון די בוידעמס פּסחדיקע געפעס. די אויסגאַבן זענען געווען פאַרשטענדלעך גרויסע, ווייל די פּסחדיקע מאַכלים זענען געווען גענוג טייער. און שאַפן געלט צו אַלצדינג, וואָס אַן איד באַדאַרף אויף פּסח איז געווען גאַנץ שווער. מען קען זיך נישט פאַרשטעלן די שמחה פון אַן אָנגע־האָרעוועטן אידן, ווען ער האָט זיך געלייגט אָנגעגעסן שלאָפן אויפן פרישן שטרוי, נאָך דעם ערשטן סדר. ער האָט זיך ממש געפילט ווי אַ מלך.

„פּסח האָט יעדער איד געמאַכט״ — ווייל דאָס איז טאַקע געווען אַ שטיקל האַנט־

אַרבעט אָנצוגרייטן דעם יום־טוב, אָנהויבנדיק פון מצות. וויפל דאגות האָט די קהילה געהאַט מיטן רב בראש איינצואָרדנען דעם עניין מצות. מען האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר די ווייץ אויף מעל פאַר די מצות, באַקן די מצות, און צום סוף פאַרקויפן אָדער צוטיילן פאַר די אָרעמעלייט. דאָס אַלץ איז געווען נישט אַזוי פשוט.

דער פאָדריאַד

איינע פון די וויכטיקע פּראָבלעמען אין צוזאַמענהאַנג מיט מצות איז געווען דער פאָדריאַד, די אונטערנעמונג צו באַקן מצות.

מען האָט איבערגעגעבן אַזאַ אונטערנעמונג דורך אַ ליציטאַציע. דער בעקער, וועלכער האָט דאָס אָנגענומען פאַר ביליקער, דער האָט באַקומען צו באַקן מצות. נו אַזוי ווי אין שטעטל איז געווען אַ טייל בעלי־בתים, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט די „אגודה" (די מערהייט בעלי־בתים האָבן געהערט נאָכער צו די ציוניסטישע קרייזן, פאַרשטענדלעך אונטערן איינפלוס פון זייערע קינדער), און דער טייל וואָס איז גע־גאַנגען צוזאַמען מיט די „אגודה" איז געשטאַנען אין שפּיץ פון זיי אַ בעקער, האָט ער באַקומען דאָס באַקן די מצות אָן ליציטאַציע, פאַרשטענדלעך פאַר אַ העכערן פּרייז. דערוויסנדיק זיך אין גאַס וועגן דעם, האָט זיך געמאַכט אַ קאָך, און עס איז געוואָרן אַ גאַנצער שטורם אין שטעטל, ביז דער רב האָט איינגעזען, אַז עס איז באמת נישט ריכטיק געווען אָפּצוטאָן אַזאַ זאַך. האָט ער צונויפגערופן די אָנגעזעענע בעלי־בתים פון שטעטל צו זיך און געמאַכט אַ נייע ליציטאַציע.

טראָץ דער דערגרייכונג האָבן דערפון סיי ווי סיי די אָרעמעלייט גאַנץ ווייניק געוואָסן. ווייל ווער עס האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַצאָלן דעם פולן פּרייז, האָט געברויכט ווייניק מצות, און דער אָרעמאַן, וועלכער האָט געברויכט אַ סך מצות, האָט במילא אויסגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס די גאַנצע הוצאות.

די ערב־פּסח'דיקע טעג

די ערב־פּסח'דיקע־טעג זענען געווען פאַרן רב אַן אומגעהויערע אָנשטרענגונג; ווי די ליציטאַציע פון באַקן מצות און דאָס פאַרקויפן דעם חמץ. דען וועלכער איד האָט נישט געהאַט וואָס צו פאַ־קויפן? און דער רב, נעבעך, האָט געמוזט נעמען אויף זיך די שווערע אויפגאַבע צו זאָרגן פאַרן כלל ישראל, ער זאָל, חלילה, נישט נכשל ווערן, האָבנדיק אין שטוב אַפילו אַ שמץ פון חמץ. ער האָט שוין געפונען דעם פּאַסיקן גוי אים צו פאַרקויפן דעם חמץ, פאַרשטענדלעך „בתנאַי" אויף צוריקצוגעבן. און מיט וויפל שאלות האָט מען זיך געווענדעט צום רב אין די ערב־פּסח־טעג?

און דאָס כשר'ן די כלים? אַ קלייניקייט! בעסער איז געווען, אָן שום ספק, צו האָבן אמתע פּסחדיקע כלים, אָבער נישט יעדער האָט געקאָנט זיך דערלויבן צו האָבן ספּעציעלע כלים אויף פּסח, דעריבער האָבן די מערהייט אידן געמוזט כשר'ן. אָבער די

הויפּט זאַכן וואָס מען מוז האָבן צו פּסח האָט, כמעט, יעדער איד געהאַט באַזונדערע ווי צום ביישפּיל: געפעס, כוסות, טעפּ, דאָס אָפּזאַלץ־ברעט און נאָך.

די אָפּגעשאַרטע פּאָדלאָגעס, וואָס האָבן, ממש, געבלאַנקט מיט זייער ריינקייט, אָדער באַשאָטן געוואָרן מיט ריינעם געלן זאַמד (כאָטש קויפנדיק דעם זאַמד ביי אַ גוי, איז ביי מער ווי איינעם געווען אַ ספק, צי דער גוי האָט נישט צופעליק געגעסן חמץ, און עס איז צופעליק, חלילה, אַראָפּגעפאַלן אַ ברעקעלע חמץ אין זאַמד) האָבן, כמעט, געענדיקט די הכנות צום סדר־נאַכט. אַלץ איז גרייט שוין צום פייערלעכן אָוונט.

חול־המועד׳ניקעס

די הויפּט שמחה איז אָבער געווען דווקא אין חול המועד. די שטעטל האָט אין די חול־המועד־טעג אָנגענומען אַ פייערלעכן אויסזען. אַ מאָדנער געמיש פון יום־טוב און דעו׳וואָכן! די געוועלבער זענען געווען אָפן, כאָטש כמעט ווי ליידיק צוליבן חמץ. די אידן אין גאַס זענען געווען אָנגעטאָן יום־טובדיק, געגאַנגען מיטן שטעקעלע אין האַנט לויט דער דאַמלדיקער מאָדע. דאָס יונגוואַרג האָט ערשט דאַן גענאָסן פון דעם אמת׳ן יום־טוב; מען מעג פאָרן, שפּילן קאָרטן און אַפילו אַ ביסעלע אַרבעטן! אָבער געפינען אַן אַרבעטער אין חול־המועד איז גאָר נישט געווען אַזוי פּשוט. ווען אַ שניידער, למשל, האָט געמוזט אויסענדיקן אַ שטיקל אַרבעט, האָט ער געמוזט אַרומלויפן זוכן זיינע געזעלן און בעטן זיך ביי זיי, זיי זאָלן באַוויליקן אים אַרויסהעלפן אַ שעה אָדער צוויי אין דער אַרבעט. עס איז אויך געווען אַ רחמנות, ממש, צו קוקן אויף דעם געזעל (אויב מען האָט אים בכלל געפונען צו דער אַרבעט), דען ער האָט פאַרלאָרן די אמתע הנאה פון יום־טוב.

די גאַס איז געווען פול מיט חול־המועד׳ניקעס, ד״ה פרעמדע, וואָס זענען געקומען צו גאַסט. אין יעדער אידישער שטוב האָט זיך געפילט די פרייד פון דעם יום־טוב; יום־טוב׳דיקער עסן מיט וויין און קניידלעך, פאַרשיידענע פליישן און אַנדערע מאַכלים.

דאָס יונגוואַרג האָט זיך געגרייט צום אָוונט; טענץ, אַ פאָרשטעלונג אָדער סתם אַ פאַרוויילונג. די שמחה איז געווען אַן אַלגעמיינע, יעדער איד האָט זיך געגרייט אויף זיין שטייגער.

מוצאי יום־טוב, ווען עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטערן אויפן הימל, האָבן די אידן ווי פאַרכישופטע זיך אויפגעכאַפּט פון דעם אָנגענעמען כישוף און דערפילט דעם דערוואָכן.

קהילה־וואַלן

אַ גערודער אין שטעטל. עס דערנענטערן זיך די קהילה־וואַלן. וויפל האָבן מיר געשטרעבט אַרויסצונעמען די קהילה פון די אגודישע הענט! דאָס מאָל איז דער קאַמף געלונגען. מיר האָבן אַריינגעפירט אונזערע חברים אין קהילה, און וואָס אַם וויכטיקסטן

— דער פאָרזיצנדער איז געווען אינגאַנצן אָפּהענגיק פון אונדז. מיר זענען מסכים געווען ראָס אַלס פאָרזיצנדער זאָל געוויילט ווערן אַ חסיד, אַ סאָכאַטשעווער, ר׳ לייב לוזער לענטשיצקי. די „אגודה״ איז נאָך די וואַלן געבליבן אין דער קהילה אַלס מינדערהייט. אָבער זיי האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן אַזוי לייכט, און מיר האָבן געמוזט זיך ווענדן נאָך הילף פון אונזערע חברים אין מרכז פון „פועלי ציון״ אין וואַרשע, דאָס זיי זאָלן אינטערוועגירן ביים סטאַראָסטע אין שיעראַדז. ער האָט אַריינגעשיקט אַ ספּעציעלן באַאַמטן, אַ גוי, און ער האָט אין קהילה־שטיבל (אין פּאָליש פון דער שול) אַדורכגעפירט די ערשטע זיצונג. (דער גוי איז געזעסן אָן אַ היטל אין שול). ער האָט איבערגענומען פון געוועזענעם פאָרזיצנדעם דעם שטעמפּל און איבערגעגעבן דעם נייעם, און אַזוי אַרום איז אַריבער די אָנפירונג פון דער קהילה אָפיציעל אין די נייע הענט. דער פאָרזיצנדער איז געווען געצוווּנגען מסכים זיין אויף אונזערע צוויי באַדינגונגען: די זיצונגען זאָלן פאָרקומען עפנטלעך, עס זאָל הענגען אויף דער וואַנט אין קהילה־שטיבל הרצל׳ס בילד און די ביכער פון דער קהילה זענען געשטעלט געוואָרן צו אונזער דיספּאָזיציע, מיר זאָלן קענען זען ווי די קהילה האָט זיך געפירט פריער. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם לעצטן תנאַי איז ער מסכים געווען נאָר מיטן באַדינג „אויב קאָנטראָלירן די ביכער, איז נאָר ביי מיר אין שטוב״.

געוווינט האָט ער אין דער דאָברער גאַס ביים פּאַרק „דער דריטער מאַי״. ער האָט דאָרט געהאַט אַ האָלץ־סקלאַד. נישט אַלץ וואָס מיר האָבן געפונען אין די ביכער האָט געקאַנט אונז באַפרידיקן. מיר האָבן אויסגעפונען דאָרט באַליידיקנדע שטעלן אויפן חשבון פון פּראָסטן עולם ווי למשל: זייער׳ס אַ מענטש, אַז ער האָט באַקומען שטיצע איז געווען פאַרשריבן דאָס מען האָט אים באַשטעטיקט ביי אַן אַרבעט, דאַקעגן וואָלף קושקע, דער טרעגער, וואָס מען האָט אים געהאָלפן, איז געווען פאַרצייכנט אַז ער האָט באַקומען קיצבה. אָבער אויך אַזעלכע אויסגאַבן זענען געווען זייער ווייניק.

דער אמתער רעש האָט זיך אָנגעהויבן ווען מען האָט אויפגעהאָנגען הרצל׳ס בילד אין קהילה־שטיבל. דער רב, בכבודו ובעצמו, האָט אָנגעפירט מיט דעם קאַמף. ער האָט גערופן ר׳ לייב לוזער צו זיך (ער אַליין איז דאָך אויך געווען אַ סאָכאַטשעווער חסיד) און אים באַפאַלן מיט אַ שווערע נזיפה „הייתכן, ווי וואַגט איר דערלויבן אַזאַ מעשה־נבלה, אויפהענגען אין שול דעם גוי?״

די אַבערגלויבנס

און פּלוצלינג האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן פאַרשידענע שמועות, פון וועלכע די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך געקאָנט שטעלן קאַפּויר. וואָס האָט פּאַסירט מיט ביילע וויסאָצקעס? זי זאָל האָבן אַנטקעגן גערעדט דעם רב — האָט זי געהאַט דערפאַר אַ זון אַ שטומען — עדזשיע דער שטומער, און אַ טאָכטער האָט זי געהאַט מיט אַן אויסגעקרימטן מויל.

נו און וואָס האָט פּאַסירט מיט חנה רבקה די בעקערין (סאַרנע)? זי האָט געשריען אויפן מורה־הוראה. גייענדיק אַהיים פון אים איז זי געפאַלן און געשטאָרבן.

דער צוועק פון די דאָזיקע מעשיות איז אַ פאַרשטענדלעכער. און וועלכער איד האָט נישט מורא געהאַט פאַר אַ זעלכע אויסטערלישע צרות? האָט זיך טאַקע דער פּאָרזיצנדער פון דער קהילה דערשראָקן. אָן שום ספק האָבן זיך אַריינגעמישט אין דעם אַלעם אויך די ווייבער און פרומע אידן און ער האָט זיך איינגעבראָכן און אַראָפּגענומען דאָס בילד. דער נצחון פון דער „אגודה" איבער די ציוניסטן איז געוואָרן נאָך גרעסער ווען אויך אַנדערע מיטגלידער פון דער קהילה האָבן זיך דערשראָקן. דען ביי וועמען אין שטוב איז נישט געווען קיין קינדער און ווייבער, וואָס האָבן, ממש, נישט אויפגעהערט צו וויינען און שרייען צו זייערע מענער „וואָס ווילט איר האָבן פון אונזער לעבן און פון לעבן פון אונזערע קינדער?" זיי זענען זיכער געווען, דאָס עס דערוואַרט זיי אַן אומגליק. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן: די קהילה איז צוריק אַריבער אין די הענט פון דער „אגודה". דען ווער איז אימשטאַנד געווען צו קעמפן מיט אַזעלכע מיטלען, וואָס זיי האָבן געהאַט?

אויך די חברה־קדישא איז געווען אין זייערע הענט! (צוויי פון דער חברה־קדישא זענען געווען באַזונדערס באַקאַנט אַדאַנק זייערע צונעמענס; טרינק פישל און לחיים יעקב). און ווער האָט געוואַגט אָנצוהייבן מיט דער חברה־קדישא? די חברה־קדישא האָט נישט נאָר געהערשט איבערן בית־עולם, נאָר אויך איבערן „משוגעים־הויז" אין דוואָרט, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע אַנשטאַלטן פאַר גייסטיק־קראַנקע אין פוילן. צווישן די קראַנקע זענען געווען אויך אידן. ליידער האָט גאַנץ אָפט פּאַסירט אַז אידישע קראַנקע זענען אויך געשטאָרבן. האָט, פאַרשטייט זיך, די חברה־קדישא געהאַט אַן אַרבעט זיי מקבר צו זיין. אָבער קודם כל האָבן זיי אויסגעפאָרשט דעם עקאָנאָמישן מצב פון דעם פאַרשטאָרבענעם. די חברה־קדישא האָט געהאַט איינעם, וואָס מען האָט אים גערופן „אויסערן־מיניסטער". ער האָט זיך שוין דערוווּסט פון וואַנען שטאַמט דער פאַרשטאָ־בענער, און ווי איז די מאַטעריעלע לאַגע פון זיין משפחה. אַזוי אַרום האָבן זיי געוווּסט ווי צו באַגיין זיך מיט דער פאַמיליע פון דעם פאַרשטאָרבענעם און וויפל צו נעמען פאַר דער קבורה.

*

בכלל האָט דער בית־עלמין אַרויסגעוואָרפן פיל פחד און אימה אויף יעדן אידן. פיל לעגענדעס און שרעקנדיקע מעשיות האָט מען דערציילט וועגן בית־עולם, אַזוי אַרום אַז עס איז נישט געווען קיין ווונדער אַז אַן אומגעהויער פחד איז אָנגעפאַלן אויף יעדעם, ווען ער האָט געדאַרפט ביינאַכט אַדורכגיין דעם בית־עלמין.

איינער האָט זיך געוועט אַרויסצוגיין ביינאַכט אויפן בית־עלמין און אַריינקלאַפן אַ פלעקל אַלס באַווייז, דאָס ער איז דאָרט געווען. אַריינקלאַפנדיק דאָס פלעקל האָט

ער זיך איינגעבויגן אַזוי אַז דער כאַלאַטל זיינער האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ פלעקל. אַוועקגייענדיק האָט דאָס אים צוגעהאַלטן. פון גרויס פחד אַז אַ מת האַלט אים איין איז ער נעבעך אויפן אָרט געשטאָרבן.

דאַקעגן, להבדיל, דער גוישער בית־הקברות „דער צמענטאַרזש" האָט פיל ווייניקער געשראָקן, כמעט, ווי גאָרנישט.

ווען מען איז אָנגעקומען פון בלאַשקי, גייענדיק פון לעצטן דאָרף זאַגאַיאַוו, האָט דער וועג צוגעפירט גלייך צום צמענטאַרזש, אַזוי אַז מען איז, פשוט, געגאַנגען מיטן צמענטאַרזש אַריין אין שטאָט. דער וועג איז געווען ווי אַן אַלייע, פון ביידע זייטן מיט בוימער.

פאַרוואָס האָבן דווקא די אייגענע מתים אָנגעוואָרפן אויף די לעבעדיקע אידן אַזוי פיל פחד איז געווען און געבליבן אַ רעטעניש. אויך דאָס גיין שפּעט ביי דער שול איז געווען אַן אימה.

צוועלף ביינאַכט קומען די מתים דאַווענען אין שול. אַדורכגייענדיק אין אַזאַ שפּעטער שעה ביי דער שול, נישט ווילנדיק, האָט מען זיך צוגעהערט מיט שרעק, וואָס קומט דאָרט פאָר. מען האָט מורא געהאַט און דאָך ציט עפּעס זיך צ׳צוהערן. אין טיפן האַרצן ציטערט מען טאָמער רופט מען אויף צו אַן עלייה. דען אויב מען רופט אויף צום ספר, מוז מען אַריינגיין אין שול.

אַזוי האָט מען דערציילט אַז איינמאָל האָט מען עמעצן אויפגערופן און ער איז נישט אַריינגעגאַנגען, איז ער אין דער זעלבער וואָך געשטאָרבן.

די אַלע לעגענדעס און אמונות זענען געווען אַ טייל פון דעם גייסטיקן לעבן פון פאָלק, און זיי האָבן געהאַט אַ געוואַלטיקע השפעה אויף זיין אָרט לעבן אין גלות.

דער אַפּטייקער

אין דוואָרט איז געווען אַן אַפּטייק און פאַרשטייט זיך אויך אַן אַפּטייקער. און נישט סתם אַן אַפּטייקער, נאָר טאַקע אַ גוי, אַ פאַרברענטער נאַראָדאָוויעץ (אַ פּוילישער נאַציאָנאַליסט, אַן עקסטרעמער) און אַ שונא ישראל.

איינמאָל, דערוויסנדיק זיך וועגן אַ צוזאַמענפאָר פון די „בנות יעקב" פון דער גאַנצער אומגעגנט אין דוואָרט, האָט ער אונטערגעשטעלט עטלעכע שקצים, דאָס זיי זאָלן מאַכן אַ אָנפאַל און אָנשרעקן די אידישע מיידלעך. אָבער צום גליק איז דער דאָזיקער פּלאַן נישט אויסגעפירט געוואָרן.

אין דוואָרט האָט זיך צו יענער צייט אָרגאַניזירט אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, און די דאָזיקע שקצים זענען צופעליק געווען מיטגלידער פון דער פּאַרטיי. אין לעצטן מאָמענט, ווען דער צוזאַמענפאָר האָט זיך שוין געהאַלטן ביים שליסן, האָבן די אָנפירער פון די פּוילישע סאָציאַליסטן, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם פּלאַנירטן אָנפאַל פון זייערע חברים, געמאָלדן דער פּאָליציי. און אַזוי אַרום איז אַלץ אַדורך בשלום. דער אַפּטייקער,

גרודניעוויטש, איז אויך געוואָרן פאַרהלאַטן און מען האָט אויף אים אָנגעגעבן אין געריכט און באַשולדיקט אין אָרגאַניזירן אומרועז. די פּאָליציי האָט אין דעם פאַל געהאַנדלט אַזוי ענערגיש נישט נאָר צוליב „אהבת מרדכי״, ווי צוליב דעם, וואָס ער האָט געפירט אַן אָפענעם קאַמף קעגן פילסודסקי.

די נאַראָווצעס (עקסטרעמע פּוילישע נאַציאָנאַליסטן) האָבן איינגעריסן וועלטן מען זאָל אים באַפרייען. „סטייטש, וואָס פאַר אַ סקאַנדאַל, צוליב אַ פּאָר זשידקעס מאַכט מען אַזאַ טראַ־ראַ־ראַם!״

זיי האָבן געזוכט פאַרשיידענע מיטלען און צום סוף האָבן זיי געפונען אַ טריק, דאָס מען זאָל איבערפירן דעם משפט נאָך פּויזן. די פּאָליציי האָט נישט געוואָלט אַזוי ווייט איינרייסן מיט די ענדעקעס און מען איז מסכים געווען איבערפירן דעם משפט קיין פּויזן. דאָרט האָט מען שוין אויסגעפונען צוויי עדות, און דווקא אידן, וואָס האָבן עדות געזאָגט לטובת דעם גוי; „ער איז אַן אָנגעזעענער מענטש און איז אַ לאָיאַל׳ער בירגער און גוט פאַר אידן. אַזוי אַרום איז דער אַפּטייקער באַפרייט געוואָרן.

אויף הכשרה

מיט דער פאַרשטאַרקטער טעטיקייט פון דעם אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט די ציוניסטישע באַוועגונג. מען האָט אָנגעהויבן שיקן חברים אויף הכשרה. אויך איך בין אַרויסגעפאָרן אויף הכשרה אין קעניגסהוטע אין אָבערשלעזיען, ווו עס האָבן זיך געפונען גרויסע אונטערנעמונגען אין אידישע הענט. זיי האָבן גערן באַשעפטיקט חלוצים, ווייל דער ציוניזם האָט געהאַט דאָ־ט זייער פיל אָנהענגער.

אין קיבוץ האָבן מיר געפירט אַ רייכע קולטורעלע אַרבעט און אויך צוגעצויגן די דאָרטיקע יוגנט. עס זענען פאָרגעקומען פאַרשידענע קולטורעלע אימפּרעזן, רעפעראַטן אאז״וו. אויך האָט דער קיבוץ געזאָרגט פאַר פּרעלעגענטן אין שטאָט.

פון דער דאָזקיער תקופה האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון אַן אַנטיסעמיטישער אינצידענט.

עס איז איינמאָל אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אָוונט מיט ד״ר יוריס. דער זאַל איז געווען פול, ממש געפּאַקט. אינדרויסן, אַרום דעם זאַל, האָבן זיך צונויפגענומען נאַציסטן בשותפות מיט פּוילישע כוליגאַנעס. בכלל איז כדאי צו באַמערקן, אַז די נאַציסטן אין דער דאָזיקער אומגעבונג האָבן געפירט זייער טעטיקייט עפענטלעך, מכלומרשט געגן אידן, אָבער אין דער אמתען, איז עס געווען געווענדעט בעיקר געגן פּוילן. די פּוילישע מאַכט האָט פאַרמאַכט די אויגן און דערלויבט. אין דער צייט ווען ד״ר יוריס האָט רעפערירט האָבן די כוליגאַנעס זיך אָנגעהויבן אַריינרייסן אין זאַל. צום גרויסן גליק האָבן זיך דאַן געפונען אין זאַל אייניקע פּאָליציסטן. זיי זענען געקומען נישט אַזוי צו באַשיצן אונז ווי אויפפּאַסן אויף אונז און נאָכפאָרשן צי מיר פירן נישט, חלילה, קיין אונטערערדישע טעטיקייט אונטער דער מאַסקע פון ציוניזם. די דאַמלדיקע פּוילישע

רעגירונג האָט חושד געווען אַלע אידן אַז זיי זענען קאָמוניסטן. אַזוי ווי די כוליגאַנעס זענען אַריינגעדרונגען אין זאַל, האָט זיך געמאַכט אַ גרויסע פּאַניק. מען האָט זיך געשטויסן ביי די טירן. עטלעכע דאָרטיקע אידן האָבן זיך געווענדעט צו דער פּאָליציי זיי זאָלן אינטערווענירן. זיי האָבן אַרויסגערופן רייטער־פּאָליציי און מען האָט צעיאָגט די כוליגאַנעס.

אין פּוילן, אין יענער צייט, איז אַרומגעגאַנגען די באַקאַנטע לאָזונג פון דאַמאָלסדיקן פּרעמיער מיניסטער, גענעראַל סקלאַדקאָווסקי: „Bojkot owszem" (באָיקאָטירן אידן איז דערלויבט, אָבער נישט פּאָגראָמירן).

גאַנץ אָפּט האָט מען אונז גערופן אין פּאָליציי און אויסגעפרעגט בנוגע די עלייה: פּאַרוואָס פּאָרט איר נישט נאָך פּאַלעסטינאַ, וואָס זיצט איר דאָ, ווי לאַנג וועט נעמען ביז איר וועט עולה זיין?" זיי האָבן עס עפּענטלעך און אָן שום חרפּה און בושה געזאָגט, דאָס מיר זענען אַ לאַסט פּאַר פּוילן. ווען איך בין איינמאָל געווען אויף אַזאַ אויספאָרשונג האָב איך דערקלערט, דאָס איך וואַרט מיט אומגעהויער אומגעדולד אויפן סערטיפיקאַט. פרעגט מיך דער פּאָליציי־אויספאָרשער, ווי פון דער זייט, ווי אין גאַנצן נישט צום ענין: „הייסט עס דאָס דו ביסט נישט קיין קאָמוניסט?" פרעג איך אים: „פון וווּ נעמט איר דעם געדאַנק דאָס איך בין אַ קאָמוניסט?" זאָגט ער מיר: „אין דוואַרט ביסטו דאָך געווען טעטיק!"

— וואָס הייסט טעטיק?

— ווען עס זענען פאָרגעקומען וואַלן, ביסטו געווען טעטיק און האָסט אַגיטירט — זאָגט ער מיר.

— פּאַר וועמען? — פרעג איך אים.

— עס איז נישט וויכטיק, אַלע אידן זענען קאָמוניסטן, אונטער וועלכער מאַסקע זיי זאָלן נישט פיגורירן. אַוועקגייענדיק, ווינטשט ער מיר וואָס שנעלער עולה צו זיין. „באַמיט זיך באַקומען סערטיפיקאַטן און אַוועקפאָרן, דאָס איז בעסער פאַר אייך, טוט עס וואָס שנעלער!"

אין אַזאַ מצב האָבן מיר זיך דאַן געפונען אין פּוילן. דעם גאַנצן חוש האָבן די מערהייט פּאָליאַקן אַריינגעלייגט אין דעם פּראָבלעם ווי פּטור צו ווערן פון אידן, אין דער זעלבער צייט, וואָס דייטשן האָבן געוווינט אין פּוילן, האָבן געפירט זייער נאַצישע טעטיקייט פראַנק און פריי. מיר האָבן געפילט דאָס מיר זענען הפקר. די „מעשה פשיטיק" איז נישט אַראָפּ פון יעדנ'ס ליפּן. מיט שטומע בליקן האָט איינער געפרעגט דעם צווייטן: „וואָס וועט זיין?"

מען האָט, ממש, געפילט אין דער לופט אַז אַ שרעקלעכער אומגליק דערנענטערט זיך.

כלי־זמר

טראָץ די אַלע שוועריקייטן האָט דאָס אידישע לעבן געשטראָמט אין זיין אַלטן

שטייגער, ווי נאָרמאַל. און ווען עס איז געקומען אַ שמחה אין שטעטל, און איבערהויפּט אַ חתונה, האָט די פרייד אַרומגענומען די מערהייט אידן. די גאַנצע שטעטל האָט, כמעט, מיטגעלעבט מיט די מחותנים זייער פרייד. מען האָט געטאָן אַלצדינג כדי די חתונה זאָל אַדורך מיטן גרעסטן דערפאָלג. מען האָט קודם כל אויסגעפונען אַ פּאַסיקן אָרט פאַר דער חתונה, און ווי ווייט מעגלעך האָט מען דעם אָרט דעקאָרירט און באַשיינט. די שטול פון דער כלה איז, ממש, געווען ווי אַ כסא־מלוכה. מען האָט געשאַפן דאָס נויטיקע געפעס. די שכנים פון דער כלה זענען שוין נישט געשלאָפן אַ צוויי נעכט פאַר דער חתונה, מען האָט געהאָלפן קאָכן, באַקן און בראָטן. מען איז געווען פאַרהאָרעוועט און פאַרשמייעט. ענדלעך האָט מען שוין דערלעבט דעם אָוונט פון דער חתונה. די כלה, געלויבט צו גאָט, זיצט שוין אין איר פולן פּראַכט אויף איר שטול, און מען דערוואַרט דעם חתן. מען לויפט אים אַנטקעגן, אין דער ריכטונג, פון וועלכער ער דאַרף אָנקומען. ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט, אַלע זענען באַזאָרגט, צי האָט נישט, חלילה וחס, עפּעס פּסאַירט אויפן וועג. און ווי גרויס איז די פרייד אַז דער חתן קומט שוין אָן און אַלץ גייט כשורה. די ווייבער מיט די קינדער זיצן אַרום די כלה און באַקוקן איר פון קאָפּ ביז די פיס צי אַלץ איז אין אָרדנונג. פלוצים ווערט שטיל. ר׳ יצחק כלי־זמר באַווייזט זיך אין דער טיר. די פידל זיינע אין האַנט, און ווען ער הויבט אָן אויפצושפּילן פאַר דער כלה קענען שוין די ווייבער נישט אויסהאַלטן און ברעכן אויס מיט אַ כליפּן און שניפּן, און מיט זיי אויך — די כלה. זיין פידעלע האָט אויסגעדריקט דעם אידישן קרעכטץ און צוגלייך אויך די אידישע פרייד, פייערלעכקייט און באַגייסטערונג. פון דעם מאָמענט הערשט זיין פידעלע איבער אַלע אָנוועזנדע.

ר׳ יצחק כלי־זמר איז געווען באַקאַנט אין דער גאַנצער סביבה און אויך די פּריצים האָבן אים איינגעלאָדן צו זייערע חתונות און שמחות, און זיין אויפשפּילן אַ פּאַלאַנעז האָט געהאַט אַ שם־דבר.

ר׳ שייע...

אום צו בלייבן ערלעך דעם אמת׳ען בילד פון אונזער שטעטעלע מוז זיין קלאָר, אַז נישט נאָר פון בלויז „כשר׳ע אידן" און פיינע בעלי־בתים איז באַשטאַנען דער צוזאַמענשטעל פון אידישן דוואָרט. עס זענען דאָרט אויך געווען פאַרשידענע נעגאַטיווע טיפּן. איינער פון זיי איז געווען „ר׳ שייַע..."

ר׳ שייַע אָן זיין „צונאָמען" איז געווען ווי אַ וואָגן אָן אַ פערד. אַן איד מיט אַ לאַנגער באָרד, ווי אַ רבי, להבדיל, און האָט געמאַכט אויף יעדן, וואָס האָט אים נישט געקאָנט, אַן אויסערגעוויינלעכן גוטן איינדרוק. אָן זיין עצה און אָן זיינע אָנווייזונגען האָט מען נישט געוואַגט צוצוטרעטן צו „אַ שטיקל אַרבעט". ער האָט געלערנט זיינע „תלמידים", דאָס ווען זיי ווילן „לאַקחענען" אַ פערד אָן וואָגן אין מאַרק, דאַרפן זיי צוערשט געני וויסן, ווו דער פויער, דער באַזיצער פון פערד, וווינט, כדי ער זאָל

נישט פֿאַרבייפֿאָרן צופֿעליק פֿאַר דעם פּויער׳ס הויף, דען דאַן וועט זיכער דער פֿערד אַריינלויפֿן צו זיך אין הויף אַריין, און ער וועט נישט זיין אימשטאַנד אים דערפֿון אָפּצוהאַלטן. און אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט מיט איינעם פֿון זיינע „תלמידים". „דער תלמיד" האָט צוגעגנבעט אַ פּאָר פֿערד און איז אַוועק מיט זיי אויפֿן וועג קיין לאָדזש דורך שאָדעק. ער איז פֿאַרבייגעפֿאָרן בריקוועגס און אָנגעקומען נאָך וואָליניע. דאַן האָבן זיך די ביידע פֿערד מיט אַ געוואַלטיקן כוח אַ ווענדע געטאָן צו זייער הויף, און עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן זיין ציען פֿאַר די לייצעס מיט אַלע כוחות.

און ווען מען האָט געדאַרפֿט איבערפֿירן קאָנטראַבאַנדע־סחורות פֿון דייטשן גרענעץ טיף אין פּוילן, איז מען געקומען מיט אַזאַ „שטיקל מלאכה" צו דעם אויבן דערמאָנטן „רבי" מיט זיינע „תלמידים". און אויב זיי האָבן זיך אונטערגענומען דורכצופֿירן „דאָס שטיקל אַרבעט", האָט מען זיך שוין אויף זיי געמעגט פֿאַרלאָזן.

זיי האָבן דאַן איינגעשפּאַנט זייערע בעסטע פֿערד און געלאָפֿן מיט דער גרעסטער שנעלקייט מיט די קאָנטראַבאַנדע. אַדורכפֿאָרנדיק הויפֿישע לאָנקעס, ווו פּריצישע פֿערד האָבן זיך געפּאַשעט, האָבן זיי שנעל אויסגעשפּאַנט די מידע פֿערד און פֿאַרביטן זיי מיט די פֿרישע, אויסגערוטע און אָנגעפּאַשעטע, און דאַן זענען זיי ווייטער געפֿאָרן. אַזוי האָבן זיי געטאָן אייניקע מאָל ביז זיי זענען אָנגעקומען אויפֿן זיכערן אָרט. דאַן האָבן זיי אויסגעלאָדן די סחורה, און צוריקוועגס האָבן זיי צוריקגעשפּאַנט אומעטום די פֿערד. און ווען זאָגאַר איינער פֿון די פּויערים האָט זיי באַמערקט, דעם „רבין" מיט זיין ווייסער באָרד מיט זיינע „תלמידים", האָבן זיי זיך פֿאַר גרויס פּחד איבערגעצייִלמט און זיך באַהאַלטן.

ער איז געווען פֿול מיט איניציאַטיוו און הומאָר. איינמאָל איז געקומען צו אים אַ „לערן־ייִנגל", וועלכער האָט געוואָלט גנבענען גענז ביי אַ פּויער. ער האָט אָבער מורא געהאַט, דער פּויער זאָל אים נישט כאַפּן. איז ער געקומען צום „רבין" נאָך אַן עצה. זאָגט ער אים: „קום, איך וועל דיר ווייזן ווי אַזוי צו נעמען די גענז".

צוקומענדיק צום שטאַל, ווו זיי זענען געשטאַנען, רופֿט זיך אָן דע־ „רבי" אויף רוסיש: „מאָזשנאַ וואַס בראַטש?" (מ׳מעג אייך נעמען?) ענטפֿערן די גענז „דאַ־דאַ־דאַ" (אויף רוסיש הייסט דאָס „יאָ־יאָ־יאָ"). זאָגט ער צום „תלמיד" הערסט דאָך אַז מען מעג זיי נעמען!"

ראָטשילד

דוואָרט האָט אויך פֿאַרמאָגט אַ ראָטשילד.

אַלײן איז ער געווען אַ היטל־מאַכער, אַן אמתער גוטער פֿאַכמאַן. ער האָט זיך איינגעשאַפֿט די בלויע שטאָפֿן פֿון די דייטשע מאַ־ינען (געשמוגלטע סחורה פֿון דייטש־לאַנד) און פֿון דעם געמאַכט די פּויערישע היטלען מיט די גלאַנציקע דאַשקעס. די פּויערים זענען, ממש, פֿאַרכאַפּט געוואָרן זעענדיק אַזאַ היטל, געמאַכט ביי ראָטשילדן.

אָבער אונזער ראָטשילד האָט זיך נישט באַגניגנט מיט מאַכן היטלען פאַר די פּויערים, און ער האָט אָנגעהויבן זוכן וועגן ווי אַזוי ווערט מען אַן ראָטשילד. און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט פון זיין אַרבעט, האָט ער אָנגעהויבן אַרויסבאָרגן געלט אויף פּראָצענט. כדי צו זיין זיכער מיטן געלט האָט ער פאַרלאַנגט צירונג אַלס משכנות. אַזוי אַרום האָט ער געהאַט אַ באַשעפטיקונג; איינפּאַקן די צירונג פון יעדן בעל־חוב און געדענקען וויפל ער האָט געבאָרגט אויף דעם פּעקל און וויפל פּראָצענט עס קומט אים, און אויך האָט ער געמוזט פון צייט צו צייט איבערווישן די צירונג, איבערפּאַקן אאז״וו. ער איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין זיין נייער פּרנסה, דאָס ער האָט פאַרלאָזט זיין פאַך.

צו דעם אַלעם איז ער נאָך געווען אַ „בעל־רחמן”. ווען אַן אָרעמאַן האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער, וועלכע איז געבליבן בכלל אָן צירונג, ווייל ער איז געווען פאַרמשכנט ביי ראָטשילדן, הויבט מען אָן אונטערצושיקן צו אים מענטשן, וואָס האָבן אויף אים אַ השפּעה. הייתכן, ווי זאָל אַן אידישע כלה זיין אָן צירונג, אָדער ווי אַזוי זאָל אַ מוטער פון אַ כלה דערשיינען אויף דער חתונה פון איר טאָכטער אָן צירונג, אָדער הייתכן, אַז דער פאָטער פון דער כלה אָדער פון חתן זאָל זיין אָן זיין קעשענעזייגער? און מען האָט געטענה׳ט פאַר אים ער זאָל אַרויסגעבן אַ ביסל פאַרמשכנטע צירונג אויף איין נאַכט, אויף אַ פּאָר שעה. דאָס איז נישט געווען אַזוי פּשוט. נישט געגנוג וואָס דער בעל־חוב האָט נאָך גאָרנישט באַצאָלט, בעט מען ער זאָל אָפּגעבן זיין צירונג! און סוף סוף נאָך בעטן און וויינען האָט ראָטשילד צוריקגעגעבן דאָס ביסל צירונג, פאַרשטייט זיך אויף איין נאַכט.

ראָטשילד האָט געהאַט אַן אייניקל אַ מיידל, וואָס איז געווען אַ קאָמוניסטקע. און צום אומגליק האָט זי זיך פאַרליבט אין אַ גוי. דאָס מיידל האָט זיך אָפּגעשמאַדט, און די צערעמאָניע איז אַדורכגעפירט געוואָרן אין שטאָטישן קאָשטשיאָל, אין אַ זונטיק, ווען אַלע זענען אין גאַס. די הויפּט מחותנים זענען געווען די מאָנקולסקעס, מילנערס. זיי האָבן געגעבן די קאַרעטע מיט צוויי ווייס־געשפּאַנטע פערד, אין וועלכער מען האָט דער כלה געפירט אין קירך. עס האָט דעם פּוילישן קאָמוניסט בכלל נישט געשטערט. דאָס די בעלי־שמחה זאָלן דווקא זיין בורזשויען, און אַז עס איז צוגעקומען נאָך אַ „חזיר־פּרעסער”, ווי שעקספּיר דריקט זיך אויס אין זיין „סוחר פון ווענעדיק”, און די קריסטלעכע קאָמוניסטישע חברים האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבערן אָרעמען אידן.

אַ פּאָר טעג נאָכן טרויעריקן זונטיק האָב איך באַמערקט אין גאַס, אין ווינקל לעבן הויז פון בערקענוואַלד, ווי ראָטשילד שטייט אָנגעליינט, ווי זיין שטייגער, אויף זיין דין שטעקעלע, בלאַס און דערשראָקן. ער האָט געשעפּטשעט קוים פאַרשטענדלעכע ווערטער, האַלב אויפן קול, און האַלב שטיל: „פאַרוואָס קומט עס מיר, צי האָב איך דען אַזויפיל געזינדיקט? נעמט אייך אַלץ, נעמט אייך אַלע משכנות — אַבי גיט מיר מיין קינד צוריק!”

קוקנדיק אויף דעם אידן, האָט מען געקאָנט פילן די גאַנצע אידישע טראַגעדיע, און מען האָט זיך געקאָנט וווּנדערן, ווי אַזוי קען אַזאַ דין שטעקעלע אויסהאַלטן די לאַסט פון זיין באַזיצער, און ווי אַזוי האָט געקאָנט אַזאַ איד אויסהאַלטן זיין גרויסן פּאַק צרות.

און דאַן האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז דער דאָזיקער איד, ראָטשילד, פאַרקערפּערט אין זיך דעם אייביקן אידן, וועלכער עקזיסטירט און לעבט טראָץ אַלע שוועריקייטן, צרות און רדיפות.

פּיקעטן

דאָס איז געווען אַ מאַרק־טאָג. פּויערים זענען געקומען פון דער גאַנצער אומ־געגנט, און אידן האָבן אויפגעשטעלט זייערע בוידן מיט פאַרשידענע סחורות, כדי צו פאַרדינען אויף אַ גאַנצע וואָך. דער אמתער מאַרק־טאָג איז געווען דאָנערשטיק, כאָטש מאָנטיק איז אויך געווען אַ גאַנץ שיינער מאַרק־טאָג, אָבער אין דעם טאָג זענען געקומען ווייניק פּויערים, אַזוי אַז דער הויפּטקוואַל פון פּרנסה איז נאָר געווען דער דאָנער־שטיקער מאַרק. די אידן זענען געשטאַנען פון באַגינען גרייט אויפצונעמען די קונדן.

פלוצים באַווייזט זיך אַ באַנדע שקצים און הויבן אָן צו וואַרפן די אידישע בוידן צוזאַמען מיטן ביסל האָב און גוטס. די פּאָליציי איז געשטאַנען אין אַ זייט, ווי נישט זעענדיק וואָס עס קומט פאָר.

און ווען מען האָט שוין יאָ אויפמערקזאַם געמאַכט די פּאָליציי, איז זייער גאַנצע רעאַקציע באַשטאַנען פון ווענדן זיך צו די כוליגאַנעס מיט פאָלגנדע ווערטער: „אָביוואַטעלע, (בירגער) נישט שלאָגן, נישט צעברעכן, נישט באַרויבן, נאָר באָיקאָט אָווּשעם!” (באָיקאָטירן — יאָ!).

פאַרשטענדלעך אַז עס איז געווען פאַר די דאָזיקע כוליגאַנעס גאַנץ שווער צו אונטערשיידן צווישן באָיקאָטירן און נישט שלאָגן און צעברעכן. אָט האָט זיך אַ שקץ געווענדעט צו אַ פּויער ער זאָל נישט קויפן ביי דעם איד, און דער פּויער מאַכט זיך נישט הערן און זעצט פאָר זיין געשפּרעך מיטן אידן, דאַן האָט ער אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט און אים אַוועקגעשלעפּט פון אידישן טישל, און דאַביי דערלאַנגט אַזוי דעם פּויער, דאָס ער זאָל אָנזאָגן אַ צענטן „ביי אַן אידן נישט צו קויפן!” ווען נישט די פּאָליציי, ווער ווייס וואָס וואָלט מיט דעם פּויער געשען?

פינצטער און ביטער איז אונז געווען אין יענע טעג. דאָס האַרץ האָט, ממש, גע־בלוטיקט ווען מען האָט אידישע סחורה צעוואָרפן און צעטראָטן אין די אויגן פון די באַשיצער.

צוקוקנדיק זיך צו דעם אַלעם האָב איך צוזאַמען מיט לייוויק'ס נחום פון „גולם” געפרעגט: „ווער וועט העלפן, ווער וועט אויסלייזן, ווער וועט ראַטעווען?”

דער אַלטער בית־עולם

פאַרבייגייענדיק ביים אַלטן בית־עלמין, וואָס האָט זיך געפונען הינטער דער שול, אַרומגעצוימט מיט אַ פּשוטן פּלויט פון האָלץ, האָט מען געקאָנט זען די מצבות, וואָס זיי האָבן, כמעט, אויסגעזען ווי געוויינלעכע שטיינער. אייניקע פון זיי האָט מען ווי־עס־איז אַרויסגעזען פון דער ערד, און אַ האַלבער בית־עולם איז געווען אין גאַנצן ליידיק, אָן מצבות. און ווי טרויעריק איז געווען אויפן האַרצן, באַטראַכטנדיק די געציילטע שטיינער אין אַ לבנה נאַכט, ווי די אָרעמע ליכט־שיין פון אַ האַלב פאַרדעקטע לבנה האָט באַלויכטן דאָס גאַנצע בית־עולם, האָט זיך נישט־ווילנדיק געמאַכט אַ שפּאַציר אויף צוריק, צו יענע צייטן, ווען אידן האָבן זיך געפונען אין דוואָרט אין 17־טן יאָרהונדערט. ווי פון אַ חלום הערט זיך האַלב אָפּגעהקאַטע זיפצנדע, קרעכצנדע ווערטער, וועלכע דריקן אויס אַזוי פיל צער און ליידן, וואָס עס האָבן איבע־געלעבט אידן אין יענער צייט, ווען דער פוילישער העלד טשערניעצקי האָט אין נאָמען פון ראַטעווען דאָס קריסטנטום אויס־געשחטן אויף אַן אַכזריותדיקן אופן אידן, גרויס און קליין, יונג און אַלט, זאָגאַר זויג־קינדער מיט זייערע מוטערס, און אַלץ מיט דער ברייטער רחמנותדיקער קריסטלעכער האַרץ.

דער בית־עולם איז נישט געווען קיין גלייכער שטח. אין דער מיט איז געווען ווי אַ באַרג. ווער ווייס וויפל אידיש בלוט האָט זיך דאָרט געגאָסן אויף דעם פּלאַץ? וויפל האַלב לעבעדיקע האָט מען דאָרט באַגראָבן? ווי שטיל שאַרט זיך די לבנה מיט איר האַלב פאַרדעקטן שלייער אַדורך דעם שטום שווייגנדיקן פּלאַץ, ווי עס וואָלט דאָרט גאָרנישט געשען. און אין דער אמתן: קענען דען טויטע ריידן, דערציילן וואָס האָט מיט זיי פּאַסירט?

און אָט אַ פּאָר מעטער ווייטער פון בית־עולם, ביי דער וואַנט פון בית־המדרש איז אַ שטיקל ליידיקער פּלאַץ. און ווי עלטערע מענטשן פלעגן דערציילן זענען אויף דעם אָרט געשטעלט געוואָרן חופות. פאַרוואָס פּונקט דאָרט? וואַרשיינלעך איז עס אַ סימן, דאָס דאָרט, אויף דעם פּלאַץ האָט מען אומגעבראַכט אידן און אויך חתן־כלה. און כדי צו משמח זיין, זיי, די אומגעקומענע חתן־כלה שטעלט מען דאָרט די חופּה

ווען מען האָט דאָרט געשטעלט די חופות פלעגן עטלעכע ווייבער טאַנצן דעם גאַנצן וועג, פירנדיק די כלה צו דער חופּה...

אַ בליק צוריק

וויפל סודות און אידישע טראַגעדיע איז געלעגן דאָרט אין דעם ווינקל־גאַס, אַרום די שול, בית־המדרש און אַלטן בית־עולם!

דען פון יענע יאָרן, נאָך דעם פּאָגראָם איז נישט געווען קיין לאַנגע הפסקה. דוואָרט איז געבליבן יודנריין אַ קורצע צייט. די אידן זענען צוריקגעקומען און אויף די חורבות און קברים פון די אומגעקומענע אויפגעבויט אַ נייע אידישע קהילה.

אין סוף פון 18־טן יאָרהונדערט האָבן זיי אויפגעבויט די נייע שול, און לויט די דערציילונגען, וועלכע זענען אַריבער פון פאָטער צו זון איז לויט ווי ר׳ יעקב ניימאַן האָט דערציילט, דאָס זיין פאָטער ר׳ מנדל ניימאַן האָט געהאָלפן בויען די שול, און די דאָזיקע שיינע שול האָט עקזיסטירט ביז די נאַצישע מערדער מיט זייערע פאַר־בינדעטע האָבן זי פאַרניכטעט. צוויי הונדערט יאָר, בערך, איז די נייע שול געשטאַנען.

דאָס נייע בית־עולם און דאָס בית־המדרש זענען פריער אויפגעבויט געוואָרן.

מיר האָפן!

פונקט ווי דאַמאָלס מיט דריי הונדערט יאָר צוריק, ווען דוואָרט איז אויף אַ שטיקל צייט געבליבן „יודנריין״, אַזוי אויך היינט איז ז׳י ווידער „יודנריין״, אָבער דאָס מאָל מן הסתם אויף אַ לענגערע צייט, ווייל אַ דאַנק די חלוצישע־ציוניסטישע טעטיקייט פון אַ גרויסן טייל פון דער אידישער יוגנט אין פוילן האָבן מיר היינט צו טאָג אַן אידישע מדינה, און מיר האָפן אַז מיר וועלן זיך מער נישט נויטיקן אין דער „גאַסטפריינדשאַפט״ פון פרעמדע.



די פאַמיליע שוטון ש׳למה שוטון, זיין פרוי גולדה און זייערע קינדער: יצחק, אלקה און חנן

ש ע ר   ש ל י ש י

התנועה הציונית בדווארט



מסיבת פרידה של חברי הסניף של „הנוער הציוני" בדווארט
מחברם אברהם פבלוביץ לעלייתו ארצה (לבן־שמן — בית ספר חקלאי)



סניף „הנוער הציוני" בדווארט

מיכאל שייניאק

חיפושי דרך

רוח המרי שחלפה ברוסייה בשנות 1904—1905 אחרי מפלתה על יד פורט־ארטור (המלחמה נגד יאפן) לא פסחה גם על דווארט.

אומנם בתי־חרושת גדולים לא היו בדווארט, אבל העוני והדלות ברחוב היהודי ועשרות צעירים מיואשים ללא כל סיכויים לעתיד יותר טוב — הרי הקרקע הנוחה



קבוצת צעירות:

מימין לשמאל: **רובינוביץ, ביילה מאירוביץ, ראצה מאירוביץ, ריילה יעקובוביץ, שרה ניימן**

לתסיסה חברתית־מדינית בדווארט. התארגנו חוגי נוער במחתרת, התקיימו פגישות בנקודות סתר, נשמעו נאומים והרצאות, ועיני כולם היו מופנות אל המתרחש בערי התעשייה ברוסייה, שם נלחם הפרולטריון המאורגן בחירוף נפש ורצה להשיג בכוח, מה שלא ניתן היה לו לקבל בדרך משא ומתן.

הממשלה הצארית התנקמה ביריביה בכל האמצעים שעמדו לרשותה, ובמיוחד שפכה את חמתה על היהודים, שהפכו להיות השעיר לעזאזל. אז התארגנו „המאות השחורות" (פלוגות מתפרעים), אשר התנפלו על יהודים, שדדו את רכושם, התעללו בהם, וגם רצחו, והמשטרה — במקרה הטוב, היתה מגיעה אחרי המעשה. אלפי צעירים יהודיים הושלכו לבתי הכלא והוגלו לסיביר, וביניהם גם וולף גראבינר מדווארט. אז התחילה ההגירה ההמונית לארצות הברית, למערב אירופה ולאנגליה. הניצולים האלה היו אחרי כן לתומכים במשפחותיהם העניות שנשארו עדיין בפולין וברוסייה. כמובן, שדווארט לא היתה יוצאת דופן וגם ממנה נסעו רבים למרחקים.


*

דווארט כהרבה עיירות יהודיות אחרות היתה מיושבת על ידי בעלי מלאכה וסוחרים זעירים. בסוף המאה התשע עשרה והתחלת המאה העשרים עם התפתחות המרכז התעשייתי בלודז' התחילו לנשב רוחות חדשות גם בדווארט ובסביבה הקרובה לה. אמנם הרבנים והחסידים החזיקו בשלטון, אבל כמו בהרבה מבצרים אחרים, כן גם בדווארט נתגלו במשך הזמן פירצות בחומות, ולא יכלו לסתמן בפני התסיסה הכבירה שתססה ברחוב היהודי והמרידה את הנוער היהודי נגד המוסכמות ודירבנה אותו לא להשלים עם הקיים ולחפש דרכי חיים חדשות. הנוער פרק לאט לאט את עול הממסד הרבני־השמרני, ופניהם של צעירי היהודים הופנו לכיוונים אחרים שמאלה או ימינה. התנועות הציוניות והסוציאליסטיות חדרו גם לדווא־ט על כל זרמיהן וגווניהן.

*

הנוער היהודי בדווארט היה פעיל ותוסס וגם במלחמת העולם הראשונה כבר התבלט בהתעניינותו בתנועה הציונית. שלטונות הכיבוש הגרמניים לא הרשו לעסוק בשום פעולה, שנשאה אופי פוליטי. לעומת זאת איפשרה לארגן כל מיני פעולות ספורטיביות. את האפשרות הזאת ידע הנוער היהודי לנצל יפה.

גם בדווארט נוסד אירגון להתעמלות „טורנפאריין". שכרנו אולם ברחוב השיראדזי אצל האופה טילינסקי. כמובן, שמתחת לשלט של אימונים גופניים התקיימו פעולות ציוניות עניפות. מהמרכזים הופנו אלינו שני חברים, שהיה עליהם לעזור לנו בפעילות



חברי עיריית וארטה מקבלים את פני הטייס הפולני סקרז'ינסקי,
הגבור הלאומי של פולין, אשר נהרג במלחמת העולם השנייה בפעולת חיל האוויר הפולני
בין מקבלי פניו — גם יהודים, חברי העירייה
מצד ימין יושבים: **מאיר אליעזר ניימן, משה שרצקי, יצחק ניסקה**
מצד שמאל יושבים: **מיכאל קורז'יץ, לייזר מונטר, לייביש אייזנשטיין**

ו. היו אלה ליטאי אחד שווארץ ושני, רופא שיניים במקצועו, פוקשאנסקי, האחרון היה מטעם „פועלי ציון", והראשון — מטעם הציונים הכלליים.

אחרי כן חל פילוג — לציונים ו„פועלי ציון". האחרונים ייסדו להם קן בביתו של שמואל קולטון (הדייג — „פישער") במקווה גאס (ברחוב המקווה).

אחרי מלחמת העולם הראשונה קמה פולין לתחייה. היהודים תלו תקוות רבות במאורע היסטורי זה והיו בטוחים שהעם הפולני, שסבל כל כך הרבה משעבוד, יבין לרוחו של המיעוט היהודי, ויאפשר לו לחיות במסגרת המדינה הפולנית כשווים בין שווים ויתנו להם להנות מכל הטוב שמשטר דימוקראטי אמיתי מסוגל להעניק לאזרחיו.

ככל שהתקווה היתה יותר חזקה כן גם גדלה האכזבה. ימיה הראשונים של פולין העצמאית הוכתמו בדם יהודי, והשנאה ליהודים לא רק שלא נחלשה, אלא הלכה וגברה. השלטון ביטא בנאמנות את השקפות השכבות הרחבות של העם הפולני שהוכה ממש בסנוורים, מבלי לראות את הסכנה האמיתית האורבת לפתחם, וכל מרצם כוון למטרה אחת ויחידה — דיכוי המיעוט היהודי בכל מיני דרכים וצורות.

מצוקת היהודים בפולין היתה גם מדינית וגם כלכלית. לנוער היהודי לא היה כל עתיד במדינה הזאת. פולין לא שינתה את יחסה ליהודים מאז ימי הביניים, וכל מעשי הגבורה של אלפי צעירים יהודים שהתנדבו ונלחמו והקריבו את חייהם על מזבח חרות פולין לא עזרו ולא שינו את המצב במאומה.

האדמה התחילה לבעור מתחת רגלי היהודים בפולין. המסים הכבדים שהוטלו על היהודים על ידי שר האוצר הפולני דאז גראבסקי הרסו אותם במובן הכלכלי כליל. ו„אם בארזים נפלה שלהבת", אם הסוחרים התרוששו, „אזובי הקיר" — יתר היהודים, שמצבם גם קודם היה מעורער, לא כל שכן עמדו על סף ההרס הכלכלי.

הכרזותיו של ראש הממשלה הפולני סקלאדקובסקי „רדיפות ופרעות לא" — „אבל חרם כלכלי — כן!" — היתה מעין גושפנקה רשמית לשנאת ישראל הקיימת בפולין.

בני הנוער היהודי לא יכלו ללמוד בבתי הספר התיכוניים הממשלתיים, ובאוניברסיטאות שרר החוק של „נומרוס קלאוזוס" (מספר מוגבל), והיו גם מדורים, שרגל יהודי לא יכלה לדרוך שם. החוקה הפולנית היתה יפה ונאה, אבל היא לא בוצעה. צעקות „יהודים לפלשתינה!" נשמעו יותר ויותר. לא ייפלא אם כן הדבר, שלהרבה צעירים יהודים הוחוור, שאין להם חלק ונחלה בפולין ומקומם בארץ־ישראל או בארצות אחרות.

דוד כוכב (שטערן)

מזכרונותיו של מורה

1930, השנה — בה באתי לדווארט, כאורח נוטה ללון, ושהיתי בה מעל לחמש שנים. הגעתי לדווארט, בהמלצת „החלוץ המרכזי", שמרכזו מרגלית דיבר על לבי, לבוא לעיר זו, כדי לפעול למען החינוך העברי.

בן שמונה־עשרה הייתי, ולאחר חג הפסח, אותו חגגתי בעיר מולדתי יגלניצה, במזרחה של פולין, בסביבה חמה, מסורה — רפודת אהבת הורים, סיפרתי לבני משפחתי, הנה — בדרכי לארץ־ישראל המיוחלת, הזרועה סבל, יסורים ורומנטיקה, אני נאלץ להתעכב עוד זמן מה בציפייה לסרטיפיקט הגואל, וההצעה היא, לעבוד בהוראת עברית, בעיירה ליד לודז' ושמה ווארטה. ברגשות כבדים נפרדתי מאהובי, בדרכי אל הלא־נודע, מרחק של יממה נסיעה ברכבת וגמור באוטובוס, שאחת ליום, עשה דרכו מלודז' לווארטה.

ווארטה, נהר ועיר, וכל גאוותה של העיר על הנהר רחב האפיק, שעל גדותיו בחרו אנשים לבנות ביתם.

בידי היתה כתובת ליושב ראש ההסתדרות הציונית, שביתו שכן במרכזה של העיר,



סניף „הנוער הציוני" בדווארט

ושמו שמואל פבלוביץ. התדפקתי על דלתו, בלב חרד פתחתי הדלת, והנה אני בחדר עבודה לחייטות, מספר דגמים ועליהם מעילים, מכונות מטרטרות לפי קצב הרגלייב המריצות אותן, לחן חרישי של שירי האגדה נשמע „אלא שבכל דור ודור", ובצדו של שולחן רחב ממדים עמד אדם בגיל העמידה ומגהץ כבד־משקל בידו. היושבים הרימו עיניהם לסקור את הבא, שאינו מבני עירם ולתהות על קנקנו.

כבר למחרת התחלתי בהוראת העברית. בין הלומדים הראשונים היו שלושת הבנים של מכרנו, יצחק שמואל פבלוביץ, אחים וקרובי משפחה, והשמועה עבדה במהירות הברק „אַ העברעאישער לערער" הגיע, והחוגים והקבוצות התרבו.

אך לא רק לזאת ניתנה הדעת. כבר בשבת הראשונה נקרא הקן של „השומר הלאומי" להתכנסות חגיגית, כשמספר צעירים בני גילי שליווני בנאמנות בצעדי הראשונים עשו לי הכרה עם עשרות ילדי ישראל בהכריזם; הנה בא האדם שיהיה ראש הקן שלכם והמחנך לקראת הגשמה ציונית.


הקן נמצא בחצרו של סבא פבלוביץ, איכר יהודי מושרש בהווי היהודי בעיירה, בעל בעמיו, ולימינו סבתא, נפש טובה, שכל מעיינה לעשות למען משפחתה, ואם הייתי חבר לבניה — הרי כבן הייתי גם לה.

לילות שבת — המועדון, שבמשך השבוע היה המרכז ללמידה, בלילות שבת ריכז את ציוני העיר להרצאות ולבילוי. בראש הפעולות עמדו שניים; יצחק שמואל פבלוביץ ויצחק ניטקה. בתוקף תפקידי השתלבתי בכל הפעולות של חוגי המבוגרים; התכנסויות, נאומים וועדות למיניהן. קשה להשקיף עתה, במרחק כה רב של זמן על ההווי, אך נדמה שבכל שררה מסירות לאין גבול, כשהאדם תורם את עצמו לציבור — לעתים מעל יכולתו, מסירות עד ביטול ה„אני" שלו.

באתי לווארטה במחשבה לעשות במקום לכל היותר שנה אחת, ומכאן לעלות לישראל. אך לא כך היה. תקופת הגבלת העלייה מחד, ומאידך, ריבוי ההכשרות של אלפי צעירים, שהתפרסו ברחבי פולין, כפריה ועריה, וצעקה אחת גדולה בפיהם „עליה"! והנה, במקום להתמרמר ולהתמרד, הייתי יחד עם חברי המדריכים למטיף בשער — לסבלנות, לכוח־עמידה בכל התלאות ולשאת בגאון את נס העלייה, ואף על פי שמתמהמה, בוא יבוא! זוכר אני, הנאומים בערבי שבת, בבנקטים, במועדים למיניהם, עת קמו יהודים טובים, דיברו על עולם ומלואו, ותמיד ידעו להתנער מהיאוש המנקר, מדאגות פרנסה, ממאבק תמידי על קיום יהודי נאות, לזקוף ראש ולשיר „התקווה" — בעיניים חולמות ובלב הולם „להיות עם חפשי בארצנו..."

אט, אט, והשפה העברית חדרה לשכבות הנרחבות בעיירה. בקן, לעתים נערכו שיחות בעברית, בכל התכנסות דברי הפתיחה נאמרו בעברית, והעיקר — שירי הארץ, שירי החלוצים, פשטו והיכו גלים ברחבי החברה. הפעילות היתה רבת גונים. זכורני — טיולי הקן וההסתדרות הציונית במפגנים רבי־הרושם, החל בחגה הלאומי של פולין בשלושה למאי ובימי מועד שלנו ל"ג בעומר, כ' בתמוז ועוד.

העיירה, שרק 40% מתושביה היו יהודים, היתה בעלת צביון יהודי מובהק. האיר־גונים למיניהם; ראשית כל הכלליים כגון: קופת גמילות חסד ועוד ועדות לעזרה הדדית, שהקהילה היהודית כה הצטיינה בהם והספריות למיניהן, ריכזו את רוב הנוער בעיירה, שנוסף להשאלת ספרים, קיימו גם „ערבי־ספרות" בכוחות עצמם ובכוחות מהחוץ.



טיול חברי הסניף של „הנוער הציוני" בדווארט לכפר מיקולייאביצה ב־1933

הווי יהודי עשיר היה בדווארט. בתי הכנסת התפרסו לתפארת בכל פינות העיר והיו מלאי מתפללים, וכאחת שימשו במה לחזון העלייה והתקומה. בכל חג ומועד נוסף לדרשות הרב היה גם נאום על משאת הנפש לגאולה. ודומני, שהאוזן היתה כרוייה היטב לקליטה של הפיוט מסידור התפילה „ולירושלים עירך ברחמים תשוב" ולדברי המטיפים „הבה נחלץ מיוון הגולה לקראת בניין ארצנו!".

שבתות; פעילות ללא הפסקה. החל בערבי השבתות, ההתכנסות רבת המשתתפים שלאחר הנאום המסורתי, שנושאו היה כמעט קבוע: „אַ איבערבליק אויף די וואָך געשע־ענישן אין ארץ־ישראל", והיו אז מאורעות בארץ, שהדם הגיע לתפוצות בעוצמה רבה. העתונים היומיים „היינט" ו„מאָמענט", ידעו להחדיר למיליוני היהודים ברחבי פולין את השותפות הרבה באחריות של הפזורה עם האחים בארץ.

על הפעילות הציונית הענפה בדוואַרט יכולים להעיד הנתונים דלקמן:

התוצאות לבחירות לקהילה היהודית בדוואַרט ב־1931 . .

סתם ציונים . . .	3 מנדטים
מזרחי . . .	1 „
יד חרוצה . . .	1 „
אגודה . . .	1 „

תוצאות הבחירות לקונגרס הציוני העשרים ב־1937 . .

מספר השקלים שנפוצו . .	306
ההתאחדות העולמית של הציונים הכלליים — חסידי יצחק גרינבוים .	108
מזרחי	70
ארץ ישראל העובדת	128

. . תוצאות הבחירות לקונגרס הציוני ה־21 ב־1939

סתם ציונים . . .	102
עת לבנות	127
מזרחי	59

לא לבדד שכנה דוואַרט, ובמיוחד הנוער שיתף פעולה עם הפריפרייה באירגון כנסים תנועתיים. בשבתות רבו הפגישות עם זדונסקה־וולה, עם דוברה ועד למיכוב הגענו. זכורני חווייה עמוקה: הגיעתנו ידיעה, שמנהיג יהודי פולין, יצחק גרינבוים יופיע בעיירה השכנה בלשקי (מרחק כ־20 ק"מ), וישא נאום על יהדות פולין והאידאולוגיה של ההסתדרות הציונית. כ־40 איש נזעקנו לעלות ברגל לבלשקי (ברגל תרתי משמע), והמאמץ היה כדאי. רב העיר, הרב פוקס פתח את ההתכנסות, נשמעו הברכות של נציגי הערים הסמוכות שהכילו דברי נאמנות לציונות והערכה עד כדי סגידה למנהיג הדגול. לאחר הבנקט, שהסתיים לאחר חצות, עשינו דרכנו ברגל בחזרה. עם שחר הגענו לדוואַרט כשהגרון צרוד מהשירה הרבה בדרך, וחלק ניכר מהחבורה עשה ישר דרכו לעבודת יומו.

מדוואַרט שוב נקראתי להכשרה־ולעבודה בהנהגה הראשית ומרכז „החלוץ המרכזי". בתחילת 1938, הוטל עלי לרכז הכשרת צעירים לקראת עלייה לבן־שמן מטעם עליית הנוער. הייתי בין מרכיבי הקבוצה, וביקשתי לכלול בה גם בן דוואַרט. הפעם נסעתי מוואַרשה לדוואַרט, וראשית צעדי לביתו של יצחק שמואל פבלוביץ. שטחתי לפניו

פנייתי שיתן את בנו הצעיר לעלייה. לא קל היה לאב ולאם להיפרד מצעיר בניהם, אך ההגיון גבר על הרגש, ואני זוכר את המלים: „שטערן, איך גיב אים דיר!".

מה כואב הלב, שרבים, כה רבים, שאהבו את הארץ ומסרו את מיטב השנים לרעיון הגאולה, לשעריה לא הגיעו.

אושה, אייר תשל"ב.



משפחת רוס, סמסון, רוזנבלום ודוד כוכב

שייניק מיכאל

הפעילות הציונית

את אמי אהבתי אהבה שאינה ניתנת לתאר. אשה מכובדת, עקרת בית למופת, טובת לב, מוכנה לעזור לזולת, אבל במיוחד אהבתיה על שהבינה לרוח ילדיה ועמדה תמיד לצדם והיתה למליצת יושר עבורנו לפני אבינו, וכך חסכה ממנו התרגזויות, שעלולות היו להשפיע לרעה על לחץ הדם ומנעה סכסוכים ומריבות בבית.

בדווארט היו גם מכבי אש, אירגון מתנדבים, ואחי יוסף ויעקב קינס היו מהיהודים היחידים שהתנדבו והשתתפו באירגון זה.

השתדלתי להיות פעיל בחיים החברתיים. הייתי מעוניין שבדווארט תתקיים אגוד ספורטיבית „מכבי". נתקלנו בהרבה קשיים, כגון בעיית מגרש, כסף וכו'. פניתי לד"ר רוזמרין, יו"ר „מכבי" בלודז', ואם כי לא הצלחתי הרבה להשיג ממנו, הרי בסופו של דבר נשאו מאמצי ומאמצי חברי פרי וקמה נבחרת יהודית לכדורגל („מכבי").

הזכרתי לעיל שאהבתי לרכב על סוס ואחרי־כן על אופניים, ואהבתי זו לאופניים, כנראה קיבלתי מסיפורו של דודי, אחי אמי, זקן מופלג שנפטר בגיל 88. אהבתי לשמוע את סיפוריו מימים עברו, על החיים הפרימיטיביים, בהם חיו בני עיירתי, ושמחתי לראות את ההתקדמות שחלה מאז. והרי סיפורו:

„פעם נפוצה שמועה שבאחד הבקרים בקיץ בשעות המוקדמות יגיע לדווארט אדם על שני גלגלים ללא סוס. כל תושבי העיירה ללא יוצא מן הכלל יצאו מבתיהם אל השוק לראות פלא זה ואחרי כן עוד סיפרו אודותיו ימים רבים."

עברו שנים וממשפחתי הענפה נשארו מעטים וכדי לגמול אתם את החסד האחרון אזכירם בהזדמנות זו.

אמי רייזל נפטרה שלושה שבועות אחרי פרוץ המלחמה בסוף ספטמבר 1939 מרוב דאגה לשני בניה ששרתו בצבא הפולני.

אבי נפטר אחרי כן ב־ה' בשבט ת"ש. רבים קינאו בו על שזכה למות במיתה טבעית במיטתו וששינפלד, ראש החברא קדישא בדווארט הביא אותו לקבורת ישראל במו ידיו. לפי דבריו יצא דרך השער האחורי מביתנו והגיע ישר ללא בעיות ומכשולים לבית הקברות. כל המעשה הזה נחשב כנס ויהודי דווארט ראו בהורי צדיקים גדולים שזכו לזכות כזאת, למות מכובד.

אחי הבכור מאיר לוזר נפטר בארץ.

אחי מנדל נספה בדווארט ביחד עם אשתו שרה וילדיהם נטקה, היינוך, פסיה פרדל והיה צפורה.

אחותי צירל עם בעלה וולף נפרסטק עם שני בניהם שלמה ניסן ויוסף נספו יחד בשואה.

אחותי פייגה עם בעלה פייביש מאירוביץ (מעשרת ההרוגים) נספו בתקופת השואה. פייגה נספתה באושביץ.

אחותי פרל עם בעלה משה בייניש פרוך נספו עם בנם מוטוש בשואה.

אחי איצ'יה עם אשתו רייצה מאירוביץ ובנם אברמ'לה נספו בשואה. אחי זה עבד עם אבי במשק חותנתו ואחרי כן הצטרף למשפחת אשתו והיה סוחר בהמות וסוסים.

אחי פייביש מת במלחמת העולם הראשונה מטיפוס.

אחי יוסף נספה במלחמת העולם הראשונה בצבא הרוסי.

אחותי הנדל רבקה מתה מיתה טבעית. אחותי צפורה מתה בעודנה תינוקת.

יהי זכרם ברוך!

חנה אוזרוביץ

איך געדענק

שוין פיל יאָרן אַדורך און דאָך געדענק איך מיין אַלטע היים, מיינע עלטערן און פאַרשיידענע געשעענישן, ווי דאָס אַלץ וואָס איז פאַרביי, וואָלט געווען מיט אַ קורצער צייט צוריק.

מיר האָבן געוווינט אין דער שול־גאַס וויזאַווי די גרויסע שול. פון אונדזער שטוב אַרויסקוקנדיק האָט מען געזען אַם בעסטן ווי שבת און יום־טוב גייען די שבתדיקע און יום־טובדיקע יידן מיט זייערע זין אין שול דאַווענען. און אַז מ׳האָט געזען דעם רב ערב שבת גיין אין שול האָט מען שוין געוווסט אַז דער שבת אָדער דער יום־טוב הויבט זיך אָן. דאָס איז געווען אַ גאַס פון יידישקייט און אָט די דאָזיקע יידישקייט האָבן מיר אַריינגעזאַפּט מיט אונדזער גאַנצן וועזן.

מיט דער דאָזיקער יידישער אַטמאָספער איז אויך געווען אַדורכגעדרונגען אונדזער שטוב. ביי אונדז אין הויז האָט זיך געפונען די חברה „עין־יעקב" און פון צווייטן אַריינגאַנג איז געווען דאָס אַלעכסאַנדער־שטיבל.

יעדן אָוונט האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן יידן און מ׳האָט געלערנט „עין־יעקב". כ׳געדענק עד היום דעם געשמאַקן ניגון פון ר׳ שמעון הערשבערג, וועלכער איז געזעסן אייבנאָן און געזאָגט דעם שיעור אין „עין־יעקב" און אַרום אים זענען געזעסן די



פאַמיליע קלינובסקי

אברהם קלינובסקי, זיין פאָטער עוזר, די פרוי פון אברהם, — פרל.
זייערע טעכטער: שושנה אסתר און חנה. — זייערע זין: שלמה, ניסן און גודל

לערנער, צווישן זיי אויך מיין פאָטער אברהם קליגאָווסקי עליו השלום. שפּעטער האָט געלערנט מיט די יידן ר׳ הירש דיין. אין דעם צימער פון „חברת עין־יעקב״ האָט מען אויך געדאַוונט. אָבער נאָר שבת און יום־טוב. יום־כיפור האָט מען געדאַוונט אין שול, נאָר צו קריאת התורה איז מען געקומען צו אונדז. מיין פאָטער איז געווען זייער אַן אַרבייטזאַמער מענטש. ער האָט זיך מתפרנס געווען פון זיין מעלקעריי און מיר אַלע האָבן ווי ווייט מעגלעך אים געהאָלפן, און צו דער עלטער האָבן מיר אים שוין בכלל ניט געלאָזט אַרבעטן. ער איז געווען אַ קלוגער ייד, געשעצט און באַליבט דורך אַלע וועלכע זענען געווען מיט אים אין אַ געוויסן קאָנטאַקט.

אין די שרעקלעכע טעג פון דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין געזונטע לאָגיק. ער איז געווען זיכער אַז היטלער וועט באַקומען די מפּלה און האָט אונדז אַלע מאָל דערמוטיקט.



לאה קלינובסקי ז״ל חנה אוזרוביץ׳ס מוטער

כ׳געדענק עד היום דעם שרעקלעכן טאָג וואָס מ׳האָט אונדז פאַרזאַמלט כדי אַלע אַוועקצופירן פון דוואָרט, וועלכע איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צום דייטשן געביט, אין דעם געביט פון „פּראָטעקטאָראַט״. שווער איז געווען יעדן איינעם אויפן האַרצן. מ׳האָט ליקווידירט געשעפטן, פּרנסות, פאַרקויפט האָב און גוטס פאַר בחצי־חינם. אין שטאָט איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג. ס׳זענען אָנגעקומען פיל וועגענער, מאָבי־ליזירטע פויערים, אַוועקצופירן די יידן צו דער באַנסטאַציע אין שיעראַדז. כ׳געדענק ווי דער פאָטער איז אַריין אין שטוב און צו אונדז געזאָגט: קינדערלעך, גייט אַרויס

און זעט וואָס ס׳טוט זיך, דאָס איז אַ היסטאָרישער טאָג, און אַז גאָט וועט אונדז העלפן וועלן מיר האָבן וואָס צו דערציילן, כדי די וועלט זאָל וויסן. (ער איז געווען נאָך גענוג תמימותדיק, ער האָט נאָך געגלויבט אין דער וועלט!).

אָבער ס׳איז געשען אַ נס און מ׳האָט אַלע צוריקגעשיקט אַ היים. וואָס איז געווען די סיבה פון דער ענדערונג איז שווער צו וויסן, אָבער אין אונדזערע אויגן איז דאָס געווען אַ גרויסער וואונדער, וועלכער האָט אונדז צוגעגעבן פיל האָפנונג און מוט מיר זענען געווען גליקלעך אַז מיר קענען זיין צוזאַמען.

אָבער ניט לאַנג האָבן מיר זיך געקאָנט פרייען מיט דעם דאָזיקן נס. טאָגטעגלעך זענען אָנגעקומען נייע צרות. די שרעקלעכע ידיעות וואָס טוט זיך אַרום און אַרום האָבן אונדז פאַרביטערט ס׳לעבן.. מיר האָבן שוין געזעהן געוווּסט פון די שוואַרצע אויטאָס, וועלכע קומען, נעמען צו יידן און פירן זיי אַוועק אין אַ אומבאַקאַנטע ריכטונג, פון וועלכער מ׳קומט ניט מער צוריק, מ׳ווערט אין די אויטאָס פאַרגאַזעוועט. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז אונדזערע טעג זענען געציילטע און איבערהויפט האָט אונדז פאַרקוועטשט ס׳האַרץ צוקוקנדיק זיך צו עלטערע מענטשן און קינדער, ווייל זיי זענען דאָך געגאַנגען אויפן ערשטן פייער, זיי זענען דאָך געווען די ערשטע קרבנות. אויך אין די שווערע מאָמענטן האָט אונדז דער פאָטער געטרייסט און צוגעגעבן האָפנונג און מוט. „איר, קינדער, מוזט דאָס איבערלעבן, ס׳יידיש פאָלק וועט ניט אונטערגיין!”

אַזוי האָט מען געלעבט ביזן זומער 1942.

אין אַ שיינעם זומערטאָג האָט מען פלוצים דערהערט שרעקלעכע גוואַלדן „הערויס!” מיר אַלע האָבן זיך געמוזט שטעלן אויפן פּלאַץ, ווו ס׳איז אַמאָל געווען די שול. איך זאָג „אַ מאָל”, ווייל ס׳האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז ס׳איז שוין אַוועק אַן אייביקייט אָט פון יענע שיינע גוטע צייטן, ווען מיר זענען נאָך געווען מענטשן און מיר האָבן געהאַט אונדזער שיינע שול. די שול האָבן די באַנדיטן חרוב געמאַכט באַלד ביי זייער אַריינגאַנג אין שטאָט. ס׳זענען נאָר געבליבן די ווענט. קורץ נאָך דעם האָבן זיי מיט דינאַמיט די געבליבענע ווענט אויפגעריסן און דאַביי האָבן זיי זיך מיט דער אויפגאַבע גאַנץ לאַנג געאַמפּערט ווייל די ווענט זענען געווען זייער דיקע (לויט דעם דאַמאָלסדיקן סטיל פון בויען שולן) פון דעם דאָזיקן אויפרייס איז ענטשטאַנען אַזאַ היץ אַז די שויבן ביי אונדז אין שטוב זענען געוואָרן מאַט.

אַלזאָ, מיר זענען געשטאַנען אויפן פּלאַץ, ווי ס׳זאָגט זיך, אין געהאַקטע צרות. דאָס איז געווען אַ שרעקלעך בילד. און דאַן איז פאָרגעקומען די סעלעקציע. דאָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ שרעקלעכן איינדרוק. כ׳האָב זיך נאָך דאַן ניט פאָרגעשטעלט אַז כ׳וועל נאָך אַדורכגיין אין מיין לעבן פיל סעלעקציעס. די עלטערע און קינדער האָט מען גענומען אין קירך („אין קערך”). אין דער גרופּע איז געווען אויך מיין פאָטער. פון אָנפאַנג האָב איך געמיינט אַז כ׳וועל זיין צוזאַמען מיטן פאָטער, און כ׳האָב זיך מיט דעם געטרייסט און אים צוגעגעבן מוט: „לאָמיר זיך כאָטש טרייסטן מיט דעם

וואָס פון אונדזער משפחה וועט דאָך עמיצער פאַרבלייבן. דיינע צוויי טעכטער (שושנה און צפורה) געפינען זיך אין ארץ ישראל און זיי וועלן מיט גאָט׳ס הילף בלייבן, זיי וועלן אונדז געדענקען און באַוויינען. ס׳זענען פאַראַן יידן אין נאָך אַ שווערערע לאַגע. אַלזאָ, טאַטע האַלט זיך!״ דאָן האָט מיר געזאָגט מיין פאָטער מיט טרערן אין די אויגן, און אויב כ׳האָב ניט קיין טעות זענען דאָס געווען די לעצטע ווערטער: „כ׳וואָלט אויך געוואָלט לעבן און דערלעבן עמלק׳ס מפלה!״ אין דעם מאָמענט האָב איך געזען ווי מ׳פירט מיין שוועסטער מרים, וועלכע האָט זיך אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם, און די מערדער האָבן זי געפונען און שרעקלעך געשלאָגן. אויך איר האָט מען אַריינגע־בראַכט אין „די קערך״.

יאָ, כ׳געדענק דאָס אַלץ, און כל זמן כ׳וועל לעבן וועל איך דאָס אַלץ געדענקען, אָבער וויכטיק איז אַז אויך אונדזערע קינדער ,און די דורות נאָך אונדז זאָלן דאָס וויסן!



דבורה נפרסטק ז״ל

אַ שוועסטערקינד פון שושנה קלינובסקי

בלומה זנדברג (הרצברג)

פון דער אַלטער היים

אַ לאַנגע צייט איז שוין אַריבער, און דאָך שווימען אַרויף פון צייט צו צייט זכרונות פון אַמאָליקע יאָרן, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד און שפּעטער אַ דערוואַקסענע ביי טאַטע־מאַמע אין דער אַלטער היים.

איך זע פאַר זיך ווי לעבעדיק די עלטערן, די שטוב, די פריינט און די באַקאַנטע פון אַ מאָל.

דער פאָטער, וואָלף שלום ז״ל, ווי כ׳געדענק אים פון די קינדער־יאָרן, איז געווען זייער אַ גוטער, איידעלער מענטש, שטענדיק גרייט צו העלפן יעדן וואָס האָט זיך געגויטיקט אין הילף.

ער אַליין איז ניט געווען קיין גביר (ער האָט געהאַנדלט מיט בהמות), אָבער ער האָט זיך געקאָנט אַן עצה געבן מיט פּרנסה. ער האָט געהאַט אייניקע גוטע, איבערגע־געבענע חברים, וועלכע האָבן אים שטענדיק געהאָלפן אין אַן עת צרה. דאָס זענען געווען לייזער שטענדעראָווסקי, ברוכ׳ל דיאַמאַנט, אהרן אשר, משה שיעראַצקי און אברהם יששכר בענעט.

ר׳ אהרן אשר, אַ טעקסטיל סוחר, אַ ייד, אַ גרויסער בעל תפילה, אַ גערער חסיד, וועלכער האָט זייער גערן געטאָן יידן טובות. מיר האָבן געהאַט אַ פערד און אַ וואָגן, און תמיד איז ער מיטגעפאָרן מיט מיין פאָטער איבער די דערפער פאַרקויפן סחורה. אויפן וועג האָט מען גאַנץ אינטערעסאַנט פאַרבראַכט די צייט, איבערהויפּט זומער, געזונגען חסידישע לידער און דערציילט פאַרשיידענע מעשה׳לעך וועגן „גוטע יידן״.

משה שיעראַצקי, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען אַ גערער חסיד און מיין פאָטער אַן אַלכסנדר־חסיד, זענען זיי געווען גרויסע ידידים און ביי יעדער געלעגנהייט געווען צוזאַמען, געפירט אַ שיחת־חולין של תלמידי־חכמים, זיך אויסגערעדט ס׳האַרץ איינער פאַרן אַנדערן און געגנזייטיק זיך געהאָלפן.

יששכר בענעט, אויך אַ גרויסער חסיד, איז געווען אין פאַרגלייך מיט מיין פאָטער אַ רייכער מענטש. ער האָט געהאַט אַ שניט קראָם (געוועלב). ער איז געווען אַ פאַרגעשריטענער מענטש און אויך אַ כלל־טוער, אַ לאַווניק (אַ ראַטמאַן) אין דוואַרטער מאַגיסטראַט.

מיט די אַלע חברים האָט מיין פאָטער געגרינדעט אַ גמילות־חסד קאַסע צו העלפן אָרעמע לייט מיט קליינע הלוואות אָן פּראָצענט. מיין פאָטער איז געווען דער קאַסירער. ס׳איז אויך געווען אַ יידישער באַנק אין דוואַרט, וועלכער האָט זיך געפונען ביי דער אַלמנה צביה מרים זאַנאַבענד. דאָרט האָבן אויך אַמטירט די חברים פון דער פאַרוואַלטונג פון דער גמילות־חסד קאַסע — יששכר בענעט, משה שיעראַצקי און מיין פאָטער.

מיין פאָטער איז געווען אַ פאָרגעשריטענער מענטש, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען מיטן גאַנצן האַרצן אַן איבערגעגעבענער אַלכסנדר חסיד. ער האָט שיין געשריבן פּויליש און רוסיש. מיין פאָטער האָט גאַנץ אָפט געדאַוונט פאַרן עמוד. ער איז געווען אַ גוטער בעל־תפילה, און זיינע דריי זין — גרשון ז״ל, שמואל לייב ז״ל, און זיי אויף לאַנגע יאָר אברהם — האָבן אים זייער גערן געהאָלפן אַלס „משוררים״. און ווען



זאב שלום הרצברג ז״ל
(דער פאָטער פון רוז׳קה סטריקובסקי, בלומה זנדברג, פרניה שר און אברהם הרצברג)

מיין פאָטער האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַוונען „כל־נדרי״ אָדער „מוסף״ אין די „ימים נוראים״ זענען אַלע זיינע קינדער און פריינט געגאַנגען אים הערן. דאַן איז ער געווען גליקלעך פון דעם כבוד וואָס זיינע קינדער און גוטע פריינט געבן אים אָפּ, און שיינט מיר אַז אויך זיי האָבן געהאַט פיל פאַרגניגן פון זיין זיסער און האַרציקער תפילה...

מיין פאָטער איז אויך געווען אַ גוטער בעל־תוקע. און ווען ער האָט געבלאָזט שופר האָט זיכער דער שטן ניט געהאַט קיין שום שליטה און השפעה.

אין „שמחת־תורה״ האָט מיין פאָטער געהאַט אַ „חזקה״ אויף „חתן בראשית״.

מיין מוטער אילה (פון דער היים בלאַכמאַן, געשטאַמט פון לאָדזש), איז געווען אַ גוטע נשמה. זי האָט אַלע אירע קינדער דערצויגן צו זיין געטרייע יידן און גוטע מענטשן. זי האָט אָפטמאָל פאַר אונדז איינגעחזרט איר באַליבטן געדאַנק: „אפילו אין אָרעמקייט דאַרף מען ניט עסן אַליין!״ זי איז אויך געווען אַ כלל־טוערין, אַ מיטגלידערין אין דער פאַרוואַלטונג פון „בית יעקב״.

אַלס קליין קינד האָב איך געלערנט צוזאַמען מיט מיין ברודער אברהמ׳לה ביים קאָלישער מלמד און שפּעטער, ווען כ׳בין שוין געוואָרן אַ ביסל גרעסער, האָב איך גע־לערנט אין „בית־יעקב״.

מיר האָבן געוווינט אין דער „מקווה־גאַס״, ניט ווייט פון רב לסקובסקי ז״ל און זיין איידעם ר׳ חיים משה.

אין יאָר 1934 זענען מיר אַריבער נאָך לאָדזש. דער עלטערער ברודער גרשון ז״ל



הינדה לאה הרצברג ז״ל

איז פאַרבליבן אין דוואַרט. אין דער צייט האָט שוין מיין פאָטער ניט געהאַנדלט, און די קינדער האָבן געזאָרגט פאַר דער פרנסה. אויך אין לאָדזש איז ער געווען אַ בעל־תפילה אין אַלעכסנדער־שטיבל. ער איז אומגעקומען מיט דעם גרעסטן טייל פון אונדזער משפחה אין דער שואה...

אין יאָר 1935 האָב איך זיך אומגעקערט קיין דוואַרט און חתונה געהאַט. די חתונה איז פאָרגעקומען אין לאָדזש. כ׳בין דאַן אַלט געווען 18 יאָר. מיין ערשטער מאַן, עליו השלום, איז געווען אריה לייב בערקענוואַלד. נאָך דער חתונה האָבן מיר געוווינט אין דער דאַברער־גאַס ביי משה שייניאַק, אָבער נאָכן טויט פון אריה לייב׳ס פאָטער, אברהם, (אין אַ קורצער צייט נאָך אונדזער חתונה) זענען מיר אַריבער צו דער שוויגער. אריה לייב האָט מיר דערציילט, אַז זיין פאָטער האָט ניט איינמאָל אויסגעדריקט זיין ווונש אַז ער זאָל זיין נאָך זיין טויט דער ראש פון דער משפחה, און צוליב דעם איז געווווּנשן אַז מ׳זאָל זיין צוזאַמען מיט זיין מוטער, און ער האָט מיך גלייכצייטיק פאַרזיכערט אַז כ׳וועל מיט איר זייער גוט קענען אויסקומען, ווייל זי איז אַ ווונדערבאַרע פרוי.



שרה הרצברג ז״ל

כ׳האָב מיט מיין שוויגער חנה מרים גיך געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך, אַזוי ווי מיין מאַן האָט מיר געזאָגט, און זי האָט זיך צו מיר באַצויגן ווי צו אַן אייגענע טאָכטער. כ׳האָב איר צוליב געטון און אָנגעטון אַ שייטל שבת און יום טוב, ווען מיר זענען גע־גאַנגען אין שול אַריין.

כ׳האָב זיך געפילט זייער גוט ביי מיין שוויגער. אַזוי ווי כ׳בין געווען די יינגסטע אין שטוב, האָט זיך מיר ניט איין מאָל געדוכט אַז מ׳באַציט זיך צו מיר ווי צו אַ מיזיניצע.

און ס׳איז גאָר קיין ווונדער אַז כ׳האָב זיך אַזוי גוט געפילט, ווייל דאָס איז געווען זייער אַ גוטע משפחה. אין דער פרייער צייט האָב איך זייער גערן זיך צוגעהערט צו

די געשיכטעס און מעשה'לעך, וועלכע מיין מאַנ'ס זיידע ר' שלמה אהרן האָט ליב געהאַט צו דערציילן. ער איז דאַן געווען אַ זקן מופלג. טראָץ דעם וואָס ער האָט געהאַט זייער אַ רייכע טאָכטער, בערקאָוויטש, האָט ער באַשלאָסן צו זיין ביי זיין שנור חנה מרים. ער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 99 יאָר. כ'געדענק נאָך ווי היינט, ווי די שוויגער האָט מיך אויפגענומען. זי האָט מיר דאַן געזאָגט: „זעסט מיין קינד, דאָס איז מיין שווער. איך וווין שוין מיט אים 40 יאָר. ער זאָגט מיר שטענדיק ,דו ביסט אַ מלאך', כ'פאַרהאָף אַז דו וועסט זיין דער צווייטער מלאך!"

מיין שווער, עליו השלום, האָט געהאַט אַ מענער־קאָנפעקציע געשעפט. און נאָכן שווער'ס טויט האָט מיין מאַן אָנגעפירט מיטן געשעפט.

די שוויגער איז ווירקלעך געווען זייער אַ גוטע און קלוגע פרוי, און זי האָט געפירט די שטוב מיט אַן אָפענער האַנט. אָפטמאָל האָט זי געזאָגט: „וואָס מיר געבן, געבן מיר ניט אונדזערס, מיר געבן פון גאָט, און גאָט וועט אונדז צוריק געבן!"



חנה הרצברג ז"ל

דער אַכזריותדיקער שונא האָט גלייך מיט זיין אָנקומען צעשטערט אונדזער אַלטע היים און פאַרפּייניצטערט אונדז ס'לעבן; פאַרטריבן פון די וווינונגען, געמאַכט פון אונדז פאַרהונגערטע שקלאַפן, און מיר אַלע זענען געווען געגליכן צו פאַרמשפטע צו טויט־שטראָף, וועלכע דערוואַרטן יעדע מינוט דאָס אויספירן פונעם אורטייל.

ערשט דאָ, אין אונדזער נייער היים, זענען מיר אימשטאַנד, פון צייט צו צייט, זיך פאַרטיפן אין די אַמאָליקע צייטן, און דערמאָנען צום גוטן אונדזער אַמאָליקע אַלטע היים, וועלכע האָט אונדז דערצויגן אַלס יידן און מענטשן.

און איר, אַלע מיינע טייערע, וועלכע איר זייט ליידער ניט מיט אונדז, וועט פאַר־בלייבן אין אונדזער האַרץ און אין אונדזער זכרון אויף אייביק.

שלזינגר (כהן) מרים רייזל

ר׳ מנדל זאַנדבערג
און זיין פרוי לובה

ר׳ מנדל זאַנדבערג און זיין פרוי לובה זענען געווען מיינע עלטערנס שותפים אין געשעפט און זענען גלייכצייטיק געווען אויך שכנים. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון.

אַ מוסטערהאַפטע אידישע שטוב, אָפן שטענדיק פאַר געסט און אָרעמעלייט. יעדער, וואָס איז אַריין אַ הונגעריקער האָט באַקומען אַ וואַרעם ביסל עסן, און נישט איינער האָט זיך מיט דעם מחיה געווען.

איך געדענק אַלס מיידל 10־12 יאָר אַלט האָט מען מיך שוין מזכה געווען מיט מצוות. מען האָט מיט מיר געשיקט „יאַכלעך" פאַר אַלטע און קראַנקע. עס האָט געקאָנט זיין ווי קאַלט און איך האָב זיך נישט אָפּגעשראָקן פון גיין און אויספירן די וויכטיקסטע שליחות. איך בין געווען אָנגעטאָן וואַרעם און בין געווען גליקלעך וואָס די זאַנדבערגס פאַרטרויען מיר אָן אַזאַ מצוה. די שמחה פון די אַלטע און קראַנקע, וועלכע האָבן באַקומען דאָס וואַרעמס איז ניט צו באַשרייבן.

ר׳ מנדל אַליין איז געווען זייער אַ קלוגער מענטש, געווען זייער באַליבט ביי קינדער און זייער אָנגענומען ביי דערוואַקסענע. מיר, קינדער האָבן געקאָנט זיצן מיט אים שעהן און צוהערן זיך צו זיינע מעשיות, וועלכע ער האָט דערציילט מיט אַ גרויסן טאַלאַנט. אין שטוב ביי דער משפחה זאַנדבערג איז געווען שטענדיק פריילעך. מענטשן זענען געקומען, ווער נאָך אַן עצה און ווער נאָך אַ טובה. און יעדער איז געוואָרן אויפגענומען מיט פיל האַרץ און פרייד. אין שטוב איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש עס זאָל זיין גענוג פּלאַץ פאַר יעדן.

ר׳ מנדל׳ס שטוב האָט זיך געפירט לויטן געדאַנק פון ר׳ יוסי, יוחנן׳ס זון פון ירושלים: „זאָל זיין דיין שטוב ברייט אָפן, און זאָלן אָרעמעלייט זיך פילן ביי דיר ווי זיי וואָלטן געווען דיינע בני בית"! (יוסי בן יוחנן איש ירושלים אומר: יהי ביתך פתוח לרוחה, ויהיו עניים בני־ביתך!" פרקי אבות א־5).

מרים רייזל כהן (שלזינגר)

ר׳ מיכאל זלמן הכהן

(דערינערונגען פון מיין געבורטס־שטעטל וואַרטה — אידיש דוואָרט)

אייגנטלעך האָב איך געדאַרפט אָנהייבן מיינע זכרונות פון מיין טייערן פאָטער ז״ל, יעקב שמחה כהן, וועלכן איך האָב פאַרלאָזט מיט דער גאַנצער משפחה אין יאָר 1933 און מער נישט געזען. איך וועל אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ער איז פאַרהייליקט אין מיין האַרצן נישט נאָר ווי אַ גוטער פאָטער, נאָר אויך ווי אַ מענטש מיט אַלע גוטע מעלות, אַן איידלמאַן, מיט געפיל און גוט־האַרץ, וואָס איז פעאיק געווען אָוועקצוגעבן אַלצדינג, וואָס ער פאַרמאָגט בכדי צו העלפן אַנדערע און איז געווען פיל ענלעך צו זיין פאָטער, מיין גרויסן זיידע ר׳ מיכאל זלמן הכהן ז״ל.

ר׳ מיכאל זלמן הכהן איז געווען אַן איד אַ תלמיד חכם, יומם ולילה געזעסן און געלערנט און גאַנץ ווייניק גענאָסן פון עולם הזה. מיטן גאַנצן האַרצן איז ער געווען אַריינגעטאָן אין העלפן נויטבאַדערפטיקע. די מיטלען צו העלפן האָט ער נישט געזוכט ביי פרעמדע. די הילף האָט ער געגעבן פון זיין אייגן טאַש, אָדער בעסער געזאָגט, פון דער באָבעס קעשענע.

די באָבע מיינע הענדל־ראַצע ע״ה איז געווען די אשת־חיל, זי איז געווען די סוחרטע און די פרנסה געבערין.

דער טאָג ביים זיידן האָט זיך אָנגעהויבן אַרום 5 אַזייגער סיי זומער סיי ווינטער. זיין זיסער קול ביים לערנען אין בוידעם־שטיבל אין דער פרימאָרגנשטילקייט האָט געהאַט אַ מאָדנעם צויבער, און נישט איינעם, וואָס האָט אים געהערט, האָט אָנגענומען אַ הייליקער ציטער. דאָס גאַנצע שטיבל איז געווען פול מיט ספרים. דאָס לערנען מיטן דאַוונען האָט זיך געצויגן, אַן ערך, ביז 12 אַזייגער. דעמלט האָט ער געטרונקען אַ גלאָז טיי און צוגעביסן אַ קיכל, וואָס די באָבע האָט געבאַקן פרייטיק אויף אַ גאַנצע וואָך. נאָכער איז ער געוואָרן אַ סוחר. ער האָט פאַרטראָטן די באָבען אין סקלאַד ביים פאַר־קויפן האָלץ און קוילן אויפן קילאָ. די באָבע האָט אין דער צייט פאַרנומען זיך מיט שטוב־ווירטשאַפט; אָפּקאָכן אַ ביסל מיטאָג און צובעטן די בעטן.

די צייט, וואָס די באָבע איז געווען פאַרנומען אין שטוב, האָט דער זיידע אויס־גענוצט פאַר זיינע „געשעפטן״. ער האָט פאַרקויפט, אָבער קיין געלט האָט די באָבע נישט געזען. „אַ ווו איז די סחורה און אַ ווו איז דאָס געלט?״ פלעגט די באָבע פרעגן דעם זיידן. דער זיידע האָט געשוויגן. ער האָט געוווּסט, דאָס איר כעס וועט באַלד פאַראיבערגיין, און זיינע פרייטיקדיקע עניינים וועלן דערליידיקט ווערן לויט זיין ווילן.

פרייטיק האָט ער נישט געלערנט און געקירצט דעם דאַוונען. פאַרטאָג איז ער געלאָפן צום קצב און צום בעקער, געקויפט חלות און פלייש פאַר זיינע באַדערפטיקע און באַזאָרגט זיי אויף שבת. ער האָט דאָס אַלץ געמאַכט שטיל און באַשיידן. די פראַ־

דוקטן האָט ער אַרײַנגעשטעלט בײַ זײַנע אָרעמעלײַט אין פּאָדער־צימער און קײנער האָט נישט געוווּסט װער האָט דאָס געבראַכט. אַחוץ דעם האָט ער פּרײַטיק צעטײלט די מערהײַט סחורה אָן געלט און צעשיקט קױשלעך קױלן אין אָרעמע שטיבער. געהײסן האָט עס דאָס ער שיקט שפּענער מיט קױלן־אָפּפאַל. די קױשלעך זענען געװען צוגע־דעקט פון אױבן מיט שפּענער, און אונטן איז געװען האָלץ און קױלן, עס זאָל זײַן ברענשטאָף פאַר זײַנע אָרעמע צו קאָכן און צו באַהײצן.

דאָס אַלץ איז, פאַרשטענדלעך, געװען אױפן חשבון פון באָבע־זײדע באַשײדענע הכנסות. מען האָט אַלײן געלעבט אין דחקות, און אַלעמאָל האָט ער געגעבן אַסך מער װי ער האָט געקאָנט.

זײַן ליבע צו ארץ־ישראל איז געװען נישט צו באַשרײַבן און די קרן קײמת פּושקע האָט ער געהיטן אָנצופילן בײַ יעדער געלעגנהײט און אין די שװערסטע צײַטן האָט ער נישט געמינערט זײַנע תרומות און האָט געהיטן די דאָזיקע מצװה אַזױ װי דאָס זאָגן „מודה אני”. זײַן גאַנצן לעבן האָט ער געשטרעבט צו עולה זײַן קײן ארץ ישראל און אַרבעטן אין פּרדס. אָבער לײדער. די טראַגישע מלחמה האָט געמאַכט אַ סוף צו זײַנע זיסע חלומות.



פאַמיליע כהן:

די ערשטע שורה זיצן פון רעכטס צו לינקס: **די מוטער שרה שפרה שרמן, דער פאָטער יעקב שמחה כהן, דער זײדע מיכאל שלמה כהן, די באָבע הנדל חיצה, בנימין כהן מיכאל׳ס זון און זײַן פרוי**

קינדער — זיצן: **הינדה, משה שמואל, מחלה, רבקה**

דריטע שורה אויבן: **חיה, משה כהנ׳ס פרוי, ליפצ׳יה, אברהם ישראל, מרים, אברהם כהן, ביילה, מלכה**

ציַיטונגען, ספּעציעל, האָט ער נישט געלעזן, אָבער ווען מען האָט אים געזאָגט אַז עס שרײַבט זיך דאָרט וועגן ארץ־ישראל, האָט ער גלײַך געמוזט דאָס אַליין איבערלעזן.

אַ לאַנגע צײַט איז ער געווען מורשה פון קרן הקיימת אין שטעטל. און ווען פרומע אידן האָבן אים געפרעגט, ווי אַזוי, קומט ער אַזאַ פרומער איד צו זײַן אַ „מזרחי" און אַזוי האַלטן פון ארץ ישראל, אין דער צײַט, וואָס מען לעבט דאָרט אין די קיבוצים און קבוצות אַזאַ פרײַ לעבן און מען עסט טריפות, מען איז מחלל שבת בפרהסיה, און מען עסט פלייש אָן שחיטה א. א. וו., האָט ער זיי שטיל געענטפערט; „טײַערע אידן, איר זאָלט וויסן דעם כלל: דאָרט וווּ עס איז דאָ אַ סך קדושה, איז אויך דאָ טומאָה". מיר מוזן פאָרן אַרבעטן אין אונזער אייגן לאַנד, און נאַכער וועלן מיר קענען אײַנפירן אידישקייט.

אַזאַ איז געווען מײַן זיידע. איך האָב אים יעדעס יאָר געשיקט אַן אתרוג, און ער האָט זיך מיט אים שטאַרק געפרייט, וואָס ער האָט די זכיה צו בענטשן איבער אַן אתרוג פון ארץ ישראל, וואָס זײַן אייניקל שיקט אים.

ער האָט זוכה געווען צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט אין מערץ 1942 און געבראַכט געוואָרן צו קבורת ישראל. זײַן ווונטש פאַרן טויט איז געווען, מען זאָל אים מיטגעבן אין קבר זײַן ש"ס. ער האָט געפילט, דאָס די נאַציס י"ש וועלן מחלל זײַן די הייליקע ספרים.

געלעבט ווי אַ צדיק און גשטאָרבן ווי אַ צדיק!

מלכה אימבר (כהן)

ר' מיכאל זלמן הכהן

פיל פיל יאָרן זענען שוין אַריבער, און דאָך נישט איינמאָל דערמאָנט מען זיך פון דער אַלטער היים.

דעם הויפּטאָרט אין די אַלע דערינערונגען פאַרנעמט מײַן זיידע, ר' מיכאל זלמן הכהן, אַ טיפּ, ווי אויסגעהאַקט פון גראַניט מיט זײַן אָריגינעלן אַרט לעבן און אויפפירונג.

רײדנדיק וועגן זיידן, זע איך פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס זיצט שטענדיק און לערנט און אינטערעסירט זיך גאַנץ ווייניק מיט געשעפטן און פרנסה, לאָזנדיק דאָס איבער זײַן אשת חיל, וועלכע האָט געצויגן די חיונה פון פאַרקויפן האָלץ און קוילן אויפן וואָג אין איר באַשיידענעם סקלאַד.

מיט דרײַ זאַכן האָט זיך פאַרנומען דער זיידע ע"ה; תורה, צדקה און קרן קיימת. איך דערמאָן מיך אין די דאָזיקע בילדער, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען לעבעדיקערהייט

איצט פאַר מיינע אויגן. איך בין אַ קליין מיידל. יעדן פרײטיק האָט מיר דער זיידע מזכה געווען מיט דער מצוה צו טראָגן שיסלען מיט קוילן און האָלץ צו זיינע אָרעמע קליענטן. נישט איינמאָל איז מיר געווען שווער זיי צו שלעפּן, אָבער אויך איך האָב באַקומען ליב די דאָזיקע מצוה. אויבן אין שיסל זענען געווען אַ ביסל שפּענער, האָלץ־אָפּפאַלעכץ, כדי די באָבע זאָל מיינען אַז ער גיט אַוועק נאָר אַזאַ סחורה, וואָס קיינער וועט שוין נישט קויפן. דערצו האָב איך אויך באַקומען אַ ביסל געלט איינגעפּאַקט אין פּאַפּיר.

אויך פרעמדע מענטשן האָבן מיר דערציילט אַז ער פלעגט איינקויפן דאָנערשטיק ביינאַכט פּראָדוקטן און גאַנץ פרי פרייטיק, ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפן, איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער פון זיינע אָרעמעלייט און אַוועקגעלייגט די פּראָדוקטן אויף שבת ביי דער טיר, זיי זאָלן, חלילה, נישט פאַרשעמט ווערן.

אין יעדן ווינקעלע אין שטוב איז געווען אַ פּושקע פאַר פאַרשיידענע שפּענדונגען און אויסער דעם האָט אויך יעדער „קליענט" זיינער געהאַט אַ פּושקע, און יעדן טאָג האָט ער אַריינגעלייגט אַ פּאָר גראָשן, און אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעזאַמלט פאַר יעדן נויטבאַדערפטיקן אַ ביסל געלט אויף שבת.

ביי אונז אין שטעטל האָט זיך געפירט אַ לעבהאַפטע ציוניסטישע טעטיקייט און פיל אידן האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געגעבן פאַרן קרן הקיימת. אָבער עס איז געווען אַ געוויסע צייט, וואָס דער עקאָנאָמישער קריזיס אין פּוילן איז געווען זייער אַ גרויסער און עס איז געווען זייער שווער צו קלייבן געלט, און ליידער זענען די בלויע פּושקעלעך, כמעט, ווי געווען ליידיק, אַזוי אַרום אַז עס האָט זיך נישט געלוינט צו גיין זיי אויסליידיקן. אָבער מיין זיידע האָט זיך געפירט לויט זיין שטייגער און אין די באַשטימטע טעג אַריינגעלייגט די גראָשנס אין פּושקעלע, און גלייכצייטיק האָט ער אויך נישט פאַרגעסן אַריינצולייגן מער ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן. און ווען מען איז געקומען אויסליידיקן די פּושקע איז זי געווען פול, און עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ סומע פון 13 זלאָטעס, ווי אויף יענע צייטן אין אַ קליין שטעטל איז דאָס געווען אַ גרויסע סומע.

דער ציוניסטישער געדאַנק איז געווען זיין ליבלינגס־געדאַנק. ער האָט געלייענט די „הצפירה", און ממש איבערגעלעבט יעדע איבערלעבעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין לאַנד. און ווען זיינע אייניקלעך זענען געווען אין ארץ ישראל איז זיין האָפנונג געווען גאָר אַ שטאַרקע אַז אין גיכן וועט ער אויך זוכה זיין צו עולה זיין.

ער האָט געלעבט 76 יאָר און נפטר געוואָרן אין 1942. דאָס איז געווען די איינציקע לוויה, וואָס די נאַציס י"ש האָבן דערלויבט, און די גאַנצע אידישע דוואָרט האָט אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו. נישט איינער האָט אים מקנא געווען, וואָס ער איז אַזוי געשטאָרבן. און אַלע האָבן געגלויבט אַז זיינע מעשי־צדקה האָבן אים מציל געווען און ער איז זוכה געווען צו שטאַרבן מיט אַ נאָרמאַלן טויט.

שלמה בן יהושע (כהן)

ר׳ מיכל זלמן הכהן

מבין חורבות ילדות שרופה עולה דמות סבי הטוב, ר׳ מיכאל זלמן הכהן. יהודי, ירא שמים, חסיד במידותיו ובהליכותיו, בר־אוריין ובר־אבהן *, קנה לו עולמו במעשיו הטובים ובנדיבות לבו.

אהבתו לציון עברה כל גבול. הוא היה מראשוני ה„מזרחי״ בדווארט.

ביתו היה פתוח לעניים, אם כי פרנסתו לא היתה בשפע. יום ולילה למד גמ־רא ופוסקים וחינך את ילדיו לאהבת ישראל וארץ־ישראל.

היה ידוע כ„נותן בסתר״ ביד פתוחה, למעלה מיכולתו, לכל נצרך בשקט ובצנעה, התרחק מכבוד ומכיבודים, ונמנע להתבלט הן במעשיו והן בידיעותיו המרובות בתורה.

ענו ואציל רוח, מפארה וזיווה של העיר.

יהי זכרו ברוך!

---

* בנו של הרב הגדול בדווארט ר׳ נחמיה כהן.

התעשיין הגדול והנדבן המפורסם אשר כהן (אחד מאילי תעשיית הטקסטיל בפולין), נצר למשפחה זו כותב בהקדמתו לספרו „מעדני מלך״: „אדוני אבי ר׳ חיים לוי יצחק כהן היה חוטר מגזע נכבד, וצור קודש מחצבתו, בן הרב הגאון, הגדול בתורה ובחסידות, רבי משה נחמיה הכהן, אב״ד בעיר דווארט, מחוז קליש, פלך לודז׳.

כמו כן בסוף הספר הנ״ל ישנו צילום מכתבו של האדמו״ר ר׳ יצחק זצ״ל מווארקי „בעצם כתב ידו משבט שנת תרל״ו (1876) אל נכבדי העיר דווארט בעניין הרב ר׳ משה נחמיה הכהן ז״ל״.

ב״ה אור ליום כ״ב שבט תור״ל ווארקי,

החיים והשלום וכ״ט לכבוד ידידי נפשי הרבנים המופלגים, הגבירים הנכבדים מו״ה אפרים פישל נ״י ויופיע ומו״ה ישכר בעריש הכהן נ״י ויופיע, ומו״ה חנוך העניך הכהן וחתנו מו״ה צבי נ״י, ומו״ה זאב נ״י ויופיע, ומו״ה רפאל נ״י ויופיע, ולכל כבוד הידידים הנלווים לטובה נ״י ויופיע, מק׳ דווארט.

הנני שולח למעכ״ת את כבוד חתני החריף הנכבד מו״ה ישראל צבי נ״י עם כבוד מחותני החריף הנכבד מו״ה יוסף אלעזר נ״י אודות הענין של כבוד ידידי הרב החריף מו״ה משה נחמיה הכהן נ״י.

בהתעוררות גדולה למעכ״ת, אשר נא אחיי ורעיי תשימו נא על לבבכם את גודל הענין הזה, אשר הענין נוגע לכבוד התורה וכבוד צדיקים וחסידים נ״י, ומוטל עלינו לקיים הכתוב אב אחד לכולנו וכו׳, אשר אנחנו כאחים יחד מאז ומקדם ומוטל על כולנו לעמוד לימין צדקו של כבוד הרב נ״י. והנה מסרתי את כל הדברים בע״פ לכבוד המשולחים הנ״ל, אשר יציעו לפני כבודכם הכל לנכון. ואקוה שתשמרו ברית האהבה שבינינו ותחוסו להסר ממני את העגמת נפש גדול שיש לי מזה, ובזכות המצוה הגדולה בודאי יהיו דברי כבודכם נשמעים לכולם, ותגמרו הענין באהבה ובכבוד, ואחזיק טובה גדולה בזה לכולכם ותשמחוני בזה, ואזכה לראות ולשמוח בשמחתכם עם כב׳ לאוי״ט ונזכה לישועת כל ישראל במהרה א׳.

דברי ידידכם א״נ המצפה להצלחתכם ולזכותכם בזה ובבא

הק׳ יצחק במוהר״ש ז״ל מק׳ ווארקי

סבא

מבין חורבות ילדות שרופה
דמותך עולה, סבי הטוב!
יהודי ירא־שמיים
בר לבב ונקי־כפיים
מקדושתו לעולם לא התפשט
מחלון קדושה הציץ על החיים
ולעזור לנצרך מצא תמיד זמן ועת
יומם ולילה הגה בש״ס ובפוסקים
ב„סוגיות״ טייל כבשבילי הגן
גם ספרי הקבלה היו לו נהירים.
היה צדיק, ענו ורחמן
בביתו קרץ מהקירות השממון
המפרנסת היתה סבתא
מבחוץ יילל הרוח מבעד לחלון
והוא ישב רכון על הגמרא
אז עמדתי בפינה
ספגתי מסוד הדממה
בשעה זו
שטפני ים האהבה.

צילה יאנקעלעוויץ (דיאַמאַנט)

בילדער און טיפן

די משפחה אידיליע

שרייבנדיק וועגן אונדזער משפחה מיין איך גלייכצייטיק אויך די מערהייט אַנדערע יידישע משפחות אין פוילישן קליינעם שטעטל.

וואָס האָט כאַראַקטעריזירט אַן יידישע משפחה אין די יאָרן נאָך פון די ערשטע צענדליק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ?

לויט מיין מיינונג איז דער הויפּטשטריך, געמיינזאַם פאַר די מערהייט פוילישע יידן — דאָס שלימות, די האַרמאָניע. די יידישע משפחה דאָס איז געווען אַן אידעאַלע איינהייט, וועלכע האָט אָפּגעהיט איר גאַנצקייט מיט אַלע מעגלעכקייטן.

מיין פאָטער ברוך דיאַמנאַט איז געבאָרן געוואָרן אין דוואָרט, מיין מוטער, איידל יאַנקעלעוויץ פון דער היים איז געווען אַ געבאָרענע אין שיערעדז. מיין פאָטער איז געווען אַ תבואה־סוחר. מיר זענען געווען 8 קינדער; 3 ברידער — ישראל, מרדכי ז״ל און זיי צו לאַנגע יאָר מאיר, 5 שוועסטער — שרה און איך, די איבעריקע דריי — יטא, חיה און ליבא זענען ליידער אומגעקומען.

מיר זענען אַלע געווען דערצויגן אין דעם גייסט פון יידישקייט און יידישער טראַדיציע. די מיידלעך האָבן געלערנט אין „בית־יעקב״ און די יינגלעך אין חדרים און אין ישיבות. דוואָרט איז געווען אַ קליין יידיש־שטעטעלע און אַלע האָבן זיך גוט געקענט, און דאָס איז אויך געווען איינע פון די הויפּט סיבות, וואָס יעדע יידישע משפחה האָט אַזוי אָפּגעהיט צו לעבן אַ בכבודיקן לעבן, אָרנטלעך און באַשיידן, כדי חס וחלילה נישט אַריינצופאַלן אין די מיילער פון לייטן.

מיינע ברידער, ווען זיי זענען שוין געוואָרן גרעסער האָבן זיי אויך געהאָלפן דעם פאָטער אין זיינע געשעפטן, ווייל אונדזער פאָטער איז געווען פאַראַינטערעסירט מיט לייב און נשמה אַז די זין זאָלן קענען לערנען, אָבער זיי זאָלן נישט זיין קיין בטלנים, אָפּגעריסן פון דערווירקלעכקייט.

דער כבוד פאַר די עלטערן איז געווען נישט צו באַשרייבן. דער פאָטער איז געווען דער אָנפירער סיי אין געשעפט און סיי אין דער היים, און זיין וואָרט איז געווען אימער דער דעצידירנדער. מיר אַלע האָבן געהאַט דעם פולסטן גלויבן צו טאַטע־מאַמע און דעם גרעסטן צוטרוי צו זיי. מיר האָבן געשעצט זייער לעבנס־דערפאַרונג און גוט געוווסט אַז זיי ווילן אַז אונדז זאָל זיין גוט, טאָן אַלץ וואָס זיי טוען איז נאָר פאַר אונזערטוועגן און לטובת אונדזער צוקונפט.

נישט איין מאָל פרעג איך זיך אַליין; פון וואַנען איז געקומען אָט דער יראת־הכבוד פון די קינדער צו די עלטערן אין יענע יאָרן, דער גרויסער דרך־ארץ צו עלטערן און בכלל צו עלטערע פון זיך ? און וואָס מער איך דענק דאַריבער אַלץ מער קום איך צו דער איבערצייי־

ג׳נג אַז די אַמאָליקע טראַדיציאָנעלע דערציאונג איז געווען דער הויפּט־כוח, וואָס האָט דערצו דערפירט.

עס האָט געהערשט אַ געמיינזאַמע שפּראַך צווישן עלטערן און קינדער. די דערציאונג אין דער היים און אויסער דער היים איז געווען אַ גאַנצע און שום מיינונגס אונטערשיידן. ווען אין שטוב איז געווען אַ געוויסע זאָרג, געוויסע דאגות — זענען דאָס געווען אויך די דאגות און זאָרגן פון אַלע, סיי פון די עלטערן און סיי פון די קינדער. עס זענען נישט געווען קיין שום קעגנזאַצן אין דער משפּחה.

און ווען עס האָט זיך דערוועקט די פראַגע פון עולה זיין קיין ארץ־ישראל, איז דאָס געוואָרן אַ פאַמיליען־פּראָבלעם. אונדזערע עלטערן זענען געווען ציוניסטיש געשטימט און זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז זיי דאַרפן געבן זייער הסכמה. און מען מוז פאַרשטיין אַז דער דאָזיקער שריט איז נישט געווען אין יענע צייט גאָר קיין לייכטער. די לאַגע דאַן אין ארץ־ישראל איז געווען זייער אַ שווערע, סיי מאַטעריעליש און סיי פּאָליטיש, און דאַקעגן אין דער היים איז דאָך געווען די מאַטעריעלישע לאַגע אַ בעסערע און דערצו נאָך ביי טאַטע־מאַמע. און דאָך האָט מען דעצידירט צו דערלויבן מאירן און שרה׳ן פאָרן, ווייל די מצווה פון ישוב הארץ איז געווען אין די אויגן פון מיינע עלטערן ז״ל זייער אַ גרויסע. זיי האָבן אין דעם אַקט געפילט אַזוי ווי זיי אַליין וואָלטן עולה געווען. און ווער ווייס צי זיי האָבן נישט אין טיפן האַרצן געהאָפט אַז נאָך די משפּחה־חלוצים וועט אויך קומען די רייע פון דער גאַנצער פאַמיליע.

ליידער איז דער חלום פון מיינע טייערע נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. זיי האָבן נעבעך נישט זוכה געווען צו זיין אין אונדזער הייליק און טייער לאַנד. אָבער זייער ווייטער קוק און ליבשאַפט צו ארץ־ישראל האָט מציל געווען צוויי פון אונדזער משפּחה, וועלכע וועלן ווייטער וועבן דאָס טראַדיציאָנעלע געוועב פון אונדזער משפּחה, אָבער נישט אין דעם פּויליש גלות־שטעטעלע, נאָר אין פּ־ייעם לאַנד ישראל.

מיין שוועסטער ליבא

גלייך ווי די מערדער זענען אַריין אין דוואָרט האָט מען אָנגעהויבן כאַפּן אויף צוואַנגס אַרבעט, מענער און פרויען אָן אונטערשייד.

איינמאָל איז דער בירגערמייסטער פּערזענלעך אַרויס אָנפירן מיט דער דאָזיקער אַקציע און האָט אינסטרואירט די מיידלעך ווי זיי דאַרפן אַרבעטן און האַלטן די שפּאַדעל. אויך מיין שוועסטער ליבא, די איידעלע און האַרציקע נשמה האָט געמוזט אויסשטיין די קאַפּריזן פון די צעבושעוועטע דייטשע מערדער. איך ווייס נישט גענוי ווי אַזוי נאָר זי האָט באַקומען אַ קלאַפּ מיט דער שפּאַדל אין קאָפּ. אייניקע האָבן געזאָגט אַז די לאָפּאַטע איז אַרויסגעפאַלן דעם בירגערמייסטער פון האַנט און איר געטראָפן אין קאָפּ, און אַנדערע האָבן געזאָגט אַז ער האָט איר אַ קלאַפּ גע־

געבן. ווי עס זאָל נישט זיין, פון דאַן אָן האָט זי געליטן שטאַרקע קאָפּשמערצן און צום סוף איז זי אויך דערפון, ווייסט אויס געשטאָרבן.

נאַכער זענען פאָרגעקומען אַבלאַוועס. און אונדזער שוועסטער חיה האָט מען פאַרשיקט אין אַ לאַגער נאָך פויזן. אויך אונדזער ב ודער מרדכי איז גנעומען געוואָרן קיין פויזן. די בריוו פון דאָרט זענען געווען געשריבן אויף פאַרטיקע פאָרמולאַרן און זיי זענען געווען זייער לאַקאָניש, און מען האָט פון די דאָזיקע בריוו געקאָנט גאַנץ ווייניק פאַרשטיין. אָבער די אמתע ידיעות זענען אָנגעקומען דורך אַנדערע וועגן. מען האָט זיי געהאָלפן ווי ווייט עס איז מעגלעך געווען. שפּעטער האָט מען אויך גענומען אין לאַגע אונדזער ברודער ישראל און דעם שוואָגער זכריה.

דאָס אַלץ האָט זייער שלכט געווירקט אויף ליבא. און ווען דער געטאָ אין דוואָרט איז ליקווידירט געוואָרן און איך מיט ליבא זענען מיר געווען צווישן די גליקלעכע, וועלכע מען האָט געשיקט קיין לאָדז׳, האָט ליבא טאָג און נאַכט געוויינט נאָך די טייערע און געטראַכט וועגן זיי. גלייכצייטיק האָט זי מיר שטענדיק געטרייסט און אויפגעמונטערט און געזאָגט: געדענק די זון וועט נאָך אויפשיינען און די גאולה וועט קומען. זי האָט ווייסט אויס געפילט אַז אירע טעג זענען געציילטע און דעריבער האָט זי אַזוי פיל מי געלייגט מיך אויפצוהאַלטן ביי דער האָפנונג.

מיט די ווערטער פון האָפנונג, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט דערלעבן גוטע צייטן און מאיר און איך וועלן גליקלעך זיין האָט זי פאַרענדיקט איר לעבן.

זעליג מונטער

די פאַמיליע מונטער

דערציילנדיק וועגן מיין משפחה, מיינע עלטערן און אורעלטערן, האָב איך נישט, ליבער לעזער, קיין שום כוונה זיך צו באַרימען און זינגען לויבגעזאַנגען מיין פאַמיליע, וועלכע איז ווי פיל אַנדערע אויסגעראָטן געוואָרן דורך דעם שרעקלעכן שונא. איך דענק אַז די פּשוטע דערציילונג וועגן מיינע טייערע וועט נאָר צוגעבן מאַטעריאַל בעסער צו דערקענען אונזער פראַניכטעטע שטעטל דוואָרט.

ווי פיל אַנדערע אידישע משפחות איז אויך אונזער משפחה געווען זייער שטאַרק איינגעוואָרצלט אין אידישן און אַלגעמיינעם לעבן אין דוואָרט.

מיר זענען נישט געווען חס וחלילה קיין אויסנאַם. מיינע אורעלטערן און עלטערן,


ברידער און שוועסטער האָבן געפירט זייער אַ טיכטיקן לעבן, וועלכער האָט געבראַכט כבוד דער שטאָט און דער אידישער באַפעלקערונג פונקט ווי הונדערטער אַנדערע אידן האָבן דאָס זעלבע געטאָן.

מיין זיידע ר׳ בער מונטער איז געוועזן זייער אַן אָנגעזעענער בעל־הבית אין דוואַרט. ער איז געווען אַ טיכטיקער מענטש פול מיט איניציאַטיוו און סוחרישע איינפאַלן. ער איז געווען זייער אַרבייטזאַם און אָרנטלעך.

ער האָט געגרינדעט אַ פאַרבעריי פאַר וואָל־שטאָפן און לייוונט. די טויזנטער פויערטעס פון דער גאַנצער אומגעבונג, וועלכע האָבן זיך אַזוי געליבט אין בונטע הויזן, בלוזקעס און קליידער, האָבן גאַנץ ווייניק געוווסט אַז דער מקור פון דעם אַלעם איז ר׳ בער׳ס פאַרבעריי און אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון אַ אידן קענען זיי אַזוי אימפאָנירן מיט זייערע פילפאַרביקע קליידער, וועלכע האָבן אויך באַקומען אַ שם־דבר אַפילו אין אויסלאַנד. דער פוילישער נאַציאָנאַלער גייסט האָט זיך געקאָנט ג״ויס האַלטן מיט זיינע ספּעציפישע קליידונג פון שיעראַדזער אומגעבונג.

אָבער אין גרונט גענומען איז ר׳ בער מונטער געווען פון לייב און נשמה אַ לאַנד־ווירט. ער האָט באַזיצט אַ גוט אויפן שאַדעקער וועג, און זיך מיט אים באַשעפטיקט מיט פיל ליבע און איבערגעגעבנקייט. נישט איין מאָל האָבן זיך פוילישע גוטבאַזיצער געוווּנדערט ווי אַזוי קען אַ איד זיין אַזאַ גוטער לאַנדווירט.

ר׳ בער מונטער האָט געהאַט אַ טאָכטער יהודית (אידיס) און צוויי זין יעקב מיכאל און לייזער. די מונטערס האָבן געפירט אַ מוסטערהאַפטן פאַמיליע לעבן. אַלע



פאַמיליע מונטער



לייזער מונטער און זיין פרוי ז"ל (זליג מונטער'ס עלטערן)

האָבן געוווינט צוזאַמען אין ר׳ בער׳ס גרויסע הויז, אין וועלכער עס איז געווען גענוג פלאַץ און וואַרעמקייט פאַר אַלע אייגענע און אויך פאַר פרעמדע.

נאָך דעם זיידנס טויט, האָבן די קינדער זיך צעטיילט מיטן גוט, אָבער מען איז געבליבן וווינען אין דער זעלבער הויז צוזאַמען, פאַרשטייט זיך יעדער אין זיין דירה.

יהודית האָט חתונה געהאַט מיט היינאָך לאַסקובסקי און זיי האָבן געעפנט אַ תבואה־געשעפט און אַ סקלאַד פון קאָלאָניאַל סחורות. דאָס געשעפט איז געווען אין דער זעלבער הויז.

יעקב מיכאל האָט איבערגענומען די פאַרבערייַ און גלייכצייטיק אויך געהאַט זיין טייל אין גוט. ער איז געווען אַ גערער חסיד און איינער פון די איינפלוסבאַרסטע מענטשן אין שטאָט און אין דער סביבה. ווער עס איז געווען אין אַ נויט איז געגאַנגען צו ר׳ יעקב מיכאל און ביי אים האָט מען שטענדיק געפונען אַ הילף און אַ גוטע עצה. פיל געפאַלענע בעלי־בתים האָט ער צוריק־געשטעלט אויף די פיס אַ דאַנק קאָנסטרוקטיווער הילף אין פאָרם פון קליינע הלוואות אָן פראָצענט. דאָנע־־שטיק, אין מאַרקטאָג פלעגן צו אים קומען צענדליקע סוחרים׳לעך און געכאַפּט אַ גמילות־חסד כדי צו קענען איינקויפן סחורות פאַרן מאַרק, און אין אָוונט פלעגן זיי אים צוריקברענגען דאָס געלט.

פאַרשטייט זיך אַז דאָס אַלץ האָט ער געטאָן אָן שום פּראָצענטער, און גלייכצייטיק האָט ער זיך געהאַלטן פּשוט און מקיים געווען די מצווה פון העלפן אַ נויט־באַדערפטיקן, שנעל און אָן קווענקלען זיך. יעדער, וועלכער איז צו אים געקומען נאָך אַ גמילות חסד, האָט נישט געפילט קיין שום גאווה פון ר׳ יעקב מיכאל׳ן. ער



די פאַמיליע מונטער

האָט זייער שטאַרק הנאה געהאַט צו טאָן אַזעלכע מצוות און געגלויבט באמונה שלמה אַז אַ דאַנק זיין אויפפירונג, העלפט אים דער רבונו של עולם, און אַז אויב גאָט גיט אים אַ שפע פון פרנסה איז דאָס זיכער צוליב זיינע גוטע מעשים.

זיין זון לייב מונטער איז אומגעקומען אין פאַביאַניץ, זיין טאָכטער הינדע, איז אומגעקומען אין לאָדזש, און די צווייטע טאָכטער — אין וויעלון און פרימעט מונטער



לייזר מונטער ז״ל

איז דערטרונקען געוואָרן אין באַלטישן ים ביי דער ליקווידאַציע פון אַ לאַגער אין וועלכן זי האָט זיך געפונען.

וועלוול מונטער איז דערשאָסן געוואָרן אין אָנהויב 1940. וועלוול, ווי די אַלע מונטערס זענען געווען קודם כל פאַרמערס, און אַפילו די שרעקלעכע צרות פון דער היטלער־אָקופּאַציע האָבן זיי נישט געענדערט. אויפן וועג צום פעלד, צו באַפרייען די געבונדענע בהמות, זיי זאָלן קענען זיך פריי פּאַשן האָט אים געטראָפן אַ קויל פון אַ דייטשן מערדער.

מיין פאָטער לייזער מונטער, ר׳ בער׳ס יינגסטער זון, האָט אַ חוץ זיין טייל אין גוט געהאַט אויך אַ סקלאַד פון האָלץ, אַגראַר מאַשינען און כעמישע פאַרשיידענע שטאָפן צו באַמיסטיקן די פעלדער. מיין פאָטער האָט פיל אויפגעטאָן אויפן געביט פון ענטוויקלען די אַגראַרקולטור אין דוואָרטער סביבה. אַלע מאָל האָט ער געבראַכט עפּעס נייעס, און די לאַנדווירטן האָבן געוווסט אַז ביי אים קען מען קויפן מכשירים און זאַכן, וועלכע וועלן זיי זיכער ברענגען פיל נוץ. זיי האָבן אים געקאָנט אַלס זייער אַן אָרנטלעכן מענטשן און זיין וואָרט איז פאַר זיי געווען הייליק. זיי האָבן צו אים געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן צוטרוי. ער האָט אויך געהאַט בוי־מאַטעריאַל ווי צעמענט, פּאַפּע א. א. וו.

ער איז געווען אַ טיכטיקער ציוניסטישער טוער אין „מזרחי״ און האָט רעפּרע־זענטירט זיין פּאַרטיי אַלס ראַטמאַן אין מאַגיסטראַט און אויך געווען 10 יאָר פּרעזעס פון אידישן באַנק אין דוואָרט. אויך ער, ווי זיין ברודער יעקב מיכאל האָט פיל געהאָלפן יעדן, וואָס האָט געדאַרפט האָבן הילף. איך און מיין ברודער זלמן און מיין שוועסטער העלאַ האָבן אים געטריי געהאָלפן און באַמיט זיך צו גיין אין דעם וועג, וואָס ר׳ בער ז״ל האָט אונז באַוויזן. ליידער זענען זיי אַלע אומגעקומען.



פאַמיליע מונטער

מנדלבלט יונה

בית־סבא

את סבי ר' אליהו יוסף אני זוכרת משחר ילדותי. הוא התגורר בעיירה דווארט. מדי שנה, בחודש אלול, התקיים בבית סבא, בדווארט, כנס משפחתי ליום השנה לפטירתה של סבתא רשקה, שנפטרה בצעירותה והשאירה אחריה שבעה ילדים קטנים — חמישה בנים ושתי בנות.

אשתו השניה של סבא, רייזל, בת העיירה דווארט, היתה אם טובה ליתומים, אשה מסורה, עקרת בית טובה וסוחרת מוכשרת. היא היתה אז המפרנסת את המשפחה וניהלה את חנות המכולת שלה בכשרון רב, וזאת בלי לדעת קרוא וכתוב. במיוחד הצטיינה בגישתה היוצאת מהכלל לגבי לקוחותיה, אכרי הסביבה, אשר אהבו מאוד לקנות הכל, מה שניתן היה להשיג, בחנותה. היא הכירה את הקונים, ידעה מה שמתרחש אצל כל אחד, התעניינה בבעיותיו של כל אחד, ולא פעם גם שימשה להם כיועצת בענייניהם המשקיים והאישיים.

במיוחד היו ידיה מלאות עבודה בימי השוק. אז המתה חנותה מאכרים, אשר הגיעו לדווארט למכור את תוצרתם החקלאית ולהצטייד במצרכים הדרושים להם.

סבי סמך בענייני מסחר על סבתא רשקה. הוא היה יהודי עסוק מאד בעסקנות ציבורית. ייצג את יהודי עיירתו בקהילה וגם בעירייה. כל יום היה נוהג להשכים קום, הולך להתפלל ואחרי ארוחת בוקר הלך לקהילה או לעירייה לקבל יהודים, שהיו זקוקים לעזרתו. הוא היה מקובל מאד על הציבור, ולא פעם אפילו פולנים היו נעזרים בעצותיו.

הוא הקפיד על נקיון לבושו, בידעו שבהופעותיו הוא מייצג את הציבור היהודי. גם בבית היה מקבל ברצון אנשים שהיו זקוקים לו. הוא היה אדם צנוע, לא נתן לבאים אליו לחכות, קיבלם בסבר פנים יפות, בשקט ובשלווה. שמע לטיעוניהם, שקל כל מלה, לפני שאמרה, ועל כן היו באים אליו הרבה אנשים לבירורים ולייטב סכסוכים שונים. הוא טיפל בפונים אליו במסירות ובאהבה, והכל שלא על מנת לקבל פרס. כזה היה במשך שלושים שנה, והאוכלוסיה הדווארטאית, הן היהודים והן הפולנים העריכוהו מאד והוקירוהו.

על אודות סבא סיפרו לנו, לילדים, ההורים רבות, וכל פעם שנסענו לסבא לדווארט הרגשנו מאושרים.

עצם הנסיעה מטורק לדווארט היתה חווייה עצומה. קמנו בעוד לילה ויצאנו לדרך בעגלה שכורה. העגלה היתה רפודה קש, והישיבה בה לא נחשבה לנוחה ביותר. היינו תמיד יותר אנשים, משהעגלה יכלה להכיל, והצפיפות בה היתה גדולה. בכל זאת לא התאוננו אף פעם, והדרך היתה עוברת בעינינו במהירות, כי ציפינו בקוצר רוח לאותו הרגע הנפלא, כשנגיע לבית־סבא. בדרך עשינו חנייה בדוברה. נכנסנו שם לפונדק, לחלוץ

את עצמותינו, שכמעט שותקו והתאבנו מהנסיעה וגם שתינו תה, להתחמם במקצת, להתרענן ולאגור כוחות חדשים להמשך הנסיעה. אחרי ליל טלטולים סוף סוף הגענו לדוואַרט, שבורים ורצוצים, אבל מאושרים. בהיכנסנו לדוואַרט נתקלנו כבר ביהודים שמיהרו זה לשטיבל וזה לעיסוק שלו, והיות וכולם הכירונו, ברכונו בבוקר טוב ואיחלו לנו בילוי נעים בבית סבא.

בבית־סבא היתה תכונה רבה. כל הבית היה דרוך ומוכן לקבל את פני האורחים הרבים, שהגיעו מכל מיני מקומות וגם מלודז׳. כולם היו מבני משפחתנו, שהיתה ענפה מאוד; דודים ודודות, בני דודים ובנות דודים, אחיות, בני אחיות ובנותיהן וכו׳ וכו׳. המבוגרים הלכו להתפלל ואחרי כן הלכו לבית הקברות לבקר את קברה של רשקה, סבתנו האהובה. „סבתא" רייזל התייחסה אלינו כסבתא אמיתית וכאם אמיתית. היא קיבלה את האורחים בחמימות רבה, ממש קורנת משמחה למראה הקהל הרב. בבית היה אז מכל טוב, ש„סבתא" רייזל הכינה ביד נדיבה ובטוב טעם. ביילה, העוזרת השגיחה על הילדים, ואנו הילדים הקטנים, אהבנו אותה מאוד ולא פעם היינו נשארים בבית סבא לשבועיים, ובמיוחד בימי חופשת הקיץ. היינו מאושרים לטייל עם סבא, שידע לרתק אותנו, ממש, בסיפוריו המעניינים. הוא העניק לנו הרבה מתנות והכל מתוך אהבתו הגדולה אלינו. היו אלה רגעי אושר ואחרי כן ינקנו הרבה זמן כוח מפגישות אלה עם סבא. הוא היה עבורנו מעיין מים חיים, אשר הירווה את צמאוננו לדעת ולהרחיב את אופקינו.

ואם כי עברו כל כך הרבה שנים מאז, מדי היזכרי בימים ההם, הריני חיה מחדש את הימים המאושרים ההם, רואה לפני את הדמות האהובה עלי, שכל כך הרבה אנשים העריצוה, ובמלים ספורות אלה, שאני מקדישה לו בספר, הריני רוצה לשלם לו תשלום צנוע ביותר, על כל העושר הרוחני והאושר, אשר העניק לנו בית-סבא בימי ילדותנו. יהי זכרם של סבא ר׳ אליהו יוסף והדודה רייזל ברוך!

אבי, אברהם פת ז"ל קיים את מצוות כיבוד אב ואם במלוא מובן המצווה, ואחרי פטירתו של סבא זכתה הדודה רייזל, שקראנו לה „סבתא רייזל", וילדי ר׳ אליהו יוסף קראו לה „אמא", לאותו היחס של כבוד ואהבה.

בשנת 1923 עלתה משפחת אבי לישראל. המשפחה מנתה אחת עשרה נפשות, ומובן מאליו שלא מהדברים הקלים היה אז להסתדר עם משפחה גדולה כזאת בארץ. ואף על פי כן בראש דאגת אבי היתה הדודה רייזל, שעדיין נשארה בדוואַרט. סוף סוף השיג אבי עבורה סרטיפיקאט והיא עלתה ארצה. עלייתה של סבתא רייזל היה לאחד המאורעות החשובים בדוואַרט. לפני שהיא הגיעה אלינו קיים אבי ז"ל ישיבה משפחתית ואמר לנו: „ילדים, אני מבקש מכם כשהדודה רייזל אי"ה תגיע, אנא, תנו לה כבוד! היא היתה לי לאם במשך ארבעים שנה!"

וכשהיא הגיעה קיבלנוה בשמחה, באהבה ובהתרגשות רבה. הרבה דמעות שמחה הוזלו מעינינו. הדודה רייזל התרגשה במיוחד, כשניגשה אליה אמי ואמרה לה: „חמותי

הנכבדה והיקרה, אני מוסרת לך בזאת את מפתחות הארונות, ואת היי גם כאן בעלת־הבית, כמו שהיית בחוץ לארץ!"

לפי בקשתה איפשרנו לה לעבור לגור בירושלים, ושם היא גם נפטרה.

בעלי המנוח זוסיה מנדלבלט ואני הנצחנו את שמו של סבי בתתנו את שמו לבננו לבכור, שמחה שנולד ב־1924.

ומשפחתנו ממשיכה ללכת בדרך המפוארת אותה סללו סבא וסבתא, אבי ואמי ובעלי. יהי זכר כולם לברכה!

יצחק מרדכי ארזון

בית־ארזון

סבי ר' בער (דב) ארזון היה אחד מבעלי־הבתים המכובדים ביותר בדווארט. ביתו הגדול עם חנותו הגדולה, שהיום היו קוראים לה לבטח חנות „כל־בו" היה במרכז הרינק. בבית הענקי הזה (לפי הממדים דאז) גרו נוסף על משפחת סבי גם יוצאי חלציו של אביו ר' אברהם אליעזר.

ואם כי סבי ניהל עסק בממדים די גדולים (כמובן שסבתא היתה לו לעזר, אם לא יותר מזה), הרי מצא לו גם זמן פנוי לעסוק בצרכי ציבור (במשך שנים רבות היה חבר בהנהלת הקהילה) ולעזור לעניים ולכל מי שהיה זקוק לעזרה. לבית ארזון היו יכולים לבוא תמיד ולמצוא אוזן קשבת, לב טוב, יד נדיבה וכיס פתוח. עשרות סוחרים זעירים התקיימו אך ורק הודות לעזרתו. אצל ר' בער ארזון היו „חוטפים" הלוואה — „גמילות חסד" (כמובן ללא רבית) בתשלומים נוחים, לפני הנסיעה העירה (ללודז') לקנות סחורה או לפני השוק, ואחרי כן כשאותו סוחר הצליח ביום השוק, היה בא לר' בער מאושר ומחזיר לו את ההלוואה בפנים קורנות ובאלפי ברכות. ואם חו"ח היה קורה, שביום שוק זה או אחר לא היה מרוויח, הרי ידע המסכן שר' בער לא יתלה אותו ויחכה בסבלנות להזדמנות הבאה. וכמה פעמים היה סבי נותן נדבות ל„יורדים" בסבר־פנים יפות ובאדיבות, כאילו היה עושה עיסקה עם איזה „פריץ" עשיר, ומסיים את השיחה בלחיצת יד ובמלה טובה „תחזירו לי אי"ה 'כשירחיב', ואין אני לוחץ עליכם חו"ח, ושהקדוש ברוך הוא ישלח ברכה בכל מעשה ידיכם!" כלה ענייה, כי תעמוד לפני חתונתה מיואשת, היות ואין לה אמצעים להתחתן, ידעה, שברגע האחרון יימצא לה גואל בביתו של רבי בער, שיתמוך בה, והכל על מקומו יבוא בשלום.

תמיד אכלו על שולחן סבא, נוסף על בני משפחתו הענפה, גם עניים שונים וכל

מיני אורחים שנזדמנו באותו יום לדווארט, וכך קיים סבי ז״ל את מאמר חז״ל במלואו „ויהיו עניים בני ביתך!״

אין פלא, אם כן, שבבית זה, לא ידענו עצב מהו. תמיד המה הבית אנשים, תמיד נשמעו דברי־עידוד מצד אחד ומאידך — דברי תודה וברכה. יבבית כזה גדלנו אנו, יוצאי חלציו של סבא גדול, יקר וחביב זה.

סבי היה חסיד סוכטשובי, אבל בחגים, כגון ב„שמחת־תורה״ ובכל מיני שמחות, שהיו בעיירה, הלך לבית־הכנסת הגדול להתפלל. הוא כיבד מאד את הרב לסקובסקי זצ״ל ונהנה מאד להתפלל יחד עם כל הקהל המגוון. הוא אהב לשמוע חזן טוב, ובשבתות כשהיה מבקר בעיירתנו חזן, היה בא להתפלל לבית־הכנסת, ואם החזן היה זקוק לתמיכה, היה תומך בו ומעודדו לבקר שוב בדווארט.

לסבי, ר׳ בער ארזון היו שני בנים ושתי בנות. אבי ר׳ לייבל ארזון היה הבן הבכור. אחרי הנישואים עם חנה גיטל לפשיץ עבר לגור בעיר הסמוכה לדווארט, לבלאשקי. אבי היה סוחר עצים לבנין. להורי היו שבעה בנים, ואני הייתי האמצעי. אבי ז״ל שלחני ללמוד בדווארט אצל הרב לסקובסקי ואצל חתנו ר׳ חיים משה לבנטל, שהיה תלמיד־חכם גדול, יושב ולומד תורה יומם ולילה עם בחורים צעירים מדווארט וגם מחוצה לה. בשנה האחרונה לפני המלחמה למדתי אצלו בבית־המדרש מסכת יומא על אודות יום־הכיפורים משעה עשר בבוקר עד שעה שתיים אחרי הצהריים. היה זה שיעור עמוק עם כל הפירושים. ר׳ חיים משה לבנטל התפרנס ממכירת כרטיסי־פיס. עיסוק זה לא דרש ממנו הרבה זמן, וכך יכול היה להקדיש את רוב זמנו הפנוי ללמד צעירים, שנפשם חשקה בלימוד התורה בלי כל תשלום. למדתי גם אצל גיסו, בן הרב, הבחור אליעזר לסקובסקי, שנשא לאשה את בתו של הרב פרומר, מנהלה הרוחני של ישיבת „חכמי־לובלין״. כמובן שאכלתי וישנתי בבית סבא שלי ר׳ בער ארזון, שנקרא על ידי הרבה יהודים בעיר הדוד ר׳ בער (דער פעטער ר׳ בער), כי הוא ראה בכל יהודי קרוב לו, ואם במצוקה הוא, הרי צריך לעזור לו.

עם פרוץ מלחמת העולם השניה, כשהתחילה בהלת הבריחה מדווארט, נשאר סבי בביתו. הוא לא זז ממקומו מסיבות שונות; אין לברוח מפני הגורל, הקב״ה נמצא בכל מקום. סבתא, לאה, היתה אשה חולנית, משותקת במקצת והיה צריך לעזור לה ברצותה ללכת. וכך, כשהגרמנים נכנסו לעיר, נמצאו סבא וסבתא במרתף הגדול של ביתם. אבל דווקא ביתם, שהיה אחד היפים והגדולים בעיירה, היה לאחת המטרות הראשונות של הגרמנים, בשפכם את חמתם הראשונה על העיירה ועל יהודיה. הבית נשרף ובנס הצליחו סבא וסבתא להימלט מהלהבות, כשכל רכושם שהיה טמון במרתף הלך לטמיון.

סבא וסבתא עברו לגור לאגף השני של ביתם, אשר ניצל ועמד בצד השני של הככר על יד ביתו של רפאל נפרסטק. לאט לאט התחילו הבורחים לחזור לדווארט. רבים מהם כבר לא מצאו את בתיהם ואת רכושם, כי הבתים נשרפו ורכושם נשדד. וגם עכשיו עזר סבא לרבים ככל שידו השיגה.

גם בבלאשקי אחזה הבהלה את רוב היהודים, שברחו, ופניהם מועדים מזרחה אל הנהר בוג. שני אחי, סנדר ופנחס ז״ל ואני ברחנו לדווארט, לסבא, אותו ראינו כסלע איתן וביתו כמבצר בטוח, ששום דבר רע לא יפגע בהם. ישנתי אצל דודי ר׳ לייבוש מורגנשטרן, שהיה לו אז רק חדר אחד ובו הצטופפו הוא ובני ביתו ועוד יהודים, שנשארו ללא קורת גג.

אחי הערשל, יחיאל ושמואל מנחם ברחו מזרחה וגרו בעיר לושיץ אצל שוחט העיר. שם הם נמצאו עד חיסול האוכלוסייה היהודית שם, ועם כולם גם הם נספו. זה היה בשנת 1942.

ובינתיים המצב בדווארט, כמו ביתר ערי פולין, הלך ונעשה רע מיום ליום. היהודים נאלצו לעבור לרובע מיוחד, לגיטו. הצפיפות היתה גדולה מאד והדלות, העוני והפחד השתלטו על הרחוב היהודי. על היהודים היה לעבוד מהבוקר עד הערב בעבודות פרך שונות כגון לנקות את העיר מהריסותיה, בעבודות בנייה וכו׳. בזמן העבודה היו גם מתעללים בהם ולועגים להם ולמזלם. יום יום והצרות האופייניות לו, יום יום וגזירה וקללה חדשות לבקרים. והנה הגיע גם היום הנורא, בו נתלו עשרת קדושי דווארט עם הרב הצדיק ר׳ לסקובסקי ובנו, הבחור הנפלא ישראל צבי בראש.

אותי חטפו וביחד עם עוד צעירים שלחוני לתחנת הרכבת בשיראדז, כדי משם להישלח לכל מיני מחנות עבודה בסביבת פוזן (סלילת כביש מפואר פוזן—לודז׳). זה היה בליל שבת. בלילה ברחנו אני ועוד אחדים מהרכבת. אחרי הרפתקאות, בהולים ומפוחדים, רעבים ורועדים באפיסת הכוחות הגענו איכשהו לדווארט איש איש לביתו. היינו בפחד מתמיד ככתוב ב„תוכחה״: „בערב תאמר מי יתן בקר, ובבקר תאמר מי יתן ערב מפחד לבבך אשר תפחד וממראה עיניך אשר תראה״.

דער יום־טובדיקער מעריב האָט זיך געענדיקט. מען דריקט זיך די הענט, מען ווינטשט אײנער דעם צווײטן אַ פרײלעכן כשרן יום־טוב. און מען גײט מיט שמחה אַהײם פּראַווען דעם סדר. און כאָטש אַלץ איז געווען ווי פאַראַיאָרן, דאָך זעט אַלץ אויס אין אונזערע אויגן ווי דאָס קומט פאַר דאָס ערשטע מאָל אין אונזער לעבן. דער קלענסטער ברודערל פרעגט די פיר קושיות און די איבעריקע ענטפערן אים מיט דעם באַקאַנטן ניגון „עבדים היינו במצרים״. מיר באַטײליקן זיך אַלע אין זאָגן די „הגדה״ און אין זינגען. מיר ווערן גיך מיד, און דאָך סטאַרן מיר זיך צו האַלטן זיך. אָבער נאָכן עסן שעפּן זיך אויס אונזערע קינדישע כוחות און מען שלאָפט אײַן. די זיסע אַנגענעמע חלומות זענען אַ נאַטירלעכער המשך פון אונזערע איבערלעבענישן די לעצטע שעהן. מיט אַ הײליקן ציטער ווערן געזאָגט די ווערטער „שפוך חמתך על הגויים״. מען עפנט די טיר פאַר אליהו הנביא, זכור לטוב. מען כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, אָדער מען וועקט אונז אויף. און מיר אַלע ווענדן אָן אונזערע בליקן אין ריכטונג פון דער טיר. און פון טיר צום כוס — אפשר וועלן מיר באַמערקן עפּעס... און ווען די אויבער־פלעכע פון ווײַן אין אליהו הנביא׳ס כוס גיט זיך אַביסל אַריר (וואַרשײנלעך האָט עמיצער אַ ריר געגעבן דעם טיש) האָבן אונזערע קינדערישע אויגן זיך אָנגעצונדן מיט אַ פײַערל פון שמחה און התלהבות... אַוודאי טרינקט איצט אליהו הנביא פון זײַן בעכער בײַ אונז אין שטוב. (דאָס גאַנצע ווײַן קען ער דאָך סײַ ווי סײַ נישט אויס־טרינקען, ער האָט דאָך אַזויפיל אַרבעט צו באַזוכן אַלע יידישע הײַזער — עפּעס אַ קלײניקײט!)

מיט דער צײַט, ווען מיר זענען עלטער געוואָרן און שוין אַביסעלע מער פאַר־

שטאַנען דעם זין פון „שפוך חמתך על הגויים״, האָבן מיר ביי דער דאָזיקער סדר־נאַכט געשטאַרקט אונזער האָפנונג, אַז די יידישע שונאים וועלן באַקומען באַצאָלט פאַר זייער אכזריות כלפי אונזער פאָלק און אַז סוף סוף וועט קומען די אויסלעזונג און מיר וועלן זיך אומקערן צו זיך אַהיים, אין די הייליקע לאַנד און וועלן באַנייען אונזער זעלבסט־שטענדיקייט. און ווען די ציונסיטישע באַוועגונג האָט אַריינגעדרונגען צו אונז אין שטעטעלע, אַזוי ווי אין אַלע אַנדע־ע שטעטעלעך און שטעט אין גלות, און מיר קינדער זענען געוואָרן דערוואַקסענע, טיכטיקע חברים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט זיך נאָך פיל מער באַרייכערט דער אינהאַלט פון דעם גרויסן יום־טוב. די פאַרגאַנגענהייט, די קעגנוואַרט און די האָפנונג אין אַ גוטע צוקונפט, זענען געוואָרן אין אונזער פאַנטאַזיע איין גאַנצהייט. מיר האָבן געזונגען מיט התלהבות ציוניסטישע לידער „אל בנה!״ „לשנה הבאה״, און דער געזאַנג איז געווען ווי אַן אויפרוף צו זעלבסט פאַר־ווירקלעכונג, צו גיין אויף הכשרה און נאַכער עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

ל״ג בעומר

די „ספירה״־טעג האָבן אויף אונז אַרויפגעוואָרפן אַ מרה־שחורה׳דיקע שטימונג. די לעגענדעס וועגן דער שרעקלעכער מגיפה פון ר׳ עקיבא׳ס תלמידים האָבן אויפ־געוועקט פאַרשיידענע פראַגעס. פאַרוואָס האָבן געדאַרפט אַזעלכע טייערע בחורים, דעם גרויסן תנא׳ס תלמידים, אַזוי פיל ליידן? פאַרוואָס קומט דאָס זיי? מיט וואָס האָבן זיי זיך אַזוי שטאַרק פאַרזינדיקט אין גאָטס אויגן?

אין ל״ג בעומר, אין טאָג, אין וועלכן די מגיפה האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן מיר ברייט אָפגעאָטעמט, ווי אַ נייע נשמה וואָלט אין אונז אַריין.

דער ל״ג בעומר האָט זיך שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון. ווען מיר זענען נאָך געווען קליינע קינדער, זענען מיר אַרויס אויף אויספלוגן צוזאַמען מיטן רבין אויסערן שטעטל, און מיר האָבן פאַרבראַכט עטלעכע שעהן אין שייס פון מוטער־נאַטור. דער רבי האָט אונז דערציילט פאַרשיידענע דערציילונגען און לעגענדעס, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דעם טאָג. מיר האָבן געגעסן צוזאַמען, געפראַוועט אַ בשותפותדיקע סעודה, כאָטש יעדער איינציקער האָט מיט זיך געבראַכט זיין עסן. דעם געבראַכטן עסן האָט מען קאָנצענטרירט אין איין פּלאַץ און דער רבי האָט אַליין צעטיילט גלייך אַלע קינדער אָן שום אויסנאַם, רייך אָדער אָרעם. פאַרשטייט זיך אַז אַ געברוינטע איי האָט יעדער באַקומען. די אייער האָבן די מאַמעס פריער צוגעגרייט, זיי אויפגעקאָכט מיט שאָלעכץ פון ציבעלע, און פון דעם האָבן זיי באַקומען דעם שיינעם קאָליר. מיר זענען אַרויס אויפן ל״ג בעומר־אויספלוג מיט פייל און בויגן, וועלכע מיר האָבן אַליין געמאַכט מיטן הילף, נישט איינמאָל פון רבין אַליין. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ זכר פאַר ר׳ עקיבא׳ס תלמידים, וועלכע האָבן זיך אין יענער צייט געאיבט און געמאַכט הכנות צו קעמפן קעגן די רוימער. און ווען די ציוניסטישע באַוועגונג האָט

באַהערשט די יידישע גאַס, האָט זיך פאַרוואַנדלט ל״ג בעומר אין אַן אימפּאָזאַנטן ספּאָרט־טאָג. די יידישע יינגלעך און מיידלעך האָבן מאַרשירט אונטער זייערע פענער אין קלאַנג פון טויפן. אויך די פוילישע באַפעלקערונג האָט זיך צוגעקוקט דעם שיינעם פאַראַד פון די יידישע יוגנטלעכע.

אַזוי אַרום איז ל״ג בעומר געוואָרן אַ טאָג פון ציוניסטישער, נאַציאָנאַלער אויפ־וועקונג. מען האָט זיך געפילט פריילעך, מונטער, און דאָס וויכטיקסטע — געאייניקט מיט דעם איינציקן געדאַנק — דער געדאַנק פון גאולה.



„החלוץ המרכזי״ צוזאַמען מיטן סניף „הנוער הציוני״ אין ל״ג־בעומר־אויספלוג

די דריי וואָכן

די „דריי וואָכן״, די טעג צווישן שבעה־עשר בתמוז און תשעה־באב, זענען געווען שווערע טעג, טעג פון אומעט און טרויער.

און וואָס קען דען זיין ערגער — אַז די היץ איז גרויס, און מען טאָר זיך נישט, אַפילו, איינטונקען אין די קילע, דערפרישנדע וואַסערן פון שטראָמיקן טייך וואַרטא?!

תשעה באב

עס איז פאַרבאָטן צו עסן פלייש, צו פּ־ייען זיך, שערן זיך אאַ״וו. צום קולמי־נאַציאָנספונקט איז דערגאַנגען דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער טרויער אין תשעה־באב, אין דעם שרעקלעכן היסטאָרישן טאָג, אין וועלכן עס האָבן געשען אַזעלכע טראַגישע

געשעענישן ווי דער חורבן פון ערשטן און צווייטן בית המקדש, דער חורבן פון ביתר, גלות ספרד (שפּאַניען) און נאָך פיל אַנדערע.

די יידן זענען אַרומגעגאַנגען אַזוי ווי חו״ח מתים וואָלטן געווען אין זייערע הייזער. מען איז געגאַנגען אין שול, אין בית־המדרש און אין די שטיבלעך צו קינות, מען איז געזעסן אויף טאַבאַרעטן, פּיסבענקלעך אָדער אויף אומגעקערטע בענק אָן שיך, אין קאַלאָשן אָדער זאָגאַר אין זאָקן, אַזוי ווי מען זיצט, חס ושלום, „שבעה״.

דער בעל־קריאה ר׳ אהרון יואל פּאַקענטרעגער, דער שמש, זאָגט די קינות מיט דעם ספּעציפישן „איכה״־ניגון און אַלע קרעכצן מיט צעבראָכענע הערצער. פאַר די ווייבער זאָגט מרדכי טורקערס פרוי (די ביינטע) „מגילת איכה״ פון „צאינה וראינה״, און ימען טרערן ווערן פאַרגאָסן.

אין תשעה־באב ביי תפילת־שחרית דאַווענט מען אָן אַ טלית און אָן תפילין, ווייל תפילין און טלית זענען געגליכן צו שמוק און פּראַכט־בגד, און צי פּאַסט דען אין אַ טאָג, אין וועלכן דער רבונו של עולם טרויערט בכבודו ובעצמו, אַז מיר, „אויף דער וועלטל״ זאָלן זיך אָנטאָן אין צירונג און פּראַכט־לבוש?!

פיל יידן בלייבן אויך נאָך דעם דאַווענען אין שול, אין בית־מדרש אָדער אין שטיבל. זיי זאָגן תהילים אָדער פאַרטיפן זיך אין לייענען די לעגענדעס פון חורבן.

איבערהויפּט „לעבט אויף״ אין דעם טאָג דער בית־עלמין. מאַסן יידן שטראָמען אַהין. זיי גייען זיך אויסציען אויף די קברים פון זייערע נאָענטסטע און בעטן אַז זיי זאָלן זיך מיען און בעטן פאַר זייערע קרובים און פאַר כל עם ישראל.

און דאָך איז אין תשעה באב געווען אויך אַ מעגלעכקייט פאַר פאַרשיידענע שטי־פעריייען. מען האָט געוואָרפן די אַזוי גערופענע „בערעלעך״ — שטעכעלקעס איינער אויפן צווייטן און אויך אויף עלטערע מענטשן און זאָגאַר אויך אויף פרויען. זיי האָבן זיך אָנגעקלעפּט מיט זייערע שטעכלדיקע און קלעפּיקע הערעלעך אָן די בגדים אָדער אָן די בערד און האָר, און נאָכער האָט מען זיך קוים פון זיי געקאָנט באַפרייען.

נישט איינמאָל האָב איך זיך אַליין געפרעגט: ווי קומט עס, אַז אין אַזאַ טרויער־טאָג זאָל אויך ליגן אין קאָפּ צו שטיפן און מאַכן זיך אַזוי נאַריש?

און עס דוכט זיך מיר אַז דער ענטפער אויף דער פראַגע קען זיין אין צוויי ריכטונגען.

אין טאָג פון חורבן איז דאָך, ווי מען גלויבט, געבאָרן געוואָרן אונזער אויסלייזער און מיט אים אויך די האָפנונג, אַז אַ מאָל וועט דאָך אַ סוף נעמען צו אונזערע צרות. און דאָס איז וואַרשיינלעך איינע פון די סיבות פאַר דעם אָט אַלטן מנהג, נישט צו שטערן די קינדער און די יונגוואַרג אויך אַביסל צו שטיפן און מאַכן זיך נאַריש אין תשעה־באב.

עס איז אויך מעגלעך אַז די סיבה פון דעם מנהג איז באַזירט אויף מקיים זיין דעם פסוק „הייתי שחוק לכל עמי״ („איכה״ ג׳ 14) — און אָט די אויפפירונג פון

יינגערע כלפי עלטערע איז מער נישט ווי איין אויסדרוק פון לייכטזיניקער און גרינג־שעצנדיקער באַציאונג צו זיי, פון אָפּשפּאָטן און באַליידיקן, לויט ווי דער פּסוק פון „איכה" זאָגט.

און אַזוי ווי אַלץ — גייט אויך דער תשעה־באב פאַרביי. עס קומען אָן טעג, אין וועלכע מען אָטעמט אָפּ אַביסל פרייער און מען קען נאָך אַ כאַפּ טאָן אַביסל הנאה פון „עולם הזה" און געניסן פון די לעצטע זומער טעג; ווי באָדן זיך אין טייך אאז"וו. די ברעגן פון טייך און ביי די בריקן ווערן צוריק „לעבעדיק".

די הכנות צו „ימים נוראים"

אָבער די דאָזיקע „גוטע" טעג האַלטן נישט אָן לאַנג. די הימלען הויבן זיך אָן מער און מער צו פאַרכמאַרן, קילע ווינטן הויבן אָן צו בלאָזן, עס הייבט אָן צו רעגנען, וואָס אַ מאָל שטאַרקער, און מיט די אָ ענדערונגען אין נאַטור קומען אויך פאָר ענדערונגען אין דעם געדאַנק־גאַנג פון יידן. מען דאַרף שוין מאַכן די הכנות צו די „ימים נוראים" סיי אין גייסטיקן און סיי אין מאַטעריעלן זין פון וואָרט, מען דאַרף זיך צוגרייטן צום שווערן פוילישן ווינטער, וועלכער איז שוין גאָר נאָענט און צום „יום־הדין".

מען גרייט צו האָלץ צום הייצן אויף ווינטער, קאַרטאָפל, בורעקעס, מען פאַרזייערט קרויט, מען זאַלצט איין אוגערקעס, מ'פרעגלט פאַרשיידענע וואַרעניעס כדי אויסצוניצן די שפע פון פרוכט, מען פאַריכט אין די הייזער, וואָס מען מוז פאַריכטן צום ווינטער, מ'פאַרלאַטעט די ווינטער בגדים, און ווער עס קען זיך דערלויבן, קויפט זיך, פאַרשטענדלעך נייע ווינטער־זאַכן, און נייע שטיוול אָדער וואָליקעס.


דער חזן פון דוואָרט, ר' יונה דער שוחט, גרייט זיך שוין אויך צו די „ימים נוראים".

ער אָרגאַניזירט זיינע „משוררים", יונגע קינדער מיט פיינע קעלכעלעך, איבט זיי איין און איז שטאַרק מקפיד, אַז ווען ס'וועט קומען דער הייליקער מאָמענט פון רעפּרעזענטירן „עמך ישראל" פאַרן רבונו של עולם, ער אַלס שליח־ציבור און זיי, די משוררים אַלס זיינע מיטהעלפער, זאָל מען זיך, חס וחלילה, נישט דאַרפן פאַרשעמען.

ר' יונה דער שוחט איז געווען זייער אַן איידעלער מענטש און מקובל אויף אַלע. ער איז געווען אַ בעל־תורה און אַ בעל הדרת־פנים.

אויך דאָס שופר־בלאָזן הערט זיך יעדן טאָג אין חודש אלול. הכנות צו ראש השנה און צום שלוס פון יום־הדין.

אָט קומען שוין אָן אויך די סליחות־נעכט. יידן גייען מיט זייערע קינדער צו סליחות. ביי היינט צוטאָג, ווען איך דערמאָן מיך אָן יענע סליחות נעכט נעמט מיר אַדורך אַ הייליקער ציטער. און אַלס קינד, האָט זיך מיר נישט איינמאָל אויסגעדוכט אַז צוזאַמען מיט אונז יידן זאָגט אויך די גאַנצע נאַטור „סליחות" — און אויב אַזוי,



השמש ר׳ יוסף שוטון ז״ל
(דער זיידע פון חנן שוטון)

ווי איז דען מעגלעך אַז דער רבונו של עולם זאָל נישט מוחל זיין אונז אַלע פאַר די זינד, וועלכע מען האָט אַ גאַנץ יאָר געזינדיקט, על פי רוב בשגגה.

עלטערע יידן האָבן אויך דערציילט, אַז אין זייערע צייטן איז אין די סליחות־נעכט אַרומגעגאַנגען דער שמש און געקלאַפּט אין די לאָדנס פון די יידישע הייזער און גערופן: „יידן, שטייט אויף צו סליחות!" — און דאָבײַ אַליין געציטערט ווי אַ בלאַט אין האַרבסט.

מוצאי־שבת פאַר ראש־השנה, אין נאַכט פון „זכור ברית" האָט ר' יונה (טאובה) בכבודו ובעצמו געזאָגט סליחות — אַ מין גענעראַל־פּראָבע צו דעם דאַוונען ראש־השנה.

יום־כיפור

נאָך ראש־השנה ווערט די אַטמאָספער אין יידישן שטעטעלע נאָך מער אָנגעשטרענגט. עס איז נישט צו פאַרגלײַכן ראש־השנה מיט יום־כיפור. ראש־השנה טראָגט דאָך אַ כאַראַקטער פון אַ יום־טוב, און טיילווייז אַ פריילעכן. מען מאַכט אין אים אַ „שהחיינו" אויף פאַרשיידענע פרוכטן. אָבער גאַנץ אַנדערש איז אין יום־כיפור.

שוין ערב יום־כיפור, נאָך די מאָרגן־שעהן, פילט מען אין גאַס דעם יום־כיפור. אַלע יידישע געשעפטן זענען געשלאָסן, און אַזוי ווי קיין גויישע זענען, כמעט, ווי נישט געווען אין דוואָרט, האָט דוואָ־ט ממש גערוט.

אַרום דריי נאָך מיטאָג איז מען געגאַנגען אין שול. איין עפּיזאָד פון ערב יום־כיפור האָט זיך מיר שטאַרק איינגעקריצט אין זיכרון: דער רב פון שטאָט, ר' מאיר דן ליגט אויסגעצויגן אויפן ביינקל און דער שמש האָט אים געשמיסן. מיר קינדער זענען גע־שטאַנען ווי פאַרבליפט. סטייטש ווי לאָזט זיך דער רב פון אַ שמש שמייסן?!

אַז דער „רבי" אין „חדר" דאַרף איינעם פון אונז שמייסן, קומט עס אים אָן מיט גרינע ווערים — מיר אַמפּערן זיך מיט אים, מען קאַפּעט אים מיט די פיס, מען שרייט, מען לאַרמט — און מען דאַ־ף דאָך אויך נישט פאַרגעסן ווער זענען מיר אַנטקעגן אונזער „רבין" — און דאָ דערלויבט זיך דער שמש צו שמייסן דעם גרויסן, באַרימטן ר' מאיר דן בפרהסיה אין שול? ניין! דאָס איז געווען פאַר אונזערע קינדערישע מוחות'לעך שווער צו באַגרייפן.

ערשט שפּעטער האָבן מיר פאַרשטאַנען די גרויסקייט פון אונזער רב, וואָס האָט מיט זיין באַקומען „פערציק שמיץ אָן איינעם" (לויטן דין) פון שמש, געדינט אַלס מוסטער פאַר אַלע יידן אין שטעטל, אַז מען דאַרף ערב יום־כיפור איינברעכן אין זיך די גאווה, זיין נאָכגיביק און הכנעה'דיק, און זיין גרייט צום איבערבעטן איינער דעם צווייטן און מוחל זיין דעם וואָס האָט דיך פאַרשעמט, באַליידיקט אָדער באַעוולה'ט.

כל נדרי

די שול איז פול. עס קומט אָן די הייליקסטע רגע, אין וועלכן אַלע מתפללים זענען

ווי איין גוף מיט איין האַרץ און איין נשמה און אַדורכגעדרונגען מיט איין ווונטש, אַז ג׳ זאָל מוחל זיין זיין פאָלק פאַר זיינע זינד און געבן אַ גוטן און געזונטן יאָר. מען האָט שוין אָפּגעזאָגט שטילערהייט די „תפילה זכה״. אַלע איינגעהילט אין זייערע ווייסע קיטלען קוקן אין איין פונקט אויף דעם אַלמעמער. ר׳ יונה שוחט איז שוין אויך גרייט ביי זיין „תבה״. מיט אַ מאָל דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיש. די שטילקייט ווערט נאָך מער שטילער, מען רירט זיך נישט, ממש. דער רב מיט צוויי אָנגעזעענע בעלי־בתים זאָגן מיט אַ ציטערדיקן קול: „על דעת המקום ועל דעת הקהל...״ און „כל נדרי״ הויבט זיך אָן. ר׳ יונה מיט זיינע „משוררים״לעך טרעלן יעדעס וואָרט מיט זייערע זיסע שטימעס, און מיר אַלע האָבן דערפון שטאַרק הנאה. איך געדענק, ווי היינט, ווי איך בין געשטאַנען צוגעטוליעט צום טאַטן ז״ל. זייער איבערראַשט, און הערנדיק די מאָדנע, שווערע ווערטער אַזוי צאַרט און געשמאַק אַרויסגעזאָגט און אַרויסגעזונגען פון אונזער חזן מיט זיינע העלפער, בין איך געווען זיכער און פול מיט בטחון, אַז דער רבונו של עולם וועט אונז אי״ה מוחל זיין און געבן אַ גוטן און גליקלעכן יאָר.

אַזעלכע מאָמענטן ווי דעם סדר פּראַוון, כל נדרי, נעילה און נאָכער דאָס „מחדש זיין די לבנה״ אויפן הויף פון שול, די הבדלה אין שטוב און גלייך נאָכן אָפּפאַסטן זיך אַרויסגיין מיטן טאַטן אויפן הויף און אָנהויבן מיטן בויען די סוכה, מיטן סימבאָלישן אַריינשטעקן דאָס פלעקל אין דער ערד, כדי מקיים צו זיין די נייע מצווה פון בויען אַ סוכה גלייך נאָך דעם ווי מיר האָבן מקיים געווען מיט אייניקע מינוטן צוריק אַנדערע מצוות — ווער קען אָפּשאַצן אָט די גרויסע רוחניעסדיקע אוצרות, וועלכע האָבן אונזער פאָלק פאַרהיטן אין משך פון צווייטויזנטיאָריקן גלות פון אונטערגאַנג.

און וויפל פרייד האָבן מיר קינדער געהאַט סוכות־צייט. אָבער ספּעציעל פריילעך איז געווען אין חול־המועד סוכות. אין די גאַסן האָט מען געקאָנט גאַנץ אָפט באַמערקן נייע פּנימער, געסט, וועלכע זענען געקומען באַזוכן זייערע קרובים אין דוואָרט. און וואָס אַם וויכטיקסטן — דאַן זענען פאָרגעקומען די מערהייט „זעעכצער״, עס זענען געמאַכט געוואָרן שידוכים, מען האָט געטרונקען „לחיים!״ און מזל־טוב ווונטשן האָבן זיך געהערט אין פיל הייזער.

אומפאַרגעסלעך זענען אויך די איבריקע ימים טובים ווי שבועות, חנוכה און פּורים.

ביי דער געלעגנהייט ווען מיר דערציילן וועגן יידישע ימים־טובים און פייערונגען איז אויך כדאי צו דערמאָנען „חמישה עשר בשבט״, וועלכער איז אין פיל הינזיכטן געווען אַ וויכטיקער רינג אין דער גרויסער קייט פון נאַציאָנאַלע יידישע פייערונגען ווי ל״ג בעומר און חנוכה. אויך דער טאָג איז אַדורך אין גלות פיל גלגולים. פון אָנפאַנג אַלס אַטאָג, אין וועלכן מ׳זאָגט נישט אין דאַווענען „תחנון״, און מען מוז מאַכן אַחוץ דער געוויינלעכער ברכהביים עסן אויך „שהחיינו״, און עסן דאַרף מען נישט סתם פרוכטן נאָר דווקא אַזעלכע וואָס וואַקסן אין ארץ־ישראל. אָבער מיט דער צייט, מיטן אַריינדרינגען פון דעם ציוניסטישן גייסט אין די יידישע הייזער, ווערט דער דאָזיקער

טאָג פֿאַרוואַנדלט בלויז אין אַ גרויסן נאַציאָנאַלן פייערלעכן יום־טוב. די יוגנט האָט אין דעם טאָג געהאַט אַ גרויסן פעלד זיך אויסצוצייכנען אין זייער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און גלייכצייטיק אויך פיל מעגלעכקייטן צו אַרויסטרעטן מיט געזאַנג, טענץ און מיט פֿאַרשיידענע פֿאַרשטעלונגען און אימפּרעזן און זעלבסט פֿאַרשטענדלעך מיט אַ גראַנדיעזע אַקציע לטובת קרן־הקיימת לישראל.

דאָס גאַנצע אַרט לעבן אין גלות האָט טראָץ אַלע שוועריקייטן, באַגרענצונגען און ליידן געגעבן דעם יידן אַ ברייטע מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן אַ טיכטיקן און אינטערעספולן לעבן. די שבתים און ימים־טובים, פון איין זייט, און די פֿאַמיליען שמחות ווי חתונות, בריתן, בר־מצווה אאז״וו, פון צווייטן זייט, האָבן געהאַט אין זיך אַ גענוג רייכן מאַטעריעלן און גייסטיקן אינהאַלט צו קענען דערהאַלטן דאָס יידיש פֿאָלק אַזוי פיל יאָרן אין גלות געזונט און פריש, פול מיט מוט, לעבנס־ווילן און האָפנונג אין אַ בעסערן מאָרגן.

מיכאל שייניאַק

בענדיט פייערמאַן

די יידישע באַפעלקערונג אין די פוילישע שטעטלעך אין סוף פון ניינצנטן און אין די ערשטע צענדליק יאָרן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז באַשטאַנען פון צוויי געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען: חסידים און מתנגדים.

און טראָץ דעם, וואָס ביים ערשטן אויגנבליק טראָגט די דאָזיקע שאַטירונג אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, האָט זי דאָך אויך געזעלשאַפטלעכע און עקאָנאָמישע וואָרצלען.

*

די חסידים אין דוואָרט זענען געווען מערסטנטיילס סוחרים אין אַ גרעסערן אָדער קלענערן מאַסשטאַב. די עקאָנאָמישע לאַגע פון די חסידים איז געווען פיל מער באַזירט פון די מתנגדים. גאַנץ מעגלעך אַז די אחדות און דאָס חסידישע אויפלעבן זיך האָט דערצו מיטגעבראַכט. די חסידים פון איין רבין זענען געווען ווי איין גרויסע משפחה, און איינער האָט געשטיצט דעם אַנדערן.

די גערער, סאָכאַטשעווער און אַלעכסאַנדער חסידים האָבן געגעבן דעם הויפּטטאָן אין יידישן דוואָרט.

זייער לעבן איז געווען פול מיט אינטערעס און אינהאַלט. אַ דאַנק די שטיבלעך

און אַ דאַנק דעם עולה־רגל זיין צום רבין אויף ימים־טובים און ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, האָבן די חסידים זיך געפילט תמיד פאַראייניקט, און לעת־צרה האָט מען געהאָט מיט וועמען זיך צו ישוב'ן און פון וועמען צו באַקומען די נויטיקע הילף.

אין די חסידישע הענט האָט זיך קאָנצענטרירט די קליין אינדוסטריע פון אַמאָ־ליקן דוואָרט ווי צום ביישפיל: גילזן־פאַבריק, גאַרבעריי, פאַפּע אויסאַרבייטונג, זייף־פאַבריק, זעלצער־זאַוואָד אא"וו.

דוואָרט האָט אויך פאַרמאָגט אַ גרויסן יידישן גוט־באַזיצער, ר' בענדיט פייער־מאַן, וועלכער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע גערער חסידים.

זיין הדרת־פּנימדיקער געשטאַלט שטייט עד היום פאַר מיינע אויגן ווי לעבעדיק. ר' פייערמאַן האָט זיך דערוואָרבן פיל כבוד סיי ביי יידן און סיי ביי פּוילן אַ דאַנק זיין אָרענטלעכקייט און אַ דאַנק זיין בכבודיקן אויפפירן זיך.

זיין גרויס עשירות איז באַשטאַנען פון אַ ריזן גוט אין אומגעבונג פון דוואָרט, אַ טראַפּיאַרניע, שפייכלער פון תבואה און פאַרשיידענע אַנדערע גרויסע אונטער־נעמונגען. ער האָט אויך געהאַט די אַגענץ פון דער צוקראַוווניע אויף דוואָרט און איר סביבה.

זיין הויז אין דוואָרט איז געווען דאָס שענסטע הויז, ממש ווי אַ פּריצישער פּאַלאַץ.

די פּריצים האָבן צו אים געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי און האָבן מיט אים זייער גערן געפירט זייערע געשעפטן. אייניקע פון זיי זענען געווען, זאָגאַר, שטאַרק אָפּהענגיק פון אים. ווי באַקאַנט האָבן די פּריצים געפירט אַ לוקסוס־לעבן און גאַנץ ווייניק זיך גערעכנט מיט זייערע מאַטעריעלישע רעאַלע מעגלעכקייטן. די מערהייט פּריצים זענען געווען געצוווּנגען אָנקומען צו הלוואות כדי צו קענען אַדורכקומען די צייט ביז מען וועט אַראָפּנעמען די תבואות פון די פעלדער און די פּרוכט פון די ביימער.

בענק, אין יענע צייטן, זענען נישט געווען אַזוי אָנגענומען ווי היינט, און דעריבער איז זיי געווען אַם בעקוועמסטן זיך צו ווענדן צו אַ רייכן יידן אין עניין פון אַן הלוואה. זיי האָבן געוווּסט אַז מיט אַ יידן קען מען זיך צונויפרעדן און קיינער וועט פון דעם נישט וויסן. אַזוי אַרום איז ר' פייערמאַן געווען דער באַנקיר פון אייניקע פּריצים, וועלכע ער האָט אויסגעהאָלפן מיט גרויסע הלוואות, און דערפאַר איז ער געווען פאַרזיכערט, אַז אין האַרבסט וועט ער באַקומען פון זיי אַלצדינג, וואָס זייערע גיטער האָבן אַריינגעבראַכט. אויך די פּריצים זענען געווען צופרידן, ווייל זיי האָבן נישט געדאַרפט ברעכן זיך דעם קאָפּ אין האַרבסט וועמען צו פאַרקויפן זייער אַגראַ־רישע סחורה.

ר' בענדיט פייערמאַן האָט זיך געפירט, ממש, ווי אַ פּריץ. ער איז געפאָרן אין אַ קאָטש געשפּאַנט אין אַ פּאָר גוטע פערד, און אַ קוטשער האָט ביי אים סטאַביל געאַרבעט.

ער האָט געהאַט אַ וואַרעמע האַרץ און אַ אָפענע האַנט. זיינע זין זענען געווען

תלמידי־חכמים און איינער פון זיי איז זאָגאַר געווען אַ מורה־הוראה אין דוואָרט און פאַרטראָטן דעם רב. זיינע טעכטער האָבן באַקומען זייער פיינע חתנים פון מיוחסדיקע משפחות און זענען געזעסן יומם ולילה און געלערנט. פאַרשטענדלעך אַז זיי אַלע זענען געווען אויף קעסט ביי דעם רייכן שווער, ר׳ פייערמאַן *.

אָבער געלט איז קיילעכדיק, און דאָס רעדל דרייט זיך. עס זענען געקומען שווערע עקאָנאָמישע צייטן פאַר יידן אין פוילן.

אין די פוילישע דערפער האָבן געוווינט אויך איינצעלנע יידן, איינער אָדער צוויי אין אַ דאָרף. דער ייד אין דאָרף האָט געהאַט אַ געשעפטל, אין וועלכן דער פויער האָט געקאָנט באַקומען אַלץ וואָס ער באַדאַרפט פאַרן טאָגטעגלעכן געברויך, און דער ייד איז געווען דער אויפקויפער פון פויערס אַגראַרישע אויסאַרבייטונג און ריי־שטאָף ווי תבואה, פלאַקס, חזירים־האָר, פעלכלעך אא״וו.

די מערהייט דאָרפישע יידן האָבן געהאַט אַ גוטן נאָמען ביי די פויערים, אָבער די צייטן האָבן זיך געענדערט. אין דעם נייעם אויפגעקומענעם פוילן האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדע אַנטיסעמיטישע העצע. עס זענען ענטשטאַנען פוילישע ספולדזשעלניעס (קאָאָפּעראַטיוון), וועלכע האָבן געטאָן אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר געווען מעגלעך כדי אַרויסצושטופן דעם יידן. מען האָט אויך געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע ביי די פויערים כדי זיי איבערצוצייגן אַז דער ייד איז אַן איסנוצער.

צוליב די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע גרויל־פּראָפּאַגאַנדע איז די זיכערהייטסלאַגע פון יידן אין דאָרף געווען זייער אַן אָנגעשטרענקטע און פיל יידן, וועלכע האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט זענען אַרויסגעפאָ־ן פון די שטעטלעך.

אויך דער יידישער גוט־באַזיצער ר׳ בענדיט פייערמאַן האָט אינגיכן אָנגעהויבן פילן דעם אַנטיסעמיטיזם. און ווען זיין פוילישער פאַרוואַלטער האָט אים געוואָרנט, אַז ער קען נישט מער גאַראַנטירן פאַר זיין לעבן ווען ער באַזוכט זיין גוט, האָט ער באַשלאָסן דעם גוט צו פאַרק״יפן.. נאָך דעם ווי ער האָט פאַרקויפט דעם גוט, האָט ער זיך גלייך פאַרבונדן מיט אַ פאַבריקאַנט אין וואַרשע אום צו קויפן זיין פאַבריק. ער האָט אים געגעבן אַ געוויסע סומע האַנטגעלט און געמאַכט מיט אים אַ קאָנטראַקט אַז אין משך פון אַ קורצער צייט דאַרף ער אים באַצאָלן דאָס איבריקע געלט. כדי צו שאַפן די געהעריקע סומע האָט ער אויך פאַרקויפט זיין הויז אין דוואָרט. ער האָט זיך נאָר באַוואָרנט, אַז ער האָט רעכט צו וווינען אין אַן אַפּיצינע ביז ער וועט אַרויס־פאָרן קיין וואַרשע. אַז ס׳איז געקומען צום באַצאָלן די רעשט געלט, האָט דער פאַברי־

---

* ר׳ בענדיט פייערמאַן האָט געהאַט פיר זין: הרב אברהם הירש, וועלכער איז געווען צום סוף אַ מורה־הוראה אין דוואָרט, ר׳ יונתן, ר׳ יעקב משה, ר׳ דוד.
זיינע איידימס זענען געווען: 1) הרב מנדל ווישעגראָדסקי, 2) ר׳ הירש לייב טרויבע, 3) יצחק מאיר יוסטמאַן, 4) דוד יוסטמאַן, 5) זאב רוזענשטראָך, 6) יחיאל זייבענבערג, 7) ר׳ מנחם מנדל כשר יבלח״א.

קאַנט, דער פאַרקויפער, חרטה געהאַט. ס'האָט זיך אים געלוינט אויסצוצאָלן דאָס האַנטגעלט מיט פּראָצענט און קנס. ר' פייערמאַן האָט אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן נאָך עפּעס אַן אַנדערן געשעפט. און אַזוי ווי אין פּוילן האָט געהערשט אַ געפערלעכע אינפלאַציע, און די ווערט פון געלט איז אין משך פון אַ קורצע צייט זייער געפאַלן, איז דער נעכטיקער גביר געוואָרן היינט אַן אָרעמאַן. און דאָס איז געשען מיט ר' בענדיט פייערמאַן.

אין אַ קורצער צייט נאָך דעם איז ער קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן.

אַן אינטערעסאַנטע עפּיזאָד, פאַרבונדן מיט ר' בענדיט פייערמאַן, האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זיכרון.

איינמאָל, אין אַ מאַרקטאָג איז געגאַנגען ר' בענדיט פייערמאַן אין גאַס און האָט געפונען אַ פּעקעלע מיט הונדערט זלאָטעס. ער איז גלייך אַוועק צום בורמיסטש, און אים דאָס אַוועקגעגעבן, כדי צו אויפזוכן דעם בעל־אבידה, און אים דאָס געלט אָפּגעבן.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער באַמערקט אַ גוייע, וואָס גייט און זוכט עפּעס און דאַביי וויינט זי מיט ביטערע טרערן. ר' בענדיט פייערמאַן האָט זי געפרעגט וועגן דער סיבה פון איר וויינען, און זי האָט אים דערציילט אַז מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט זי פאַרלאָרן געלט. ער האָט זי באַרואיקט און געזאָגט זי זאָל גיין צום בורמיסטש און ער וועט איר אָפּגעבן איר געלט, ווייל ער האָט דאָס געלט געפונען. פאַרשטענדלעך אַז זי וועט דאַרפן געבן סימנים.

צוויי פּויערים, וועלכע זענען געגאַנגען מיט איר, האָבן איר אַן עצה געגעבן צו זאָגן אַז זי האָט פאַרלאָרן צוויי הונדערט זלאָטעס, און מן הסתם האָט דער זשיד אַראָפּגענומען הונדערט זלאָטעס פאַר זיך. ווען דער בורמיסטש האָט אויסגעהערט איר טענה האָט ער גלייך פאַרשטאַנען אַז זי זאָגט אַ ליגן, ווייל ער האָט גוט געקאַנט ר' בענדיט פייערמאַן און געוווּסט, אַז ער דאַרף נישט האָבן די הונדערט זלאָטעס פון דער פּויערטע. און ווען ער וואָלט געוואָלט האָבן איר געלט האָט ער דאָך געקאָנט נישט ברענגען אין מאַגיסטראַט די אבידה. דער בורמיסטש האָט געענטפערט דער פּויערטע, אַז אויב אַזוי איז דאָס נישט איר געלט, און וואַרשיינלעך האָט די הונדערט זלאָטעס אַן אַנדער מענטש פאַרלאָרן, און אַזוי אַ־ום קען ער איר דאָס געלט נישט אָפּגעבן און ער מוז וואַרטן ביז ס'וועט קומען דער אמתער בעל־אבידה. דאַן האָט זי אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין און דערציילט מיט ביטערע טרערן אַז זי האָט טאַקע פאַרלאָרן נאָר הונדערט זלאָטעס, וועלכע זי האָט באַקומען פאַר פאַרקויפן אַ בהמה, נאָר שלעכטע מענטשן האָבן איר איינגערעדט אַז זי זאָל אַזוי זאָגן. דער ענין איז דערגאַנגען צום געריכט, דער ריכטער האָט געפּסקנט אַזוי ווי דער בורמיסטש האָט געזאָגט. און אַזוי ווי דער בעל־אבידה האָט זיך נישט געפונען איז אויסגעקומען אַז די הונדערט זלאָטעס געהערן צום געפינער. פאַרשטענדלעך אַז ר' בענדיט פייערמאַן האָט נישט געוואָלט הנאה האָבן פון דעם געלט און האָט גלייך אויפן אָרט, אין געריכט, מנדב געווען די

הונדערט זלאָטעס פאַרן פוילישן מושב־זקנים אין דוואַרט. די פאַלשע עדות האָבן באַקומען אַ האַרבע שטראָף און מען האָט זיי אַריינגעזעצט אין תפיסה.

לאַנג האָט מען נאָך גערעדט אין שטעטל וועגן ר׳ פייערמאַנס אָרענטלעכקייט און וועגן די חכמה פון בורמיסטש און פון ריכטער.

פריידה רחל קסטכר (קולטון)

האנטישמיות בדווארט

(קטעי זכרונות)

גרנו בפרבר העיר בהתחלת הרחוב השיראדזי, אשר אחרי כן נקרא ע״ש הקפיטאן סקרז׳ינסקי, הטייס הפולני המפורסם, אשר היה הטייס הפולני הראשון אשר חצה את האוקיאנוס האטלאנטי (נפל במלחמת העולם השניה). רוב שכנינו היו פולנים, ועל כן כה יפה הכרתים וידעתי עד כמה מושרשת בלבם השנאה כלפי היהודים. אומנם כלפי משפחתנו הם היו די הגונים, אבל יהירותם הפולנית הובעה בכל תנועה ובכל מלה.

התייתמתי מאבי ר׳ הירש קולטון בגיל ארבע־עשרה. אבי ז״ל היה סוחר תבואה, ועד כמה שאני זוכרת, היה מצבנו החומרי תמיד די קשה, והחזקנו מעמד הודות לעזרה שקיבלנו מאחותה של אמא, שהיתה באמריקה. אבי היה חסיד סוכטשובי וביתנו היה בית מסורתי.

אמי נתאלמנה בגיל צעיר ונשארה עם חמישה יתומים. כל ארבעת אחי — אהרן מרדכי, לייבל, לייזר ויידל נספו בשואה.

השתייכתי ל„שומר הדתי״, והיות ולא היתה הכשרה מתאימה עבורי בדווארט, עברתי את ההכשרה בפביניצי, אתי יחד היתה גם מלכה אימבר (כהן). הייתי אז די צעירה, בת שבע עשרה.

אמי, לאה, ילידת דוברה, נכדתו של הרב ר׳ חיים דוברער, היתה אשה נבונה, אם מסורה ואשת חיל. היא עבדה קשה מאד כדי לפרנס בכבוד את המשפחה המיותמת. היא דאגה לי מאד ורצתה שארכוש מקצוע התפירה, שיאפשר לי להתקיים בכל מקום. בית־ספר לתפירה לא היה בימים ההם בדווארט ולנסוע ללודז׳ ללמוד לא יכולתי. מולנו היתה פולנייה תופרת טובה. היא היתה תופרת בשביל האינטליגנציה הפולנית; בשביל נשי הרופאים, האחיות (של בית החולים לחולי נפש), נשי מורים, מורות וכו׳. אמי נכנסה אליה וביקשה אותה שתיאות לקבלני כמתלמדת. היות ובית־ספר לתפירה בדווארט לא היה, היו נערות פולניות לומדות אצלה תפירה. היא השיבה את פני אמי ריקם. היא לא רצתה בתלמידות יהודיות ולא רצתה גם לתפור ליהודיות. אבל, כנראה, שהפולנים נהגו

אז בהתאם לפתגם „אם צריך את הגנב — מורידים אותו מהתלייה". והנה קרה מקרה ואחת העובדות שלה חלתה והיא היתה זקוקה מאד לעוזרת, ואז היא נכנסה לביתנו ופנתה אלי כאילו לא קרה ולא כלום: „בואי, פראניה אלי, לעזור לי קצת בעבודה!" כמה רציתי לירוק לה אז בפרצופה — פרצוף השקר והזיוף! אבל, כשאין ברירה, אסור גם להיות ברוגז, וכמובן שב„שמחה" קיבלתי את הצעתה והודיתי לה יפה. גם אמא הודתה לה. וכך התחלתי לעבוד אצלה. הייתי כשרונית מאד והפולנייה כבר לא רצתה לוותר עלי. ואם כי יחסה האישי אלי היה די הוגן, הרי נתקלתי בשנאה ובבוז אל היהודי בביתה על כל צעד ושעל. הנה באה „קלייאנטית" (לקוחה) פולנית אל התופרת, ובראותה אותי פנתה אליה, ומבלי להתחשב בנוכחותי שאלתה: „גברת ביליצקי, למה קיבלת יהודייה לעזור לך, וכי חסרות לך נערות פולניות מתאימות?" המלים האלה חתכוני כמו איזמל חד, לבי, ממש, שתת דם. הייתי נאלצת להבליג ולשתוק. השפלתי את ראשי, כאילו תקעתיו בתוך הבד, שהחזקתי אז בידי והמשכתי בעבודתי מתוך זעם עצור. זה היה ב־1934. גברת ביליצקי, התופרת, התנצלה בפני הלקוחה ואמרה: „לו הנערות שלנו היו כה מוכשרות כמו היהודונת הזאת, לבטח לא הייתי מחזיקה אצלי אפילו יום אחד". ה„שקצות" שעבדו אתי הציקו לי מאד. הם שנאו אותי בשנאה כפולה ומשולשת: גם כיהודייה, גם כעובדת מוכשרת וגם בראותן, שהגברת ביליצקי זקוקה לי מאד. במומנטים כאלה, שהפולניות היו לועגות לי ואומרות „מורגש, שהיהודייה אכלה היום בצל!" בעלת־הבית היתה עושה את עצמה כאילו לא שומעת וכלל לא היתה מגיבה. ייתכן, שאז, ברגעים כאלה, אולי נהגה בשיטה נכונה, כי לו היתה מגיבה אולי היה יחסן אלי נעשה יותר רע, אבל אני אז סבלתי מאד וראיתי את עצמי מופקרת לשבט ולחסד של ה„שקצות" האלה, אשר לא ידעו בין ימינן לשמאלן ובהתאם לפתגם „לא יכלו אפילו לקשור את זנבו של החתול". לא פעם ראו במו עיניהן עד כמה הן טיפשות. גב' ביליצקי לא יכלה להיעזר בהן בשום שליחות או בשום תפקיד אחראי. במקרים כגון אלה היתה פונה אך ורק אלי.

מהתקופה, הקצרה יחסית, שעבדתי אצל התופרת הפולנית, למדתי הרבה מאד. הבנתי שאין לנו שום עתיד בפולין ועל היהודים לעזבה בהקדם. החלטתי, ויהי מה, לעלות ארצה. לא חסכתי מאמץ והתקבלתי להכשרה. אומנם דודי ר' לייב אוקלדק היה נגד נסיעתי ואמר לאמי: „לאן את שולחת ילדה צעירה כזאת?" אבל אמי העדיפה להיענות למשאלתי מאשר לשמוע בקולם של דודים. היא ראתה שאני צודקת. ואל לנו לשכוח שאנו באנו במגע עם פולנים אינטליגנטים ומנומסים, ושם ראינו והרגשנו את השנאה הגדולה המפעפעת בקרבם, ומה יש כבר להגיד על ההמון? בבואי לבתים הפולנים ברחובנו ראיתים קוראים את העתונים האנטישמיים, ובבואי היו מחביאים אותם לבל אראם. בראש התנועה האנטישמית בדווארט עמד, נדמה לי, הרוקח גרודניביץ, אשר אירגן משמרות על יד החנויות היהודיות, לבל ייכנסו פולנים לקנות שם.

על כל פנים פולין עלי נמאסה, ובשנת 1935 עליתי ארצה.

רבקה פרוינד (אייזנר)

חילול שבת

מיינע עלטערן האָבן געהאַט אַ שפּייז געשעפט אין מאַרק־פּלאַץ. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז גאָר נישט געווען אַזוי פּשוט צו אויסקומען מיט דער פּרנסה. די שטייערן זענען געווען זייער גרויס, ספּעציעל אויף אידן. מען האָט, ממש, געשונדן די הויט. אויך האָט זיך געפּיט סקלאַדקאָווסקיס פּאָליטיק (דער פּרע־מיער מיניסטער פון פּוילן) אין פּויסטן ברען — „באָיקאָטירן — יאָ!" און מען האָט די אידישע געשעפטן אַרומגעשטעלט מיט פּיקעטן, כדי פּאָליאַקן זאָלן נישט אַרייגגיין צו אַ אידן קויפן. אויך זענען דאַן ענטשטאַנען פּוילישע געשעפטן, און דער איד האָט געמוזט גענוג ברעכן דעם קאָפּ כדי דער פּויער זאָל דאָך צו אים אַריינגיין. אַזוי אַרום איז מען געווען געצווונגען צו פאַרקויפן אויך זאַכן, וועלכע זענען געווען פאַרבאָטן, און מען האָט אויף זיי געמוזט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש.

מיין פאָטער האָט אויך פאַרקויפט שטילערהייט סאַכאַרין. דער פּוילישער אָרעמער פּויער האָט זיך נישט געקאָנט דערלויבן, אַפילו זונטיק, אָנצוזוקען זיין קאַפע מיט צוקער, און ער האָט געמוזט גיין ביים אידן קויפן סאַכאַרין. און סאַכאַרין האָט ער נאָר געקאָנט באַקומען ביי אַן איד. איינמאָל איז אַריין צו אונז אין געשעפט אַ געהיים אַגענט, פאַרשטעלט פאַר אַ פּויער און האָט איינגעקויפט סאַכאַרין. אין איניקע מינוטן אַרום איז דאָס געוועלבל געוואָרן פול מיט פּאָליציאַנטן און געהיים אַגענטן, אַזוי, ווי מיר וואָלטן געווען די גרעסטע פאַרברעכער אין דער וועלט. נאָך היינט, נאָך צענדליקער יאָרן זע איך דאָס פינצטערע בילד פאַר די אויגן; די פּאָליציאַנטן זוכן און שפּורן יעדעס ווינקעלע, און מיין פאָטערס צעשראָקענע אויגן און טויט בלאַסן פּנים.

אין טאָג פון משפּט האָט מיין מוטער אָנגעצונדן גרויסע יום־כיפּור־ליכט, געוויינט און געבעטן אויף אַ לייכטערן אורטייל.

דער משפּט איז פאָרגעקומען אין קרייז־שטאָט — שיעראַדז. עס איז געווען אַ ווינ־טערדיקער פרייטיק און מיין פאָטער, נישט וואַגנדיק מחלל שבת צו זיין איז נישט געפאָרן נאָר געגאַנגען צו פוס. ער איז געקומען קוים לעבעדיק שפּעט אין אָוונט, פאַרשנייט און אָן כוח.

זונטיק אין דער פרי איז מיין פאָטער, נאָך מיט די פאַרבלאָטיקטע שטיוול, אַוועק צום רב זיך פאַרענטפערן, וואָס ער איז געגאַנגען אים שבת אויסערן תחום. ער האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט צו באַקומען אַ שטראָף פאַר דעם, וואָס ער האָט מחלל שבת געווען.

וואָס דער רב האָט אים געזאָגט ווייס איך נישט, אַלנפאַלס האָט דער רב אויפן

פאָטער קיין שטראָף נישט אַרויפגעלעגט, דאָס האָט געטאָן פאַר אים דער פּוילישער געריכט.

דער נס אין תפיסה

עס האָט גאָרנישט געהאָלפן און מיין פאָטער האָט געמוזט אָפּקומען דעם פּסק־דין — צוויי וואָכן זיצן אין תפיסה.

אַריינגעזעצט האָט מען אים מיט אַ חברה כוליגאַנעס און גנבים. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן דעם טייערן פאָטער, אַ פרומער איד, מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע און מיט אַ לאַנגע באָרד געפינט זיך אין אַזאַ געזעלשאַפט אַפילו אַ קורצע צייט.

מען האָט זיך גלייך אָנגעהויבן איבער אים צו פייניקן. איין כוליגאַן האָט אים געגעבן אַ קלאַפּ, אַ צווייטער אַראָפּגעוואָרפן דאָס היטל, און אַ שקץ האָט, רופנדיק אים „ז׳יד״ געוואָלט אַ וואָרף טאָן אים אויף זיין חבר און אַזוי אַרום שפּילן זיך מיטן אידן ווי מיט אַ באַל. אָבער דאָ האָט עפּעס פּאַסירט:

„דו הונטערשער זון, אַן אָרנטלעכן מענטשן ווילסטו שלאָגן?״ האָט זיך דערהערט אַ געשריי און דער שקץ האָט באַקומען אַ פּראַסק אין פּרצוף, אַז ער האָט זיך שיר נישט איבערגעקערט.



משפחת פרוינד:
זאב פרוינד, אסתר פייגה זיין פרוי, די זין: מאיר גרשון, אפרים יהודה, אהרון, ישראל יצחק, די טאָכטער — רבקה נחמה

און צו מיין איבערראַשטן פּאָטער האָט זיך געוואונדערט דער וואונדערבאַרער רעטער אין אַ ריינעם אידיש. „פּעטער, האָט נישט קיין מורא! איך בין טאַקע אַ גנב, אָבער פּאָרט אַן איד!״ „איך וועל נישט לאָזן אַז אַן עשו זאָל אייך טאָן שלעכטס״.

מיין פּאָטער האָט מיט פיל דאַנקבאַרקייט געדריקט די האַנט פון דעם גנב, וואָס האָט נישט פאַרגעסן דאָס פּינטעלע איד אויך ווען ער איז גאַנץ נידריק מאָראַליש געפאַלן. ער האָט געזען באַשיינפּערלעך די ריכטיקייט פון די צוויי שפּריכווערטער: „ישראל זענען הייליק״ (ישראל קדושים הם״ שבת פו.) און „אַן ישראל כאָטש ער האָט געזינדיקט איז דאָך אַן איד״ („ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא״ סנהדרין מד).

פּסיה שוטון

כ׳ האָב נישט פאַרגעסן

מיט פינף און דרייסיק יאָר צוריק האָב איך פאַרלאָזן מיין היימאַט־שטעטעלע דוואָרט און עולה געווען קיין ארץ־ישראל. און טראָץ דעם וואָס איך און מיין פאַמיליע האָבן אַזוי פיל דורכגעמאַכט אין ישראל, קען איך בשום אופן נישט פאַרגעסן דוואָרט און ווען כ׳הער דאָס ליד „בעלז, מיין שטעטעלע בעלז״, פליסטערן מיינע ליפּן נישט ווילנדיקערהייט „דוואָרט, מיין שטעטעלע דוואָרט, ווו כ׳האָב מיינע בעסטע יאָרן פאַרבראַכט!״

אַ שטעטעל, ווי ס׳וואָלט געווען איין גרויסע יידישע משפחה, פאַרשטענדלעך אַז אין דער דאָזיקער גרויסער משפחה זענען געווען פאַרשיידענע קלאַסן ווי דער שטייגער איז.. אויך אין אַ געוויינלעכע משפחה שאַפן זיך מיט דער צייט גאַנץ גרויסע אונטער־שידן צווישן איין מיטגליד פון דער משפחה און צווישן דעם אַנדערן. אָבער אין פאַרהאַלטן זיך איינעם צום אַנדערן האָבן זיך די קלאַסן־אונטערשידן נישט אַזוי שטאַרק געפילט. די האַלטונג איז געווען אַ היימישע, אַ נאָענטע. זאָגאַר מיט מענטשן, מיט וועלכע מ׳האָט נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט האָט מען זיך העפלעך באַגריסט און אַנטקעגן געטראָגן דעם ,גוטן מאָרגן׳ אָדער די ,גוטע נאַכט׳ מיט פריינד־שאַפט.

שבת נאָכמיטיק, ווען מ׳איז אויפגעשטאַנען פון מיטיק־שלאָף און מ׳האָט זיך אַוועק־געזעצט פאַר די הייזער אויף די גאַנקעס צו שעפן פרישע לופט נאָך דער פאַרשמייעטער וואָך, איז עס געווען ווי אַן אויסשטעלונג. ווען דו ביזט פאַרביי געגאַנגען די דאָזיקע

אויסשטעלונג האָט דאָס מויל נישט אויפגעהערט צו מורמלען אויף רעכטס און אויף לינקס דעם העפלעכן „אַ גוט שבת!״ כמעט צו יעדן.

ס׳לעבן איז געווען אַנגענעם און אידיליש, און בפרט ווען מ׳קוקט דערויף מיט יונגע אויגן.

דוואָרט האָט פאַרמאָגט זייער אַ שיינע פּאַנאָראַמע, אַרומגערינגלט מיט סעדער און גערטנער. אַז ס׳האָט זיך דערנענטערט דער פרילינג און די ביימער האָבן אָנגעהויבן בליען און באַדעקן זיך מיט בלומען פון פאַרשידענע קאָלירן, האָט דאָס מענטשלעכע אויג זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט דער שיינקייט פון דער נאַטור. און ווען די לבנה האָט עס ביינאַכט באַלויכטן, האָט עס נאָר געדאַרפט אַ קינסטלער־האַנט אויפמאָלן.

ס׳זענען געווען פאַרשטענדלעך אויך גענוג שאָטן־זייטן אין דוואָרט. דאָס פּראָבלעם פון בילדונג איז געווען אַ גאַנץ דרינגנדער און קאַטאַסטראָפאַלער. קיין מיטלשולע איז נישט געווען אין דוואָרט. אַ קורצע, זייער אַ קורצע צייט איז געמאַכט געוואָרן אַ געוויסע אָנשטרענגונג און ס׳איז געגרינדעט געוואָרן אַ רעאַל־שולע, וועלכע האָט גאַנץ קורץ עקזיסטירט. כ׳בין געווען אויך צווישן די וועלכע האָבן געגאָסן אַ קורצע צייט פון דער דאָזיקער שולע, אָבער ליידער מער נישט ווי פאַרזוכט, ווייל צוליב מאַטעריעלע סיבות האָט זי זיך געשלאָסן. דער דור, וואָס איז געקומען נאָך מיר האָט זאָגאָר נשט געוווסט אַז ס׳האָט בכלל עקזיסטירט אַ רעאַל־שולע. און מיר זענען נאָכן שליסן זיך פון דער רעאַל־שולע געבליבן מיט אונדזער איינציקן שטאָטישן בילדונגס אַנשטאַלט — די פאָלקסשולע. וואָס אַן אמת האָט אויך די פאָלקסשולע געמאַכט אַ פּרווו און געעפנט אַ העכערע קלאַס, און פונקט מיר איז געלונגען פון דער דאָזיקער קלאַס הנאה צו האָבן. ייִנגלעך זענען כמעט נישט געווען אין קלאַס. די ווייניק ייִדישע ייִנגלעך זענען געווען זייער איגנאָרירט פון די פּוילישע שילער. צו די ייִדישע מיידלעך האָבן זיי זיך באַצויגן אַ ביסעלע העפלעכער, אָבער די שנאה צום ייִדן האָט זיך געפילט אויף שריט און טריט. ס׳זענען שוין פאַרביי אַזוי פיל יאָרן, און כ׳האָב נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט פאַרגעסן דעם גיפטיקן אויסדרוק פון מיין שולפאַרוואַלטערין אויף אונדזערע אַן אָנקלאַגע: „איר זייט דאָך אויף דער פּוילישער ערד, מוזט איר ליידן!״

וואָס ווייסן מיינע קינדער און אויך יעדער שילער אין ישראל, וואָס אַלע טויערן זענען פאַר זיי אָפן, וועגן די ליידן וואָס מיר האָבן געליטן אין גלות־פּוילן. און דערצו נאָך אין אַ קליין שטעטל. אַז מ׳האָט געוואָלט, נאָכן ענדיקן די פאָלקסשולע ווייטער לערנען האָט מען געמוזט פאָרן אין אַ גרויסע שטאָט, און דאָס, פאַרשטייט זיך איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות. נו, האָט זיך דען יעדע ייִדישע משפחה געקאָנט דערלויבן אויף אַזאַ לוקסוס? און אויב מ׳האָט שוין יאָ געפונען די מאַטעריעלע רעסורסן האָט מען זיך באַגעגנט מיט אַן אַנדער שוועריקייט: דאָס לערנען שבת און יום־טוב. און ווי קאָן דאָס זיין מעגלעך אַז אַ ייִד פון דוואָרט זאָל מסכים זיין אַז זיין

קינד זאָל לערנען שבת? האָט מען טאַקע געהאַלטן די קינדער אין דער היים, און די גוישע שילער האָבן געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו לערנען. האָט מען געזוכט אַלע וועגן צו לערנען פּריוואַט. איך צום ביישפּיל האָב געלערנט בוכהאַלטעריע. אָבער אויך ווען מ׳האָט שוין עפּעס געלערנט איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט דאָס אויסצוניצן, און אַזוי אַרום איז דאָס וואָס מען האָט דערגרייכט נאָך אַזוי פיל מי און מאַטערניש, נאָך אַ געוויסער צייט פאַרגעסן געוואָרן.

יידישע לימודים האָט מען געלערנט אין „חדר״. מיין רבי האָט געטענה׳ט אַז



אַ גרופּע יונגע מיידלעך

די ערשטע שורה אויבן, פון רעכטס: **חיה אוקלאַדק, פסיה נוימן, פסיה טראובה**
די צווייטע שורה: **בלצ׳יה ארליך, רגינה מאירוביץ, פרלה נוימן, מחלה גרינבוים**

כ׳קען בעסער דאַוונען ווי אַ ייִנגל. מ׳האָט געזוכט אַלע וועגן מ׳זאָל דערגרייכן עפּעס, וואָס הייסט לערע. מיר זענען געווען אַ גרופּע מיידלעך, וואָס מיר האָבן געוואָלט פאַר יעדן פּרייז זיך לערנען און ענטוויקלען. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ קולטור קרייז. איינע פון מיינע בעסטע פריינדינס, פּערלא נוימאַן, האָט געשטעלט צו אונדזער דיס־פּאָזיציע איר שטוב און מיר האָבן אויסגעקליבן צוויי באַגאַבטע בחורים, זיי זאָלן קומען און זיין אונדזערע לערער. איינער איז געווען שמואל יעראָזאָלימסקי ז״ל, און דער אַנדערער, אים אויף לאַנגע יאָר, חנן שוטון. צוויי מאָל אין וואָך האָבן זיי געהאַלטן פאַר אונדז ליטעראַרישע שמועסן איבער העברעאישע, יידישע און אַלגעמיינע ליטע־ראַטור. און אַזוי אַרום האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט באַגריפן, וועלכע זענען געווען פאַר אונדז פריער גאַנץ פרעמד. און ווען ס׳האָט זיך געגרינדעט אין דוואַרט די י. ל. פּרץ ביבליאָטעק, האָבן זיך פאַר אונדז ענטפּלעקט ברייטע און נייע האָריזאָנטן.. מיר

האָבן אייניקע מאָל אין וואָך געביטן ביכער, געשמועסט איבער די געלעזענע און באַקענט זיך מיט נייע פאַרשידענע טעמעס און פּראָבלעמען. אַ געוויסע צייט בין איך אויך געווען ביבליאָטעקערין אין די דאָזיקע ביבליאָטעק און אַזוי אַרום האָב איך געהאַט אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן צו לעזן ביכער וויפל מיין האַרץ האָט באַגערט.

מיר זענען געווען אַ גרויסע משפחה. ביי מיין זיידע און באַבע זענען אויסגע־וואַקסן עלף קינדער, און יעדעס קינד האָט געלערנט פּריוואַט. פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן, און נישט יעדע יידישע משפחה אין דוואָרט האָט זיך אויף דעם געקאָנט דערלויבן.

מיין טייערער גאָטזעליקער פאָטער ר׳ מאיר לוזער האָט באַהערשט די פּוילישע שפּראַך אין וואָרט און שריפט פּערפעקט. ער האָט פאַרמאָגט אַ קליין ביבליאָטעק, און אַלס קינד האָב איך ליב געהאַט צו בלעטערן אין מיין פאָטערס ביכלעך, און ווען כ׳בין אונטערגעוואקסן האָב איך זיי אויך גאַנץ גערן געלעזן.

מיין פאָטער איז געווען אַן אָנגעזעענער מענטש אין דוואָרט. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון דער גמילות חסדים־קאַסע און אויך אַ גבאי אין שול. ער איז געווען אַ באַשיידענער מענטש און האָט נישט ליב געהאַט צו שטופּן זיך און זיין אַ כלל־טוער, אָבער אַלע האָבן אים געשעצט און אַלס אנערקענונג אים אויס־געוויילט אַלס פאַרשטייער אין פאַרשידענע אַנשטאַלטן. ער איז געווען זייער אַ קלוגער מענטש און געשמט מיט זיין אמת און יושר. און נישט איינמאָל, ווען צוויי יידן האָבן געהאַט צווישן זיך אַ סכסוך, האָבן זיי פּראָפּאָנירט אַז ר׳ מאיר לוזער זאָל זיין דער בורר. און ער האָט דאָס געטאָן נישט חלילה פאַר געלט נאָר פון געפיל העלפן אַ יידן. מ׳האָט ליב געהאַט צו הערן אים ריידן, ווייל יעדער שמועס זיינער איז געווען באַגלייט מיטן זיסן זאַפטיקן יידישן הומאָר, און הערנדיק אים ריידן האָט מען געמיינט אַז מ׳לייענט שלום עליכמ׳ס אַ דערציילונג.

שבתים און ימים טובים איז אונדזער שטוב געווען תמיד פול מיט אורחים, אַרעמע לייט, וועלכע האָבן פונקט געוויילט אין דוואָרט, און האָבן נישט געהאַט קיין קרוב און קיין גואל. אויך מיין שוועסטער שרה־לאה, ע״ה, האָט אונדז צוגעשטעלט אורחים. אויף שבת און יום־טוב האָט דער דוואָרטער שפּיטאָל פאַר גייסטיק קראַנקע, באַפרייט פיל פון זיינע יידישע קראַנקע, וועלכע האָבן זיך שוין אַ ביסל בעסער געפילט, און מיין שוועסטער, וועלכע האָט זיך מיט זיי וואלענטאריש מטפל געווען, האָט זיי אונדז געבראַכט אַהיים. טיילמאָל האָבן זיי זיך נישט געוואָלט צוריק אומקערן אין שפּיטאָל אַריין און מ׳האָט געמוזט זיי קענען איבערצייגן אַז זיי זאָלן וועלן גיין צוריק אין שפּיטאָל. עד היום געדענק איך נאָך פיל טיפן פון די דאָזיקע אומגליקלעכע, וועלכע האָבן ביי אונדז שבת און יום טוב געגעסן און זיך מחייה געווען..

און מיין מאַמע, פריידל, די גרויסע ווירטין, האָט דערפילט איר חוב ווי אַן עכט

ייִדישע מוטער און האָט פאַר אַלעמען אָנגעגרייט מיט דער פולער האַנט.

און אַזוי האָט דאָס לעבן געפלאָסן שטיל און רואיק, ביז ס׳האָט אויפגעשווומען די פראַגע פון עולה זיין נאָך ארץ ישראל. דער פּיאָנער, דער ערשטער, וועלכער איז עולה געווען פון אונדזער משפחה, איז געווען מיין אומפאַרגעסלעכער ברודער פנחס, עליו השלום. ער איז עולה געווען אַלס אַ חלוץ. און זייענדיק אין ארץ ישראל אַ גאַר־קורצע צייט איז אים געלונגען נאָך זייער שווערע באַמיאונגען צו באַקומען אַן אויספאָדערונג פאַר מיינע עלטערן. ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט אַז מ׳דאַרף זיך איילן צו ראַטעווען די עלטערן פון דעם אַנטיסעמיטישן פוילן. ער האָט ווי געפילט אַז די ערד הייבט אָן צו ברענען אונטער די ייִדישע פיס.

און דאַמאָלט האָבן זיך די עלטערן מיינע געמוזט שיידן מיט מיר און מיין שוועס־טער און, נישט ווייסנדיק, געשייט זיך אויף אייביק פון אַ גרויסער, פאַרצווייגטער משפחה, און זיי זענען אַוועק אין די ווייטע וועלט. אַלע האָבן זיי באַגלייט מיט גע־מישטע געפילן, אָבער אַלע מיט טרערן, טרערן פון זאָרג און פרייד. ס׳איז נישט געווען דאַן פון די לייכטע זאַכן אַלס עלטערע מענטשן אָנהייבן דאָס לעבן אויפסניי; אַ ניי לאַנד, נייע מענטשן, נייע מנהגים א. א. וו. איך מיט מיין שוועסטער זענען מיר געבליבן אין דוואָרט און געוואַרט אויף אַ נס, אַז מ׳זאָל זיך קענען פאַראייניקן מיט די עלטערן אין א״י. צו קומען אויף אַ לעגאַלן אופן קיין ארץ־ישראל איז געווען שוין דאַן כמעט אוממעגלעך. מיינע עלטערן האָבן געטאָן אַלעס מעגלעכע און ס׳איז זיי נישט געלונגען. ביז מיין עליה האָב איך דריי מיט אַ האַלב יאָר געוווינט ביי מיין נאָענסטע חברטאָרין



פנחס נוימן ז״ל
געשטאָרבן אין ישראל 1968

און טאַנטע רעגינא מאיראָוויטש, ס'הייסט ביי איטשע ניימאַן מיט זיין פרוי.

כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן זייער גוטע און וואַרעמע באַציאונג צו מיר. און ווען ס'איז געקומען דער גליקלעכער טאָג פון עולה זיין איז ווידער געווען שרעקלעך שווער, ווייל מיין שוועסטער שרה־לאה איז געבליבן די איינציקע פון אונדז, אין גלות. מיינע לעצטע ווערטער, שוין זייענדיק אין באַן פאַרן אָפּפאָרן, זענען געווען באַרואי־קונגס־ווערטער און טרייסט: „מיר וועלן דיך נישט פאַרגעסן, מיר וועלן דיך אַרויס־נעמען פון גלות!" ליידער האָבן מיר, נישט איך און נישט מיינע נאָענטע, מקיים געווען דעם קורצן צוזאָג. דעם ערשטן טייל — יאָ, מיר האָבן זי נישט פאַרגעסן, אָבער ליידער נישט באַוויזן זי אַראָפּברענגען צו אונדז און זי איז אומגעקומען מיט איר מאַן און פּיצעלע קינד, דערמאָרדעט דורך די נאַצישע מערדער. מער ווי אַ קליינעם דענקמאָל אויפשטעלן אין קרית־שאול צום אָנדענק נאָך איר מאַן און קינד, איז אונדז ליידער נישט געלונגען צו טון פאַר אירע טייערע. די טייערע מאַמעס אויגן האָבן נישט אויפ־געהערט פון וויינען. אָבער ליידער...



מאיר לוזר נוימן און זיין פרוי פראַדל ז"ל
געשטאָרבן אין ישראל

אין פעברואַר 1939 האָב איך פאַרלאָזט פוילן מיט אַ שיף וואָס האָט געפירט בהמות. מיר זענען געווען ביי אַ 600 מענטשן אָנגעפּאַקט אַזוי ווי הערינג אין אַ פאַס. די סאַני־טאַרע באַדינגונגען זענען געווען שווערע. ס'האָט אונדז אויסגעפעלט זאָגאַר וואַסער צום טרינקען. עטלעכע וואָכן האָבן מיר זיך געשלעפּט מיט דעם דאָזיקן שיף. אין איינע פון די שווערע פעברואַר נעכט איז אונדזער שיף אַרויף אויף אַ פעלז און דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין די עסנוואַרג־מאַגאַזינען. דער נס איז געווען וואָס מיר זענען געווען נאָענט צו גריכנלאַנד. מ'האָט אונדז אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט אַראָפּגעלאָזט אויפן אינזל קרעטאָ. איך בין געווען פון די ערשטע וואָס מ'האָט אַראָפּגעלאָזט מיט רעטונגס־שיפלעך אויפן ים, וועלכע האָבן אונדז געבראַכט צום אינזל. דאָס געפיל פון דעם דאָזיקן מאָמענט איז מיר שווער אויסצודריקן מיט ווערטער.

מיר זענען געווען דערשיטערט פון דעם טויט־שרעק, און ערשט דאַן ווען מיר זענען שוין געווען אויף אַ זיכערן אָרט, און מיר האָבן געזען ווי אונדזער שיף גייט לאַנגזאַם אונטער, האָבן מיר אָנגעהויבן ציטערן, פאַרשטייענדיק אין וואָס פאַר אַ געפאַר מיר זענען געווען. אויף די ס. או. ס. רופן איז אָנגעקומען אַ צווייטע שיף פון עלייה ב׳ מיט אַ זעקס הונדערט עולים און האָט אונדז אויפגענומען. ס׳איז זייער שווער צו שילדערן אין וואָס פאַר אַ באַדינגונגען מיר האָבן געמוזט לעבן. די שיף איז געווען צו קליין פאַר אַזוי פיל מענטשן. אָבער, לײדער איז נישט געווען קיין ברירה. כ׳בין געווען זייער פּעסימיסטיש געשטימט. כ׳האָב נישט געגלויבט אַז מיר וועלן אַמאָל אָנקומען נאָך ארץ ישראל, און אַז ס׳וועט נעמען אַ סוף צו דער שרעקלעכער רייזע. אָבער דאָך האָט געשען דער נס, און אין דער נאַכט פון 20 אויף 21 מערץ, ווען דער פרילינג זאָגט אָן זיין אָנקומען, זענען אויך מיר אָנגעקומען צום ברעג פון דאָס אויסגעבענקטע לאַנד, דאָס איז געווען ביי די ברעגעס פון דעם ים אין נתניה. די ערשטע האָט מען אַראָפּ־געלאָזט פרויען און קינדער און די מענער האָבן זיך געמוזט אומקערן צוריק צום ים, ווייל מ׳האָט נישט באַוויזן אַזוי פיל מענטשן מיט איינמאָל אַראָפּנעמען. די בחורים און די מיידלעך פון דער הגנה, וועלכע האָבן אונדז אָפּגעוואַרט ביים ברעג ים האָבן אונדז אַרויפגענומען ממש אויף די הענט נאַסע, דערשראָקענע און טויט מידע. נאַכער האָט מען אונדז געבראַכט אין אַ מאַגאַזין און אונדז פאַרשלאָסן. אַזוי זענען מיר געשטאַנען אין דעם מאַגאַזין אַ לענגערע צייט און מורא־געהאַט אַפילו טיף אָפּצואָטעמען, מ׳זאָל אונדז חס וחלילה נישט געפינען, ווייל די ענגלענדער האָבן אונדז געזוכט. מיר זענען געשטאַנען צוגעפּרעסט איינע צו דער אַנדערער און געשוויגן, און בלויז דאָס קלאַפּן פון אונדזערע דערשראָקענע הערצער האָט זיך געהערט, און מיר האָבן געדענקט אַז אַוודאי הערט מען דעם דאָזיקן קלאַפּן ווייט ווייט. אַזוי זענען מיר געווען פאַרשטעקט ווי עפּעס אַ טריפענע „סחורה״, ווי אַ קאָנטראַבאַנדע. אַ צאָן האָט אונדז געקלאַפּט אָן אַ צאָן, אָבער מיר האָבן אַלץ אָנגענומען באהבה, ווייל מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז באַלד וועלן זיך אונדזערע צרות ענדיקן. און טאַקע, ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, די ערשטע זונען־שטראַלן האָבן אָנגעהויבן שיקן זייער מילדע וואַרעמקייט, האָט מען אונדז אַרויס־געלאָזן אויף דער פרייַ אַ ביסל זיך דערוואַרעמען די פאַרפראָרענע ביינער. באַלד זענען אויך אָנגעקומען אויטאָבוסן און האָבן אונדז געבראַכט נאָך תל־אביב אויף לילינבלום גאַס, און פון דאָרט האָט מען אונדז צעפירט לויט די אַדרעסן פון די קרובים. מיין ריי איז ערשט דערגאַנגען אַרום האַלבן טאָג. די צייט האָט זיך מיר געצויגן ווי לאַנגע יאָרן, יעדע מינוט איז געווען אין מיינע אויגן ווי לאַנגע ענדלאָזע טעג. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט אַז דאָס איז אַן עוויקייט, און קיינמאָל וועל איך שוין פון דאַנען נישט אַרויס, אַזוי ווי כ׳וואָלט געווען פאַרמשפּט אויף אייביקע תפיסה. אָבער אַז מ׳לעבט דערלעבט מען, און אויך מיין ריי איז דערגאַנגען. און ענדלעך האָט מען מיך צוגעפירט ביז אין שטוב פון מיינע עלטערן. אָט די גרויסע מינוט, אין וועלכער כ׳האָב איבערגעטראָטן

די שוועל פון מיינע עלטערנ׳ס שטוב איז פאַרעכנט אין מיין האַרצן אַלס די שענסטע מינוטן אין מיין לעבן, און דער דאָזיקער טאָג וועט נישט פאַרווישט ווערן קיינמאָל פון מיין זכרון.

און ווען כ׳האָב מיך שוין גוט אויסגערוט בין איך ערשט געווען אימשטאַנד צו פאַרשטיין וואָס כ׳האָב אַלץ אַדורכגעמאַכט, און כ׳האָב מיך אַליין געוווּנדערט ווי אַזוי איך האָב געהאַט אַזוי פיל כוחות דאָס אַדורכצומאַכן. כ׳האָב מיך דאַן נישט געקאָנט פאַרשטעלן אַז מיינעליידן זענען געווען נור ווי אַ טראָפּן אין ים אין פאַרגלייך מי׳ט די ליידן פון מיין שוועסטער און אַנדערע יידן, וועלכע האָבן נישט געהאַט דעם מזל אַרויסצוכאַפּן זיך פון היטלער־גיהינום. כ׳האָב אונטער דעם איינפלוס פון מיינע שווערע איבערלעבונגען אָנגעשריבן אַ בריוו צו מיין פריינדין און איר גענוי אַלץ דערציילט, כ׳האָב איר אָפּגעראַטן צו מאַכן אַזאַ רייזע, ווייל ס׳איז אוממעגלעך פאַר אַ מענטשן דאָס אויסצוהאַלטן. אָבער זי האָט צום גליק מיך נישט געפאָלגט און איז כמעט אין לעצטן מאָמענט אַרויס פון פוילן און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט. אין פוילן האָט שוין דאַן געבושעוועט די מלחמה.

און מיט מיין אָנקומען קיין ארץ־ישראל האָט זיך געעפנט אַ נייע בלאַט אין מיין לעבן, אַרבעטן שווער אויפן קיום, אויפשטעלן אַ משפחה און צוזאַמען מיט אַלע יידן אין לאַנד ביילייגן מיין חלק אין בויען די צוקונפטיקע יידישע מדינה.



גיטל קליינברג (די באַבע פון פסיה שוטון) און אירע אייניקלעך — שאול און חיימקה

כ׳בין גליקלעך מיט דעם זכות וואָס ס׳איז מיר געגעבן געוואָרן, אָבער כ׳קען בשום אופן נישט פאַרגעסן אָט די אַלע טייערע פון דער אַלטער היים, וואָס האָבן נישט דער־לעבט צו זען די גרויסע וווּנדער — דאָס אויפלעבן פון אַ נאָרמאַלן פאָלק, וועלכער בויט און קעמפט טאָגטעגלעך פאַר אַ בעסערן מאָרגן.

כתריאל מוניץ

קטעי זכרונות

גרנו ברינק בית מס׳ 8.

